— מיר האָבען איהם אוועקגעגעבען אונזער לעצטע געלט! — האָבען זיי געשריען.

דאָס האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם טרויער אין רמב"ם'ס הויז. אַלע האָבען נאָך בולטער געזעהן דעם אומגליק. ער איז דערטרונקען געוואָרען מיט פרעמדע געלט.

בנימין האָט פאַר אַלעמען דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דעם אומגליק ווי ער האָט עס געהערט פון דעם תימנ'ער איד.

— דער הייליגער דוד האָט קיינעם פון אייך ניט פאַרגעסען! — האָט בנימין טרויעריג געזאָגט — ער האָט פאַר יעדען איינעם איינגעהאַנדעלט קאָסטבאַרע שטיינער און ציערונג פאַר די געלט וואָס ער האָט פון אייך באַקומען. ער האָט יעדען פּעקעל איינגעפּאַקט באַזונדער און אָנגעצייכענט דעם נאָמען פון דעם אייגענטימער, אָבער אַז גאָט האָט ניט געוואָלט, איז ער דערטרונקען געוואָרען צוזאַמען מיט דעם גאַנצען רייכטום.

— אָבער מיר זיינען פאַרבליבען אָרימע לייט! — האָט איין סוחר געזאָגט— אונזער גאַנצער פאַרמעגען האָבען מיר פאַרלאָרען.

— און ווער קען אָפּשאַצען אונזער פאַרלוסט! — האָט שפרה וויי־נענדיג געזאָגט — גרויס איז אונזער וואונד פון אונזערע הערצער וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערען. אָבער איהר זייט רוהיג, מיר וועלען זעהר אייער שאָדען גוט צו מאַכען— אונזער שאָדען וועט שוין זיין אומ־מעגליך גוט צו מאַכען.

## קאַפּיטעל ניין

דער גרויסער אומגליק וואָס האָט געטראָפען די משפחה פון רמב"ם האָט זיך געלעגט ווי אַ פינסטערע כמאַרע אויף אַלעמענס הערצער. קיינער האָט זיך ניט געקענט טרייסטען. די יונגע אלמנה איז אַרומגעגאַנגען פאַר־חושכ'ט און פאַרטרויערט. ווען ניט דאָס קינד נעמי, וואָס איז געווען אַזוי ענליך צו דוד'ן וואָלט זי דעם צער ניט געקענט אַריבערטראָגען.

שפרה האָט אויך געטרויערט נאָך איהר ברודער, אָבער אַמשווערסטען איז דער רמב"ם געטראָפען געוואָרען פון דעם. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום הארצען ביז וואַנען ער איז קראַנק געוואָרען. אַ גאַנצען יאָהר איז ער געלעגען אין בעט אַ קראַנקער פון הארץ קלעמעניש און צער.

ווען דער רמב"ם האָט זיך געפיהלט עטוואָס בעסער, האָט ער אָנגעשריבען אַ בריף צו זיין פריינד רבי יפת פון עכו, ארץ ישראל.

— איך האָב דורכגעמאַכט זעהר פיעל צרות דורך מיין לעבען — שרייבט דער רמב"ם צו רבי יפת — אָבער דער שווערסטער קלאַפּ וואָס איך האָב געקראָגען איז דער טראַגישער טויט פון מיין טייערען ברודער דוד. דאָס איז דער גרעסטער אומגליק וואָס מיר האָט געטראָפען. מיין ליבער ברודער, ער איז געווען אַ צדיק, נאָבעל און גוטהערציג. ער איז שטענדיג גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר יענעם. ער איז געווען מיין ברודער, ער איז געווען מיין תלמיד, ער איז געווען דער יעניגער וועלכער פלעגט האַנדלען, אַרבייטען און פאַדינען, כדי איך זאָל קענען רוהיג זיצען

און לערנען. ער איז געווען באהאווענט אין תנ"ך, אין תלמוד און אין דקדוק. קיין גרעסערע שמחה איז ביי מיר ניט געווען, ווען איך פלעג איהם דערזעהן, און יעצט איז מיין פרייד צושטערט געוואָרען. ניט מעהר וועל איך זיין ליכטיגען פנים זעהן; ניט מעהר וועט ער ארויסווייזען זיין גוט־מוטיגען שמייכעל; ניט מעהר וועט ער מיט זיינע שטראהלענדע אויגען באלייכטען די פיער ווינקלען פון מיין הויז. ער איז אוועק צו דער אייביג-קייט און מיר איבערגעלאָזען א דערשלאָגענעם און צוטומעלטען אין א פרעמד לאנד. ער האָט איבערגעלאָזען ביי מיר זיין שעהנע קליינע טעכטעריל און זיין אלמנה וועלכע טרויערט נאָך איהם אָהן אויפהער. יעדעס מאָל ווען איך גיב א קוק אויף זיין כתב-יד אָדער אויף איינע פון די ספרים וואָס ער האָט געשריבען, דריקט אין מיר מיין הארץ, ערוואכט אין מיין נשמה דער טרויער, און ווען ניט די תורה און חכמה אין וואָס איך בין אריינגעטאָן און וואָס מאכט מיר פארגעסען אָן מיינע צרות, וואָלט איך קיין כח ניט געהאט אריבערצוטראָגען דעם שווידערליכען קלאַפּ.

---

דער רמב"ם האָט יעצט דערפיהלט אז אויף איהם איז געפאלען די אויפגאבע מפרנס צו זיין זיין משפחה. ער האָט אָבער געוואוסט אז ער איז ניט פעהיג צו האנדלען ווי זיין ברודער איז געווען. דאריבער האָט ער זיך מעהר איבערגעגעבען צו מעדיצין. אנשטאט וואָס פריהער פלעגט ער היילען נאָר די אָרימע באפעלקערונג און פון קיינעם פאר דעם קיין געלט ניט נעהמען, האָט ער יעצט אויך גענומען היילען די רייכע, פון וועמען ער פלעגט באַקומען א גרויסען געהאלט.

זיין נאָמען אלס גרויסער דאָקטאָר איז נאָך דערווייל ניט באריהמט געוואָרען אין אלעקסאנדריע, פונדעסטוועגען האָט ער ניט שלעכט פאַר־דינט, און די איבעריגע צייט האָט ער געווידמעט צו פאַרענדיגען זיין גרויסע ווערק וואָס ער האָט נאָכגעפאנגען אין פעז „פרוש המשנה".

טאָג און נאַכט איז דער רמב"ם געווען פארנומען. ער האָט געלערנט, געשריבען און געהיילט. ער האָט זיך איבערגעגעבען צו שטודירען דעם מענ־שענ'ס קערפּער און אין חכמת הרפואה.

ער האָט ביסלעכווייז צוריקגעצאָהלט צו די אָרימע אידישע סוחרים דאָס געלט וואָס זיי האָבען געגעבען דוד'ן פאַר זיין אַפּרייזע נאָך אינדיע.

---

זעהר שווער געטראָפען פון דוד'ס טראַגישען טויט, זיינען אויך געווען זיינע פריינד, אלמאַעלי און זיין שוועסטער שרה, ווען זיי האָבען געקראָגען א בריף פון אלעקסאנדריע. א לאַנגע צייט האָבען זיי געטרויערט און אפילו ניט געקענט שרייבען קיין טרייסט-בריף.

— אָה, וויפיעל צרות עס זיינען זיי פאַר די לעצטע פאַר יאָהר באַפאַ־לען — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער — פריהער דער טויט רבי מימון, זייער פאָטער, דערנאָך זייער מוטער און יעצט דוד!

— איך קען ניט פאַרשטעהן וואָס עס האָט דוד'ן באַוועגען צו מאַכען אזא רייזע! — האָט אלמאַעלי געזאָגט.

— איך ווייס פאַרוואָס — האָט שרה איהם געענטפערט — ער האָט

רות'ן פארשפּראָכען אויפצוזוכען איהר פאָטער, און יעצט זעהסטו, ער האָט זיין פארשפּרעכען געהאַלטען. ער האָט טאַקע איהר פאָטער געפונען, אָבער אַליין האָט ער ניט זוכה געווען צו זעהן ווי אזוי פאָטער און טאָכטער וועלען ווידער פאראייניגט ווערען.

נאָכדעם ווי א היבשע צייט איז פאָראיבער האָט אלמאַעלי ווידער גענומען ריידען צו דעם וויזיר אלפאדיעל וועגען רמב"ם, וועגען זיין גרויס־קייט אַלס געלערנטער און אַלס דאָקטאָר.

אויסער דעם פלעגען אין קאירא קומען די רייכע מאַכמעדאַנישע סוחרים פון אַלעקסאַנדריע וועלכע זיינען געווען באַפריינדעט מיט דעם וויזיר אלפאדעל און זיי האָבען איהם אויך דערצעהלט וועגען דעם גרויסען אידישען דאָקטאָר, דעם רמב"ם, וועלכער האָט אויסגעהיילט קראַנקע אין דער צייט ווען אַנדערע דאָקטוירים האָבען אויפגעגעבען האָפענונג.

דאַן האָט אלפאדעל געשיקט אַן איינלאַדונג צום רמב"ם ער זאָל קומען זיך באַזעצען מיט זיין משפחה אין קאירא.

— „דיין גרויסקייט האָט שוין צו מיר דערגרייכט מיט א צייט צוריק — האָט אלפאדעל איהם געשריבען. איך האָב עס געהערט פון מיין סעק־רעטאַר אלמאַעלי און פון זיין שוועסטער שרה, און נאָך מעהר האָב איך וועגען דיר געהערט פון די וועמען דו האָסט געהאָלפען. איך לאַדע דיר דעריבער איין צו קומען אין קאירא און ווערען דער הויפּט דאָקטאָר פון מיין משפחה. איך שיק מיט קאַרעטען און באַאַמטע וועלכע וועלען דיר און דיין משפחה באַגלייטען אויף דעם וועג און האָף דיר אין גיכען צו זעהן אין קאירא.

דעם וויזיר'ס איינלאַדונג האָט אריינגעבראַכט א שטראַהל פרייד אין דעם לעבען פון רמב"ם. ער האָט געוואָלט שוין לאַנג פאַרלאָזען אַלעקסאַנ־דריע וואו ער האָט דורכגעמאַכט אזוי פיעל צרות. ער האָט געוואָלט אַן אַלעס פאַרגעסען און אָנפאַנגען דאָס לעבען פון דאָס ניי. ער האָט אויך גענומען טראַכטען פון זיין שוועסטער שפרה, וועלכע האָט צוזאַמען מיט איהם זיך געטיילט די יסורים עס איז שוין געקומען די צייט אַז זי זאָל געניסען פון לעבען. ער האָט זיך דערמאָנט אַן די לעצטע רייד פון זיין פאָטער. ער האָט געוואוסט, אַז אלמאַעלי האָט ליעב זיין שוועסטער און ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף איהר קומען אין קאירא.

דער רמב"ם האָט אויך גענומען טראַכטען פון שרה'ן, די נאָבעלע שרה, וועלכע האָט נאָך פון קינדרווייז אַן ארויסגעצייגט אזא איבערגעבענהייט און מסירת נפש צו אידישקייט, וועלכע האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהם. און ווען זיי זיינען ענדליך צוזאַמענגעבראַכט גע־וואָרען,, האָבען זיי זיך געמוזט פאַנאַנדערטיילען, און דער גורל האָט אזוי געמאַכט אַז זיי זאָלען פאַר אזא לאַנגע צייט זיך ניט זעהן.

אויך דוד'ס אלמנה, רות, איז געווען צופרידען צו פאַרלאָזען אַלעק־סאַנדריע. זי האָט געוואָלט פאַרלאָזען די שטאָדט וואָס האָט איהר שטענדיג דערמאָהנט אָן איהר גרויסען צער. איהר טעכטעריל נעמי איז שוין באַלד געוואָרען דריי יאָהר, און זי איז געווען אזא שעהן געראָטען קינד. זי איז געווען איהר גאַנצע טרייסט אין איהר פאַרביטערטען לעבען. איהר פאָטער

בנימין איז אויך געווען איהר נחמה, און די צוגעבונדענקייט און ליבשאפט פון שפרה'ן איז געווען ווי א באלזאם צו איהר צואוועהטאגטער נשמה.

דער רמב"ם האט אפגעצאהלט די לעצטע חובות וואס ער האט אויף זיך גענומען גוט־צו־מאכען דעם שאדען וואס די ארימע אידען האבען גע־ליטען דורך דעם וואס דוד איז דערטרונקען געווארען מיט זייער געלט. און דאן האט ער זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע נאך קאירא.

אלע איינוואוינער פון שטאדט, אידען, ווי ניט־אידען, זיינען ארויס־געקומען באגלייטען דעם רמב"ם צו זיין אפרייזען נאך קאירא. ער איז געווען שטארק באליעבט, געאכטעט און געשעצט ביי אלעמען.

די באאמטע וועלכע האבען דעם רמב"ם און זיין משפחה באגלייט האבען זיך שטארק געוואונדערט אויף דעם גרויסען כבוד וואס די איינוואוי־נער פון אלעקסאנדריע צייגען איהם ארויס. זיי האבען ערשט גענומען בא־גרייפען וואס פאר א גרויסער מאן ער איז.

זעהר א גרויסארטיגען קבלת פנים האט דער וויזיר אלפאדעל געגעבען דעם רמב"ם. אלמאעלי און שרה זיינען צוזאמען מיט'ן וויזיר ארויסגעקומען זיי באגעגענען.

דער וויזיר האט געמאכט א באהלצייט לכבוד דעם רמב"ם און איהם איינגעלאדען צו זיך אין פאלאץ מיט זיין משפחה.

שרה האט געזעהן אז אלע מאכלים וואס זיינען געשטעלט געווארען אויף דעם טיש, ארום וועלכען זי, איהר ברודער און דעם רמב"ם'ס משפחה זיינען געזעסען, זאלען זיין כשר'ע. די כלים זיינען געווען נייע.

דער וויזיר האט געמאכט א מאהלצייט לכבוד דעם רמב"ם און איהם האט ערשט איינגעזעהן ווי גרויס ער איז אין חכמה.

דער רמב"ם האט אויסגעדריקט זיין וואונש זיך צו באזעצען אין פאסטאדט (אלט קאירא) און דער וויזיר האט פאר איהם באשטימט א שעהנע הויז.

דער רמב"ם איז געווארען דער הויז דאקטאר פון אלפאדעל. ער האט געהיילט ניט נאר די קראנקע פון דעם וויזיר'ס משפחה, נאר אויך פון דעם וויזיר'ס פריינד און הויכע באאמטע.

זיין נאמען איז שנעל באריהמט געווארען אין גאנץ קאירא. די רופאים האבען איהם באוואונדערט און געשעצט. געוועהנליך האבען זיך אויך גע־פונען אזעלכע רופאים וועלכע האבען זיך מתקנא געווען אן זיין גרויסקייט, און אין זייערע הערצער אויף איהם גרויסע שנאה געטראגען, דאך האבען זיי אויס מורא איהם אפגעגעבען כבוד און ארויסגעוויזען פריינדשאפט.

דער רמב"ם יז איינגעלאדען געווארען פון די גרויסע געלערענטע און וויסענשאפטסלייט, ער זאל פאר זיי האלטען לעקציעס איבער מעדיצין און וויסענשאפט, און ווען דער רמב"ם האט גערעדט פלעגען די פארזאמלונגס פלעצער ווערען אנגעפילט מיט געלערטע, וועלכע פלעגען שלינגען די רייד. אלע האבען פון איהם א סך געלערענט. ער האט ענטדעקט זאכען אין דער חכמת הרפואה וואס עס איז פריהער געווען פארהוילען פון אלעמען.

פיעלע פון די גרויסע געלעהרטע האבען אויסגעדריקט זייער שטארקען פארלאנג צו זיין דעם רמב"ם'ס דינער, כדי זיי זאלען קענען פון איהם

לערנען און אויסגעפינען די סודות פון זיין גרויסקייט. אָבער כאָטש דער רמב"ם איז געווען צופרידען אַלעמען צו לערנען און ענטפערן אויף די הארבע פראגען, האָט ער דאָך ניט געוואָלט, אַז די סודות פון זיינע ענט־דעקונגען זאָלען ארויסגעבראכט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז עס פעהלען איהם ניט קיין שונאים און דער איינציגער מיטעל זיי צו באַקעמפען איז געווען מיט דעם וואָס ער האָט געקאָנט אויפטהאָן זאכען וואָס אנדערע האָבען ניט געקענט.

שפּעטער ווען דער רמב"ם איז באַשטימט געוואָרען אלס פּראָפעסאָר פון דעם אוניווערזיטעט פון קאירא, האָבען פיעלע יונגע געלערענטע זיך אַנגעבאָטען צו זיין זיינע דינער.

עס איז אין יענע צייטען געווען אזוי דער מנהג, ווען א גרויסער גע-לערענטער האָט זיך אין שטאָדט באוויזען, פלעגען פיעלע יונגע געלערענטע וועלכע האָבען געדרושט נאָך וויסענשאַפט, זיך אַנגעבאָטען צו ווערען דינער און משרתים פון דעם געלערענטען, כדי צו זיין שטענדיג מיט איהם און דערוויל עפּעס לערנען פון איהם.

זיינען פיעלע סטודענטען געקומען צום רמב"ם און פאָרגעשלאָגען איהם צו באַדינען און ארויסהעלפען אין זיין ארבייט. אָבער ער האָט ניט גע־וואָלט. ערשטענס האָט ער נישט געוואָלט אַז פרעמדע זאָלען איהם באַדינען און צווייטענס האָט ער געהאַלטען ביים ענטדעקען פיעלע סודות פון מעדי-צין און ער האָט ניט געוואָלט אז א פרעמדער זאָל דערוויל פון דעם אויסגעפינען.

---

אלמאעלי און שרה זיינען געווען פון די אָפטע באזוכער פון רמב"ם'ס הויז. די פריינדשאַפט צווישען שפרה'ן, רות און שרה'ן איז שטאַרקער געוואָ־רען. אַלע האָבען זעהר ליעב געהאַט די קליינע נעמי, וועלכע איז געווען שעהן און קלוג, און זיי פלעגען זיך מיט איהר שפּילען.

איינמאָל, ווען זיי זיינען געקומען צו א באזוך אין רמב"ם'ס הויז, איז דער רמב"ם געווען פארנומען ביי א חולה. שרה האָט זיך געשפּילט מיט נעמי'ן און אזוי שפּילענדיג זיך איז זי מיט איהר ארויס אין דרויסען. איי-דער זי איז ארום האָט זי א וואונק געטהאָן צו רות'ן אַז זי זאָל אויך באלד ארויסקומען.

רות האָט זיך ענטשולדיגט און ארויס איבערלאָזענדיג אלמאעלי'ן און שפרה'ן אליין.

שפרה האָט פארשטאַנען וואָס שרה איז געווען אויסען און זי איז איהר שטאַרק דאַנקבאַר געווען. איהר פּנים איז באַדעקט געוואָרען מיט א רויטקייט, וואָס האָט איהר צוגעגעבען מעהר חן און רייץ צו איהר שעהנקייט.

א קליינע ווילע האָבען זיי ביידע געשוויגען. שפרה האָט געפיהלט אל־מאעלי'ס ווארימע בליקען, און זי האָט איהרע אויגען געהאַלטען ארונטערגעלאָזען.

— שפרה — האָט ער מיט א נידעריגע שטימע זיך אָפּגערופען. — איך וויים וויפיעל דו האָסט מיטגעמאַכט זינט דאַן ווען דו און דיין משפחה האָבען געמוזט פארלאָזען קארדאָוואָ און וואַנדערען און וואַגלען איבער

לענדער. אויסער דעם וואָס דיין לעבען און די לעבענס פון דיינע טייערסטע און נאָהענטסטע זיינען געווען אין געפאַהר האָסטו געקראָגען איין קלאַפּ נאָכ'ן צווייטען: פריהער האָסטו דיין טייערען פאָטער פאַרלוירען. איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגען צוגעזעהן דעם טיעפען צער פון דיין נשמה... איך בין דאַן געווען אין דיין הויז, און וואָס וואָלט איך ניט געטהאָן, ווען איך זאָל נאָר האָבען די מעגליכקייט דיר צו טרייסטען אין דיין אומגליק. דיין טרויער איז אויך געווען מיין טרויער און איך האָב געוואוסט אַז אין אַזאַ צייט, זיינען רייד ווי זיי זאָלען ניט קומען פון דער טיפעניש פון האַרצען, זיינען נישטיג און אומווירקבאַר... איך האָב דאַן מיט מיין שוועסטער פאַרלאָזען דיין הויז מיט דעם מיטפיהלען דיין טיפסטען צער, אָבער שווייגענדיג.

— איך ווייס — האָט שפרה צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען — עס איז מיר געווען עטוואָס לייכטער אַריבערצוטראָגען די **שרעקליכע יסורים ווען איך האָב** געזעהן ווי דו פיהלסט מיט מיר מיט. אָבער זעהר שווער און שרעקליך זיי־נען פאַר מיר געווען אַריבערצוטראָגען די אַנדערע צוויי אומגליקען. דעם פאַרלוסט פון מיין ליבער מוטער און דעם טראַגישען טויט פון מיין גע־טרייען ברודער.

— אויך מיר האָבען זעהר פיעל דורכגעמאַכט — האָט אַלמאַעלי ווייטער געזאָגט. — אונזער מוטער קען איך קוים געדענקען און אונזער פאָטער, איז ביי מיר און שרה'ן פאַרגעסען געוואָרען נאָך ערגער ווי טויט. ווייל ער איז הינ־נעריסען געוואָען מיט דעם שטראָם פון דע צייט. ער האָט געזוכט צו געני־סען פון דער וועלט און האָט פאַרלאָזען זיין גאָט, זיין פאָלק און איז געוואָרען מאַכמעדאַנער. פיליכט איז ער אין גאַנצען נישט שולדיג אין דעם. ער איז ניט געווען געלערנט אין אונזער הייליגער תורה און דאַן האָט זיך אויך פער־שפּרייט די מיינונג פון אַן אומפעראַנטוואָרטליכען רב, וועלכער האָט געזאָגט, אַז די וועלכע האָבען איינמאָל צוגעגעבען מיט'ן מויל, אַז מאַכמעד איז אַנביא, הבען זיי שוין פערלוירען זייער חלק פון עולם הבא, כאַטש אין האַרצען זיינען זיינען זיי פאַרבליבען געטריי צו דעם אידישען גאָט. יע, איך געדענק גאַנץ גוט, אַז דאָס האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט. ער האָט זיך שוין מיאש געווען פון יענער וועלט און האָט געוואָלט אמווייניגסטענס געניסען פון דער וועלט.

— זעהר פיעל שאָדען האָבען יענע אומפעראַנטוואָרטליכע רבנים אָנגע־טהאָן אונזער פאָלק— האָט שפרה געזאָגט — און דעריבער האָט טאַקע מיין ברודער, דער רמב"ם געזוכט צו פאַרריכטען דעם שאָדען מיט זיין בריעף, וואָס ער האָט אין יענער צייט פאַרעפענטליכט אונטער'ן נאָמען: „איגרת־השמד" און וואָס האָט שיעור ניט געבראַכט דירצו, אַז מיר זאָלען אַלע פאַר־לירען אונזערע לעבענס.

— יעצט אָבער זיינען מיר דאָ, אין אַ לאַנד וואו מיר קענען לעבען אין פרידען. קיינער שטערט אונז ניט צו דינען צו אונזער גאָט. דער גנעדיגער סולטאַן סאַלאַדין און זיין גוטהערציגער וויזיר זיינען אונזערע באַשיצער — האָט אַלמאַעלי ווייטער געזאָגט.—דו זעהסט דאָך ווי געשעצט און געאַכטעט

דיין ברודער איז ביים וויזיר, און איך בין זיכער, אז ווען דער סולטאן סאלא־דין וועט זיך אומקערען פון זיינע מלחמות וואס ער פיהרט מיט זיינע שונאים, וועט ער אויך איינזעהן די גרויסקייט פון דיין ברודער און וועט איהם שטארק מקרב זיין און באפרידיגען. איך האף אז די מאס פון אונזערע צרות און צער איז פערפולט געווארען. און פון יעצט אן און ווייטער וועלען מיר אויך געניסען פון פרייד... איך האב פיעל געטראכט פון דעם וואונדערבארען אופן ווי אזוי גאט האט אונז צוזאמענגעבראכט. איך געדענק ווי דו האסט פער־לאזען קארדאווא מיט דיין משפחה, ביזטו נאך א קינד געווען. מיין שוועס־טער'ס געטרייעסטער פריינדין ביזטו געווען און איך בין נאך דאן אויך גאנץ יונג געווען, פונדעסטוועגען האב איך פון דיר ניט אויפגעהערט צו טראכטען די גאנצע צייט. און ווען גאט האט אונז אויף אזא וואונדערבארען אופן צו־זאמענגעבראכט, האב איך געזוכט די געלעגענהייט דיר צו איבערצייגען מיינע געפיהלען. אבער די אומשטענדען האבען אונז ווידער צעשיידט. איין אומ־גליק נאכ'ן צווייטען האט דיר געטראפען און איך האב ניט געקענט קומען צו דיר און דיר זאגען וואס איך טראכט און ווי איך פיהל. יעצט אז גאט האט געהאלפען און א טייל פון מיין טרוים איז פערווירקליכט געווארען, דו און דיין ברודער זיינען אין קאירא, האף איך, אז אויך דער אנדערער טייל פון מיין טרוים וועט אין גיכען פארווירקליכט ווערען.

— און אין וואס באשטעהט דער אנדערער טייל פון דיין טרוים? — האט שפרה געפרעגט.

— איך האב דיך ליעב, שפרה — האט אלמאעלי אנגענומען איהר האנט. — און איך האב די גאנצע צייט געטרוימט פון דיזען גליקליכען מאמענט ווען איך וועל הערען די זעלבע ווערטער פון דיר.

שפרה האט אויפגעהויבען איהרע אויגען און א בליק געטהאן אויף אלמאעלי'ן.

— זאג מיר, מיין טייערע, האסטו מיך אויך ליעב?

— זעהר שטארק — האט שפרה ארויסגערעדט און זיך געטוליעט צו איהם. טרעהרען פון פרייד און גליק האבען איהר האלז געשטיקט.

— אה, ווי גליקליך איך בין! — האט אלמאעלי אויסגערופען — מיין גאנצער טרוים איז יעצט פארווירקליכט געווארען. דו האסט מיך אויך ליעב און דו וועסט מיט מיר הייראטען?

שפרה האט צוגעשאקעלט מיט איהר קאפ.

אלמאעלי האט איהר ארומגענומען און איהר געקושט.

— מיין טייערע, מיין ליבענקע — דו האסט מיך באגליקט מיט דיינע רייד. איך וויל פאר אלעמען עס דערצעהלען! — זאלען אלע וויסען ווי גליקליך איך בין! — לאמיר שוין יעצט באשטימען אונזער חתונה.

— דאס לאז איך איבער צו דיר, מיין טייערע — האט שפרה געזאגט — איך וויל אז אונזער חתונה זאל פארקומען וואס שנעלער. — איך וועל באשטימען דעם טאג. — יע אין צוויי וואכען ארום, דאס וועט דיר געבען גענוג צייט זיך צוצוגרייטען.

— אין צוויי וואכען ארום — האט שפרה אויסגערופען און איהרע אויגען האבען פון פרייד געשטראהלט, אויך מיין טרוים ווערט פארווירק־

ליכט — איך האָב פון דיר אויך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען יעדעס מאָל ווען איך האָב געטראַכט פון מיין ליעבי פריינדין שרה האָב איך אויך פון דיר געטראַכט.

שפרה האָט איהם אַ קוש געטהאָן.

אָה, איך וועל געהן אָנזאָגען מיין שוועסטער די פרעהליכע בשורה — האָט אַלמאַעלי אויסגערופען און האָט גלייך אויפגעעפענט די טיהר.

שרה, שרה! — האָט ער אויסגעשריען — קום אריין שרה!

שרה איז גלייך אריינגעקומען און אַלמאַעלי איז מיט פרייד און גליק אין זיינע אויגען צוגעלאָפען צו איהר.

— מיין טייערע שוועסטער, גיב מיר אָפּ מזל טוב! — שפרה האָט נאָר וואָס צוגעשטימט צו ווערען מיין פרוי.

— אָה, מיין ליבער ברודער — איז איהם שרה געפאַלען אויפן האלז — איך בין אַזוי גליקליך דאָס צו הערען, און דו, מיין טייערע פריינדין, שפרה, האָט זי איהר געגומען קושען — יעצט וועסטו מיין שוועסטער ווערען.

די צוויי פריינדינס האָבען זיך ארומגענומען און געקושט.

— אויף ווען האָט איהר באַשטימט די חתונה? — האָט שרה געפרעגט.

— אין צוויי וואָכען ארום, אם ירצה השם — האָט אַלמאַעלי געזאָגט.

— איך האָף אַז דיין ברודער וועט ניט זיין דאַגעגען, וואָס מיר האָבען באַשטימט אונזער חתונה אַזוי שנעל.

— געוויס ניט — האָט שפרה אַ גליקליכע אויסגערופען. — ווען דו וואָלסט וויסען ווי שטאַרק מיין ברודער האַלט פון דיר, אַלמאַעלי און אויך פון דיר, שרה, ניט איינמאָל האָט ער פון אייך גערעדט. איך ווייס ווי גליק־ליך ער וועט זיך פיהלען. — ער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז דער לעצטער וואונש פון אונזער פאָטער איז געווען אַז אונזערע משפחות זאָלען איינגער פארבונדען ווערען.

— איך מוז עס אָנזאָגן רות'ן — האָט שרה זיך אָפּגערופען און איז ארויסגעגאַנגען און אריינגערופען רות'ן.

— רות, גיב אָפּ שפרה'ן מזל טוב! — האָט שרה זיך אָפּגערופען — און אויך מיין ברודער!

— מזל טוב, פון טיפעניש פון מיין הארצען ווינש איך אייך ביידען גליק — האָט רות אויסגערופען און זיך צוקושט מיט שפרה'ן. איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען. זי איז געווען זעהר גליקליך, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס אָפּגעפרישט איהר וואונד. זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענער צייט, ווען דוד האָט זיך איהר ערקלעהרט אין ליעבע און זיי האָבען באַשטימט דעם טאָג פון זייער חתונה, רות האָט זיך אָבער באַהערשט. זי האָט אין דיזען גליקליכען מאָמענט פאַר שפרה'ן ניט געוואָלט ארויסצייגען איהר צער און וועהטאָג.

אוויילע שפּעטער איז דער רמב"ם אָנגעקומען. און אַ גרויס פרייד האָט איהם ארומגענומען. ער האָט אויך דעם שוין לאַנג געוואַרט און געהאָפט און יעצט איז די צייט גיקומען.

— איך ווינש אייך ביידען גליק; זאָל אייך אונזער פאָטער אין הימעל

ביידען באַגליקען און אייך בענטשען מיט אַלדאָס גוטס — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

אַ גרויסאַרטיגע חתונה איז געפּייערט געוואָרען אין קאַירא. די חתונה פון אַלמאַעלי'ן און שפרה'ן. צווישען די חשוב'ע אידישע געסט זיי־נען אויך געווען די מאַכמעדאַנישע פריינד און פאַרעהרער פון אַלמאַעלי'ן און פון רמב"ם. אויך דער וויזיר אַלפאַדעל איז געווען אויף דער חתונה.

דאָס איז געווען די ערשטע שמחה אין דעם רמב"ם'ס הויז, זינט דער דער הייראַט פון דוד'ן און רות'ן.

שפרה איז געווען זעהר גליקליך מיט אַלמאַעלי'ן. זי האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט און אויך אַלמאַעלי'ס גליק איז גרויס געווען.

קורץ נאָך איהר הייראַט האָט שפרה זיך אָפּגערופען צו שרה'ן:

— יעצט איז די צייט געקומען, אַז דו זאָלסט אויך טראַכטען פון דיין גליק.

— מיין גליק! — האָט שרה לייכט אַ זיפץ געטהאָן — איך בין גליקליך אין דעם גליק פון מיין ברודער און דיר.

— מיין ליעבע שרה! — האָט שפרה זי געקושט — איך ווייס גאַנץ גוט וואָס ביי דיר אין האַרצען טוט זיך. איך געדענק ווען מירביידע זיינען נאָך געווען קליינע מיידלעך און דו פלעגסט גאַנץ אָפט באַזוכען אונזער הויז אין קאָרדאָווא, האָסטו שוין מיין ברודער ליעב געהאַט. מיין ניט, אַז איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען, כאָטש דו האָסט עס מיר קיינמאָל ניט גע־זאָגט. איך געדענק אַזוי דייטליך דעם טאָג פון מיין ברודער'ס בר מצוה. מיר זיינען ביידע צוזאַמען דאָן אין שוהל געווען און זיך צוגעהערט צו זיין וואונדערבאַרע דרשה. מיר האָבען ביידע ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. אָבער מיר האָבען יעדען וואָרט, וואָס עס איז פון זיין מויל אַרויסגעקומען, געשלונגען. איבערהויבט דו, שרה. איך האָב אַלעס געזעהן און פאַרשטאַנען...

— אָבער זינט דאָן זיינען אַזוי פיעל וואַסערען פאַרלאָפען. — דיין ברודער, דער רמב"ם, איז יעצט דער גרעסטער געלערנטער, ניט נאָר צווישען די אידישע געלעהרטע און חכמים, אָבער אויך דער גרעסטער גע־לעהרטער און חכם פון אַלע פעלקער. איך האָב אַליין געהערט, ווי גרויסע חכמים שאַצען איהם אָפּ און זאָגען, אַז: „ממשה עד משה לא קם כמשה". (פון משה רבנו ביז משה בן מימון איז נאָך אַזאַ גרויסער מאַן ווי משה ניט געווען). און ווי אַזוי קען איך גאָר טראַכטען פון איהם!

— אָבער מיין ברודער טראַכט פון דיר זעהר פיעל! — האָט איהר שרה געזאָגט — ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער מיט מיר גערעדט וועגען דיר. ער האָט מיר דערמאָהנט, ווען דו ביזט געקומען יענעם שבת צו נאַכט, ווען מיר האָבען געפּייערט זיין בר מצוה. דו ביזט דאָן געקומען פרעגען אַ שאלה מיין פאָטער, דעם דיין רבי מימון. ער האָט נאָך אפילו געדענקט די שאלה עפּעס וועגען אַ חמצ'דיגע לעפעל וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ פסח'דיגען טעפּעל.

—יאָ, איך געדענק עס גאַנץ דייטליך! — האָט שרה מיט אַ שמייכעל געזאָגט — איך האָב זעהר געוואָלט זיין צו דער פייערונג פון זיין בר מצוה אין אייער הויז, אָבער מען האָט מיר ניט איינגעלאַדען און קומען גלאַט

אזוי האָב איך זיך געשעהמט, איז מיר איינגעפאַלען צו קומען פרעגען דיין פאָטער אַ שאלה, און דערווייל וועל איך האָבען אַ געלעגענהייט צו זעהן דיין ברודער. איך האָב געהאָפט, אַז פילייכט וועט ער מיך איינלאַדען, ווען ער וועט מיך דערזעהן.

— יאָ, עס איז דאַן פאַר אונז געוועזן אַ שרעקליכע נאַכט! — האָט שפרה געזאָגט — געדענקסטו ווי אַ ווילע שפּעטער ביזטו אַריינגעקומען און אַלעמען אָנגעזאָגט די טרויעריגע בשורה, אַז קאָרדאָוואַ איז געפאַלען, און אַז די אַלמוהאַדען זיינען אַריין אין שטאָדט. אַז דער ווילדער און פאַנאַטיקער אַלמומען וועט אַרויסגעבען די גזרה צו פאַרברענען די אידישע שוהלען מיט די ספרי תורה'ס און צווינגען אונז אַלעמען אָנצונעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען.

— איך געדענק עס אויך אַזוי דייטליך — האָט שרה געזאָגט — איך בין דאַן אַרויס פון דיין הויז, שטאַרק ענטוישט פון דעם וואָס דיין ברודער האָט מיך ניט איינגעלאַדען צו זיין שמחה. ער האָט אַפילו מיך ניט באַמערקט. איך האָב אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון דיין הויז, איך בין געבליבען שטעהן אין דרויסען און אַריינגעקוקט אין דעם פענסטער, וואו דיין ברודער איז געזעסען און געלערענט צוזאַמען מיט דיין פאָטער. פּלוצלונג האָב איך באַמערקט אימיצען אָנקומען. איך האָב זיך אַ קעהר געטהאָן און דערזעהן דעם שגיא אל ערב. ער האָט מיר איבערגעגעבען די טרויעריגע נייעס פון אַלמומען'ס אָנקומען אין שטאָדט, און זיינע גזרות.

— דער אל ערב האָט אונז אַ סך גוטעס געטהאָן שפּעטער, — האָט שפרה געזאָגט — ווען מיר זיינען געווען אין פעז און מיין ברודער איז אַרעסטירט געוואָרען האָט ער איהם געראַטעוועט. עס איז ווירקליך געווען די השגחה פון גאָט. געקומען איז אל ערב אין פעז דיך אויפזוכען, ווייל ער האָט דיך ליעב געהאַט און צום סוף איז ער פאַרקנס'ט געוואָרען צו דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער, וואָס האָט איהם נאַכהער געגעבען אַ מעגליכקייט אונז צו ראַטעווען פון אַ זיכערען טויט.

— אל ערב איז ניט געווען קיין שלעכטער יונג! — האָט שרה צוגעגעבען — איך האָב געמיינט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב איהם פאַרשעהמט פאַר אַזוי פיעל פון זיינע פריינד, ווען מיין פאָטער האָט מיך געצוואונגען צו קומען צו זיין מאָלצייט וואָס ער האָט געמאַכט צוליעב מיר ווען ער האָט געוואָלט באַקאַנט מאַכען פאַר אַלעמען אַז מיר זיינען פאַר'קנס'ט. איך געדענק ווי אויפגערעגט ער איז געוואָרען ווען ער האָט געהערט ווי איך האָב פאַר אַלעמען ערקלעהרט, אַז איך בין אַ אידישע טאָכטער און וועל פאַרבלייבען געטריי מיין פאָלק. איך האָב שוין געמיינט, אַז ער וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין!

— דו זעהסט דאָך, אַז ער האָט דיך אומעטום געזוכט. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט דיך ווירקליך ליעב געהאַט.

— איך בין זעהר צופרידען, וואָס ער האָט געהייראַט. יעצט וועט ער מיך אויפהערען צו זוכען. איך האָב גאַנץ דייטליך ערקלעהרט, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן און איהם געראַטהען אַרויסצושלאָגען זיך אַזעלכע געדאַנקען פון זיין קאָפּ... אַפילו ווען ער וואָלט באַשלאָסען צו ווערען אַ

איד וואָלט איך דערצו קיינמאָל ניט צוגעשטימט, ווייל...

— איך ווייס, מיין טייערע שרה, ווייל דיין האַרץ איז געווען פאַרנומען מיט... יע, מיין ברודער. און יעצט קען איך דיר זאָגן, אַז אויך ער, דער רמב״ם, טראַכט פון דיר זעהר פיעל. ווען ניט די צרות, וואָס זיינען אויף אונז געקומען איינע נאָך די צווייטע, ווען ניט דער גרויסער אומגליק פון אונזער ברודער דוד, וואָלט ער שוין לאַנג מיט דיר גערעדט. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז אַלעס איז מיט אַמאָל געקומען, און דערצו איז ער לעצטענס אַזוי פאַרנומען. אין אוניווערזיטעט דאַרף ער האַלטען זיינע לעקציעס. דערנאָך באַזוכט ער די געפעהרליכע קראַנקע און היילט זיי. איך האָב איהם שוין לאַנג געבעטען, אַז ער זאָל אָנשטעלען איינעם, וועלכער זאָל איהם אַרויסהעלפען. יעדען טאָג קומען צו איהם צעהנדליגע געלעהרטע און בעטען זיך אָן צו זיין זיינע דינער און איהם אַרויסהעלפען אין זיין שווערע אַרבייט. אָבער ער נעהמט קיינעם ניט אָן. ער טהוט אַלעס אַליין. און נאָך אַ שווערען טאָג פון אַרבייט, זעצט ער דאַן פאָרט זיין אויספאַרשונגס אַרבייט. ער שטעלט צוזאַמען פאַרשידענע מעדיצין. ער מישט אַלערליי קרייטיכער וואָס ער באַשטימט צו היילען זיינע קראַנקע.

— ניט אומזיסט האָט ער זיך ערוואָרבען אַזאַ גרויסען נאָמען אין אַזאַ קורצער צייט! — האָט שרה געזאָגט — איך האָב געהערט ווי דער וויזיר האָט איהם געלויבט פאַר איינינגע באַאַמטע, וועמען אַנדערע דאָקטוירים האָבען אָפּגעזאָגט דאָס לעבען, האָט דער רמב״ם אויסגעהיילט.

— פונדעסטוועגען פעהלען איהם ניט אויך קיין שונאים! — האָט שפרה געזאָגט — פיעלע פון די דאָקטוירים פאַרגינען איהם ניט זיין גרויסען ערפאָלג און זיי זוכען איהם שלעכטעס צו טהאָן.

— אַזוי לאַנג ווי דער וויזיר איז צופרידען מיט איהם, האָט ער ניט וואָס מורא צו האָבען! — האָט שרה געזאָגט.

— מיין ברודער האָט זיך דערוואוסט, אַז איינינגע דאָקטוירים האָבען געזוכט צו דערגעהן פון איהם פיעלע פון זיינע מעדיצינישע סודות, און ווען זיי האָבען זייער ציעל ניט דערגרייכט, ווייל ער האָט זיי ניט געזאָגט, זיינען זיי געקומען צו אונז אויף אַ פריינדליכען באַזוך. זיי האָבען פאַרבראַכט מיט איהם, און נאָכהער האָט איינער פּרובירט איהם אַרויסרופען אין אַ צווייטען צימער. מיט אַן אויסרייד, אַז ער וויל מיט איהם ריידען אונטער צוויי אויגען. יענער האָט עס געמאַכט מיט די אַנדערע, אַז ווען ער וועט דעם רמב״ם אַרויסרופען פון צימער, זאָלען זיי דערווייל צוגנב׳ענען דעם ספר, וואו ער האַלט פאַרשריבען די מעדיצינישע סודות.

— און וואָס האָט פּאַסירט? — האָט שרה מיט נייגעריגקייט געפרעגט.

— דער רמב״ם האָט גלייך פאַרשטאַנען זיין כונה. עס האָט פאַר איהם ניט געפּאַסט מיטצונעהמען דעם ספר, ווען ער וועט פאַרלאָזען דעם צימער, דעריבער האָט ער זיך צו יענעם רופא אָפּגערופען:

— דו קענסט מיט מיר פאַרבלייבען דאָ אין צימער און אונזערע פריינד וועלען אונז ענטשולדיגען און זיי וועלען אַריינטרעטען אין אַ צווייטען צימער. זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און אַזוי געטהאָן, און דער וועלכער איז מיט׳ן רמב״ם פאַרבליבען, האָט טאַקע ניט געהאַט וואָס

איהם צו פרעגען. זיי האָבען אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער רמב"ם איז קלוג און זיי וועט ניט געלינגען איהם אָפּצונאַרען. פון דאַן אָן קומען זיי מעהר ניט צו אונז אין הויז, און מיר אַלע היטען זעהר זיינע ספרים.

— איך האָב פאָראויסגעזאָגט, אַז דיי ברודער וועט זיין איינער פון די גרעסטע מענשען פון דער וועלט! — האָט שרה זיך אָפּגערופען — און יעצט קען איך מיט שטאָלץ זאָגען, אַז מיין נבואה איז מקויים געוואָרען.

— שרה! — האָט שפרה זיך צו איהר אָפּגערופען — מיט איינינגע וואָכען צוריק, געדענקסטו ווען דו ביזט געקומען מיט דיין ברודער צו אונז אויף באַזוך — האָסטו אויסגעמאַקירט איבערצולאָזען אונז ביידען אַליין. איך האָב באַמערקט ווי דו האָסט אַ וואונק געטהאָן צו רות'ן זי זאָל דיר נאָכפאָלגען... איך וויל, אַז דו זאָלסט היינט קומען צו אונז. דער רמב"ם וועט היינט קומען פריהער אַהיים... ער האָט לעצטענס אַזוי פיעל גערעדט פון דיר און איך וויל טהאָן צו דיר ווי דו האָסט געטהאָן צו מיר. דו האָסט איבערגעלאָזען דיין ברודער ער זאָל פאַרבלייבען מיט מיר אַליין, און איך וועל איבערלאָזען מיין ברודער מיט דיר אַליין.

## קאַפּיטעל צעהן

יענעם אָוועגד ווען דער רמב"ם האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, האָט ער געטראָפען אין זיין צימער זיין שוועסטער און שרה'ן. שפרה האָט מיט איהם גערעדט און געפרעגט וואָס עס הערט זיך, ווענען ער האָט היינט געהיילט. נאָך אַ קורצען געשפּרעך האָט זי זיך אָפּגערופען:

— דו וועסט מיר ענטשולדיגען, מיין ברודער פאַר אַ ווייל, און דו אויך שרה, איך דאַרף אַרויסגעהן, איך דאַרף עפּעס איבערגעבען מיין מאַן, און מיר דוכט זיך, אַז ער איז שוין געקומען אַהיים — איך וועל זיך באַלד צוריקקעהרען.

שפרה איז אַרויסגעגאַנגען און איבערגעלאָזען איהר ברודער אַליין מיט שרה'ן.

צום אָנפאַנג איז שרה געבליבען ווי אין אַ פאַרלעגענהייט. איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, איהר פּנים האָט זיך געראויטעלט. זי האָט איהרע אויגען געהאַלטען אַרונטערגעלאָזען צום באָדען.

— שרה! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען — איך האָב מיט דיר צו ריידען וועגען אַ וויכטיגע זאַך. אונזערע הייליגע חכמים האָבען געזאָגט, אַז פערציג טעג איידער אַ קינד ווערט געבוירען ווערט אין הימעל אויסגערופען ווער עס וועט זיין באַשערטער זיין. און דאַן קענען זיי די אומשטענדען פאַרנאַנדערטהיילען, אָבער קוים איז די פרוי, די באַשערטע פון דעם מאַן, אָדער דער מאַן די באַשערטע פון דער פרוי, וועלען זיי זיך שוין צוזאַמענקומען. — בערג און טהאָלען וועלען קיין אָפּהאַלט ניט זיין, לענדערען ימים וועלען זיי ניט קענען צוריקהאַלטען, ווייל זיי זיינען באַשערט איינער צו דער צווייטער. — ווען איך בין נאָך גאָר אַ יונג אינגעל געווען אין קאָרדאָווא, ווען דו ביזט געווען מיין שוועסטער'ס פריינדין, האָב איך דאַן געלערנט מיט מיין פאָטער פון די רייד פון יענע חכמים וועגען

באשערטקייט, און ווען איך האָב דיך געזעהן, פלעגט מיר א געדאנק ארויפקומען, אז דו ביזט מיין באשערטע. — איך געדענק נאָך אזוי דייטליך, ווען איך בין איינמאָל אהיים געגאנגען פון בית המדרש מיט א גרויסען ספר אונטער מיין אָרעם, האָט מיר באגעגענט דער שגץ אל־ערב און ער האָט זיך אָנגעפאנגען מיט מיר. ער האָט זיך מיט מיר געריצט און גע־זוכט אוועקצונעהמען מיין ספר פון מיר. און איך האָב ניט געוואָלט געבען, האָט ער זיך גענומען שלאָגען — ביזטו דאן גראדע אָנגעקומען און דו האָסט דעם שגץ אויסגע׳מוסר׳ט. איך געדענק דאָס ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געווען, אל־ערב האָט זיך שטארק פארשעהמט און ער האָט מיך אָפּגעלאָזען. און זינט דאן האָב איך אין מיינע געדאנקען געטראכט, אז דו מוזט עס זיין מיין באשערטע, וואָס דער בת קול פון הימעל האָט אויסגערופען פערציג טעג איידער איך בין געבוירען געוואָרען.

— גאנץ אָפט האָב איך פון דעם געטראכט — אפילו נאָכדעם ווי מיר זיינען פארוואָגעלט געוואָרען. מיר האָבען אויסגעוואנדערט אין פרעמדע לענדער, אריבערגעגאנגען גרויסע, ברייטע ימים, און איך האָב אלץ מיין האָפענונג ניט אויפגעגעבען. — איך האָב געוואוסט, אז אויב דו ביזט ווירקליך מיין באשערטע, וועט דיך גאָט ברייננגען צו מיר — וואו איך זאָל ניט זיין. און אזוי איז טאקע געווען. גאָט האָט אונז אויף א וואונ־דערבארען אופן צוזאמענגעבראכט, און איצט איז געקומען די צייט, וואָס איך וויל זיך מיר ערלויבען דיין האנט צו בעטען.

שרה האָט אויפגעהויבען איהרען אויגען און אויף איהם א קוק געטהאָן. אין איהר בליק איז געלעגען זעהר פיעל ליעבע און צערטליכקייט... איהר הארץ האָט געפלאטערט, זיינע רייד האָבען אין איהרע אויערען געקלונגען ווי הימעלשע מוזיק. דאָס איז געווען דער גליקליכסטער מאָמענט פון איהר לעבען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידען.

— עס איז אויך געווען מיין פאָטער׳ס לעצטער וואונש, אז אונזערע משפחות זאָלען זיין ענגער פארבונדען — האָט דער רמב"ם ווייטער געזאָגט און אָנגענומען שרה׳ס האנט — א העלפט פון זיין וואונש איז שוין ער־פילט געוואָרען, דורך דעם, וואָס מיין שוועסטער האָט געהייראט מיט דיין ברודער — און יעצט איז אויף אונז ביידען געפאלען דער גורל דורכצו־פיהרען די צווייטע העלפט פון מיין פאָטער׳ס וואונש... — וואָס זאָגסטו, שרה דערצו?

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף שרה׳ס ליפּען. זי האָט צונעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ...

---

גאָר אין גיכען איז געפייערט געוואָרען די חתונה פון דעם רמב"ם מיט שרה׳ן, אלמאעלי׳ס שוועסטער. צו דער חתונה פייערונג זיינען געקומען דער וויזיר, זיינע באאמטע, די גרויסע געלערענטע דאָקטוירים און די חשוב׳סטע פון שטאָדט.

אין דעם גרויסען זאל וואו די חתונה איז פאָרגעקומען איז אויך גע־ווען א לאנגער טיש פאר די אָרימע פון שטאָדט. די אָרימע לייט זיינען זיך

צוזאמענגעקומען — צווישען זיי אידישע, אראבישע און קריסטליכע. די דינער זיינען פארזאָגט געוואָרען צו באהאנדלען אלעמען גלייך.

דער רמב"ם אליין האָט אָנגעזאָגט, אז ווען עס וועט קומען צו די שפּייזען, זאָל מען דעם טיש, ארום וועלכען די אָרימע לייט זיינען געזעסען סערווירען צום ערשטען.

פאר דער חופּה איז דער רמב"ם צוגעגאנגען צום טיש פון די אָרימע לייט און זיי אלעמען פריינדליך באגריסט אין העברעאיש און אין אראביש. — ער האָט זיי געוואונשען אז זיי זאָלען אלע אויפגעריכט ווערען און זיך שעצען גליקליך.

די אָרימע לייט האבען שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט זייערע קעפּ. זיי זיינען ניט געוואוינט געווען מען זאָל זיי אזוי באהאנדלען. אפילו ווען מען פלעגט זיי צולאָזען צו א רייכע שמחה, פלעגען זיי זיין די לעצטע צו קריגען זייער שפּייז. קיינער פלעגט זיך אויף זיי ניט אומקוקען. דאָ אָבער, ביי דעם רמב"ם'ס חתונה, פיהלען זיי זיך ווי געהויבענע געסט. דער חתן, וועלכער איז באריהמט איבער'ן גאנצען לאנד פאר זיין געלערענטקייט און גרויסקייט, און וועמען דער וויזיר אליין אכטעט און שעצט אזוי שטארק, האָט איבערגעלאָזען די רייכע געסט, די וויכטיגסטע באאמטע און איז צוגעקומען צו זיי, די אָרימסטע און נידעריגסטע פון פאָלק. ער רעדט צו זיי, ער טרייסט זיי און דאָס האָט זייער אפּעטיט נאָך מעהר פארשטארקט.

שפּרה, דעם רמב"ם'ס שוועסטער און רות, די אלמנה פון דוד'ן, האבען אויך צוגעזעהן אז די אָרימע לייט זאָלען קריגען פון דאָס בעסטע. זיי האבען געזעהן ווי די אָרימע געסט קוקען אויף דעם רמב"ם מיט דאנקבארע אויגען...

פּלוצלונג האָט זיך א יונגער מאַן אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ פון צווישען די אָרימע לייט. ער איז געווען באוואַקסען, זיינע בגדים זיינען געווען אלטע און צעריסענע. ער איז צוגעגאנגען צו דעם רמב"ם און זיך פארנייגט.

— וואָס איז דיין פארלאנג, מיין פריינד! — האָט דער רמב"ם איהם געפרעגט אין העברעאיש.

דער יונגער מאַן איז געשטאנען א ווייל און אויף דעם רמב"ם געקוקט מיט אזעלכע מילדע, ווייכע בליקען, און דער רמב"ם איז געווען זעהר נייגעריג איהם צו העלפען. זיין פּנים האָט אויסגעקוקט צו זיין זעהר איידעל — און כאָטש ער איז געווען שטארק באוואָקסען, האָט ער פון זיינע געזיכטסציגע געקענט זעהן אז ער איז גאנץ שעהן.

— איך פארשטעה, אז דו האָסט א בקשה צו מיר — האָט דער רמב"ם זיך צו איהם געווענדעט אין דער אראבישער שפּראך, מיינענדיג אז ער איז אן אראבער און פארשטעהט ניט קיין העברעאיש.

דער יונגער מאַן האָט אָבער אלץ געשוויגען. ער האָט זיך נאָך אמאָל א נייג געטהאָן פאר דעם רמב"ם.

— דו האָסט זיך ניט וואָס צו שעהמען — זאָג מיר דיין פארלאנג און אויב איך וועל האָבען די מעגליכקייט וועל איך עס ערפילען.

— אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער יונגער מאַן א שטומער!

— האָט רות זיך אָפּגערופען צום רמב"ם, ווען זי האָט געזעהן, ווי ער שטעהט און שווייגט און ענטפערט ניט אויף זיינע פראגען. — איך האָב איהם דערלאנגט זיין שפּייז, האָט ער מיר געוואָלט באַדאַנקען, אָבער ער האָט בלויז צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. — איך האָב באַמערקט, אַז אַלע געסט וועלכע זיצען אַרום טיש ריידען צווישען זיך, נאָר ער איז דער איינציגער וואָס רעדט ניט.

דער רמב"ם האָט איהם אויף שטום־לשון מיט צייכען פון זיינע פינגער געפרעגט, אויב ער קען ניט ריידען.

דער יונגערמאַן האָט גלייך גענומען איהם ווייזען מיט צייכענס פון זיינע פינגער אַז ער איז טויב און שטום.

דער רמב"ם האָט געוואָלט וויסען וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. ער האָט געמיינט, אַז דער טויב־שטומער וויל דאָס ער זאָל איהם אויסהיילען פון זיין קראַנקהייט: און ער האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן אויף שטום־לשון, אַז אַזעלכע קראַנקהייטען ווי שטומקייט און טויבקייט קען מען ניט אויסהיילען.

דער טויב־שטומער יונגער מאַן האָט אָבער געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף ניין. אַז ער פאַרלאַנגט ניט פון איהם ער זאָל איהם אויסהיילען.

אַ שטאַרקען רחמנות האָט דער רמב"ם גענומען פיהלען צו דעם אומ־גליקליכען. ער וואָלט איהם געוואָלט העלפען, פאַרשטעהט ער אָבער ניט וואָס ער וויל. ער האָט געהייסען ברייינגען אַ פעדער מיט טינט און געהייסען דעם שטומען אָנשרייבען זיין בקשה.

דער טויב־שטומער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און אויף שטום־לשון געגעבען איהם צו פאַרשטעהן, אַז ער קען ניט שרייבען און לעזען.

דער רמב"ם האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס, און ווענדענדיג זיך צו שפרה און רות'ן, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען איהם, האָט ער געזאָגט:

— איך וואָלט זעהר איהם געוואָלט העלפען, אָבער איך פאַרשטעה ניט וואָס ער וויל.

— פיליכט וועל איך קענען עפּעס אַרויסקריגען פון איהם — האָט רות זיך אָפּגערופען. — ווען איך בין אַ קינד געווען, האָט נעבען מיין פאָ־טער'ס הויז געוואוינט אַן אַראַבישע פרוי און זי האָט געהאַט אַ שטומע טאָכטער, פלעג איך זיך מיט איהר גאַנץ אָפט שפּילען, האָב איך זיך עטוואָס אויסגעלערענט ווי צו ריידען אויף שטום־לשון.

— גוט, פּרוביר ריידען מיט איהם — האָט דער רמב"ם געזאָגט צו רות'ן, איך וואָלט איהם זעהר געוואָלט באַהילפיג זיין, אויב איך זאָל נאָר וויסען וואָס ער פאַרלאַנגט.

רות איז צו איהם צוגעגאַנגען און האָט גענומען ריידען צו איהם דורך צייכענס פון די פינגער.

דער טויב־שטומער האָט איהר אויך געענטפערט אויף שטום־לשון און געגעבען צו ערקלעהרען, אַז ער איז גאַנץ שטאַרק און וואָלט געוואָלט זיין אַ משרת ביי דעם רמב"ם.

— לויט ווי איך פאַרשטעה פון זיינע צייכענס וויל ער זיין דיין באַ־

דינער — האָט רות געזאָגט צו דעם רמב"ם. — דאָס וואָס ער האָט אָנגע־צייגט אויף די מוסקולען פון זיינע הענט, האָט ער געוואָלט צייגען אַז ער איז שטאַרק און קען טהאָן די שווערסטע ארבייט. — יע, דאָס איז זיין איינציגער וואונש, ער וויל ווערען דיין משרת.

דער רמב"ם האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איהם זיך געהיי־סען צוריקזעצען עסען.

אַ גליקליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף דעם יונגען מאַנ'ס פּנים. ער האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און צוזאַמען מיט די איבעריגע אָרימע לייט האָט ער געגעסען פון די שפּייז, וואָס מען האָט דערלאַנגט.

---

אַ גאַנצע וואָך איז געפייערט געוואָרען די שבע ברכות אין רמב"ם'ס הויז — פאַרשיידענע פריינד זיינען געקומען ווינשען דעם רמב"ם און זיין שעהנער כלה, שרה „מזל טוב".

אויף דעם זיבעטען טאָג ווען דעם רמבם'ס משפּחה זיינען געזעסען צוזאַמען מיט איינענע, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיהר. שפרה איז געגאַנגען עפענען, און זי האָט דערזעהן דעם טויב־שטומען יונגען מאַן.

— רות, האָט זיך שפרה צו איהר אָפּגערופען — דער טויב־שטומער יונגערמאַן איז געקומען און איך ווייס ניט וואָס ער וויל — איך פאַרשטעה ניט די פינגער צייכענס פון זיינע פינגער.

רות איז גלייך צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אויף שטום־לשון גע־פרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

דער טויב־שטומער האָט מיט זיינע פינגער־צייכענס ערקלערט, אַז דער רמב"ם האָט איהם פאַרשפּראָכען דאָס ער וועט איהם אָנשטעלען אלס זיין משרת.

רות האָט פּרובירט איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז דער רמב"ם האָט איהם גאָרניט פאַרשפּראָכען, אָבער דאָס איז פאַר איהר געווען אוממעגליך צו טהאָן. זי האָט געזעהן, אַז ער וועט איהר בשום אופן ניט פאַרשטעהן און זי האָט דעריבער איהם געהייסען צוואַרטען און זי האָט געפרעגט דעם רמב"ם וואָס צו טהאָן.

— איך האָב באַשלאָסען ניט אָנצושטעלען קיינע משרתים — האָט דער רמב"ם געזאָגט — ווייל איך דאַרף זעהר פאָרזיכטיג זיין. מיינע שונאים זוכען אַרויסצוקריגען די סודות פון מיינע ענטדעקונגען און זיי וועלען אויסנוצען יעדען איינעם פון מיינע באַדינער.

— אָבער וואָס וועלען זיי קענען אַרויסקריגען פון אַ טויב־שטומען — האָט שפרה געזאָגט — ניט ער קען הערען און ניט ער קען ריידען. און אַפילו שרייבען קען ער ניט. ווי עס ווייזט אויס איז ער אַ געזונטער יונ־גערמאַן און ער וועט דיר קענען אַרויסהעלפען. איך גלויב אַז ער וועט זיך לאָזען לערנען און וועט דיר קאָנען באַהילפיג זיין. ער וועט קענען אויס־רייניגען פאַר דיר די אינסטרומענטען, ווען דו דאַרפסט מאַכען אַן אָפּע־ראַציע. ער וועט זיין ברווט פאַרדינען און דערצו וועסטו זיך פאַר איהם ניט דאַרפען היטען.

— דו ביזט גערעכט מיין שוועסטער — האָט דער רמב"ם געזאָגט

— דער יונגערמאַן מאַכט טאַקע זעהר אַ גוטען איינדרוק אויף מיר. ער שיינט צו זיין עהרליך. איך וועל איהם אָנשטעלען אַלס מיין משרת. געה, רות, און זאָג איהם, אַז ער קען פאַרבלייבען מיט מיר.

רות איז צו איהם צוגעגאַנגען און אויף שטום־לשון איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דער רמב"ם האָט ערפילט זיין פאַרלאַנג און ער קען זיך אָפּשטעלען דאָ אין הויז.

דער רמב"ם האָט פאַר איהם באַשטימט אַ צימער. ער האָט אויך גע־געבען רות'ן עטוואָס געלט זי זאָל פאַר איהם קויפען נייע בגדים.

די ערשטע צייט איז רות געווען די איינציגע וועלכע האָט זיך מיט דעם טויב־שטומען צונויפגערעדט. זי האָט פאַר איהם צוגעגרייט די שפּייז. אָבער ווען איניגע וואָכען זיינען פאַראיבער האָט שוין דער רמב"ם אַליין זיך מיט איהם געקענט צונויפרעדען. אָבער ער האָט פון איהם ניט געקענט אַרויסבאַקומען זיין נאָמען און ער האָט אויך ניט געקענט באַשטימען אויב ער איז אַ איד אָדער אַן אַראַבער.

גליקליך האָט זיך דער רמב"ם געלעבט מיט שרה'ן. ער האָט איצט געפונען רוהיגקייט און צופרידענהייט אין זיין לעבען און האָט געקענט אָנ־געהן מיט זיין הייליגער אַרבייט, מיט זיין שרייבען די הייליגע ספרים און אויך די ספרים איבער מעדיצין און אַנדערע וויסענשאַפטען.

דער טויב־שטומער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין זעהר פעהיג. ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ אויפ'ן וואונק און מיט גרוים פלייס גע־טהאָן זיין אַרבייט. דער רמב"ם האָט זיך אויף איהם געקענט פאַרלאָזען מיט פילע זאַכען. ער פלעגט צוגרייטען אַלע אינסטרומענטען. און ער האָט זיך אויסגעלערענט צו מישען די פאַרשידענע קרייטיכער פאַר די רפואות. פון אָנפאַנג האָט איהם דער רמב"ם ניט געוואָלט אָנפאַרטרויען צו מישען די קרייטיכער אַליין, און ער האָט גוט נאָכגעקוקט ווי אַזוי ער טהוט די אַרבייט, און ווען ער האָט געזעהן ווי פּאַרזיכטיג ער טהוט עס, ווי ער מעסט און וועגט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, האָט ער איהם שוין אַליין אויך אָנפאַרטרויט צו מישען די רפואות.

— ער איז אַ גאַנץ פעהיגער יונגערמאַן — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צו זיין פרוי שרה, ווען דער שטומער איז אַריינגעקומען איהם באַדינען מיט עפּעס. עס איז אַ גרויסער שאָדען וואָס ער איז אַזוי שווער געשטראָפט געוואָרען פון דער נאַטור.

— און ווי עס ווייזט אויס שטאַמט ער אויך פון זעהר אַן איידעלער משפחה — האָט שרה צוגעגעבען — און איך בין זיכער אַז ער איז אַ איד.

— יע, וועגען דעם האָב איך אויך געטראַכט. ער שיינט צו זיין אַ איד. עס איז אַ שאָדען וואָס עס איז שווער צו דערגעהן פון איהם ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט — האָט דער רמב"ם געזאָגט — איך בין אָבער זעהר צופרידען וואָס איך האָב איהם אָנגעשטעלט אַלס מיין משרת. ער באַזיצט זעהר אַ שאַרפען מוח און כאַפּט אויף שנעל יעדע זאַך וואָס מען צייגט איהם אָן.

דאָך ווען דער רמב"ם פלעגט דאַרפען איהם פרעגען וועגען אַ וויכטיגע זאַך און איהם איז שווער געווען צו פאַרשטעהן, פלעגט ער אַריינרופען רות'ן

און מיט איהר פלעגט ער זיך בעסער צונויפרעדען מיט איהם.

א שטארקער רחמנות האָט זיך אין רות'ס האַרץ דערוועקט צו דעם אומגליקליכען. ער קוקט אויס אזוי שעהן, העלדיש. ער באזיצט אזעלכע קלוגע מילדע אויגען, אָבער ער איז געשטראָפט מיט אזעלכע שרעקליכע פעהלערען. ער איז אזוי טויב, אז ווי הויך מען זאָל צו איהם שרייען האָט ער גאָרניט געהערט, און דערצו שטום, אז ער קען גאָרניט ארויסברייננגען פון זיין מויל.

רות האָט איהם גאַנץ גוט צוגעזעהן. זי האָט געזאָרגט אז איהם זאָל גאָרניט פעהלען.

דער אומגליקליכער איז געגליכען צו א קליין קינד וואָס קען ניטריידען, און מען ווייסט ניט וואָס איהם פעלט, וואָס ער פארלאַנגט — האָט רות זיך איינמאָל אָפּגערופען צו שרה'ן, ווען ער איז הונגעריג אָדער דורשטיג קען ער ניט בעטען. ווען ער פארלאַנגט עפּעס איז שווער צו פארשטעהן וואָס דאָס איז.

—איך בין זעהר צופרידען וואָס ער געפינט זיך איצט ביי אונז — האָט שרה געזאָגט — דער רמב"ם איז שוין מעהר ניט אזוי מיעד ווי ער פלעגט זיין דאַן, ווען ער האָט אליין געדאַרפט טאָן אַלע ארבייט. דער יונג איז זעהר געשיקט און פלינק און ער רוהט קיין איין רגע ניט דורך דעם טאָג. ער איז שטענדיג פארנומען. ער געפינט שוין וואָס צו טהאָן, און מיט וואָס פאַר א גרויסע נייגעריגקייט ער פאָלגט נאָך אַלץ וואָס דער רמב"ם טהוט. ווען ער באטראַכט א חולה, קוקט ער איהם נאָך ווי ער וואָלט פארשטעהן. און איך וואָלט געזאָגט, אז דורך דער צייט וואָס ער ארבייט מיט מיין מאַן האָט ער זיך דערלערענט אפילו ווי צו לייענען, ווייל ניט איינמאָל האָב איך איהם געטראָפען בלעטערנדיג די שריפטען פון רמב"ם.

— איך קען זיך ניט פאָרשטעלען, אז ער זאָל זיך האָבען אויסגע־לערענט ווי צו לייענען אין אזא קורצער צייט — האָט רות געזאָגט — איך גלויב, אז ער האָט ליעב נאָכצוקוקען אַלץ וואָס דער רמב"ם טהוט און וואָס עס קומט ארויס פון זיינע הענט.ווען ער זעהט ווי דער רמב"ם זיצט און שרייבט, קוקט ער נאָך און באוואונדערט זיין שריפט כאָטש ער פאר־שטייט ניט ווי צו לייענען, פונקט ווי א קינד וועט עפענען א ספר און אין איהם אריינקוקען, כאָטש ער קען נאָך ניט לעזען.

— עס איז גאַנץ מעגליך, אז עס איז אזוי, אָבער ווען דו וואָלסט געזעהן ווי גאַנץ אָפט איז ער אזוי פארטיפט אין ספר, אז ער באמערקט ניט ווי איך קום אריין אין צימער. איך וועל עס דיר אמאָל צייגען. איך מוז שמייכלען ווען איך זעה, ווי ער איז פארטיפט אין מיין מאַן'ס שריפטען.

— האָסטו ניט באמערקט אויב ער האלט די ספרים איבערגעקעהרט?

— האָט רות געזאָגט מיט א שמייכעל — ווייסט פארוואָס איך פרעג עס דיר, ווייל ניט לאַנג צוריק האָט נעמי גענומען א ספר אין האַנט און האָט זיך געמאַכט ווי זי לייענט, און ווען איך בין צו איהר צוגעגאַנגען, האָב איך באמערקט, אז דער ספר איז איבערגעקעהרט.. קען דאָך אויך זיין, אז אויף אזא אופן לייענט דער טויב־שטומער דעם רמב"ם'ס ספרים...

— מיין מאַן זאָגט מיר, אז ער באַזיצט אויסערגעוועהנליכע פעהיג־

קיטען! — האָט שרה זיך אָפּגערופן. זיינע אַנדערע חושים זיינען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט.

— עס איז שטענדיג אַזוי, ווען ביי אַ מענשען זיינען איינינע חושים קאַליע, ענטוויקלען זיך די אַנדערע אויף זייער חשבון און זיינען שאַרפער און שטאַרקער ווי ביי דעם דורכשניטליכען מענשען — האָט רות געזאָגט.
— פונדעסטוועגען שיינט ער צו זיין זעהר באַזאָרגט, און ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט ווי מיין טעכטעריל נעמי איז צו איהם צוגעבונדען! ווי זי דערזעהט איהם לויפט זי צו צו איהם, און דו האָסט באַדאַרפט זעהן ווי זי רעדט זיך צונויף מיט איהם מאַכענדיג צייכענס מיט איהרע פינגער.

— אָ, וואָס פאַר אַ ליעבע זיסע קינד דיין נעמי איז! — האָט שרה זיך אָפּגערופען.

— אָבער וואָס פאַר אַ טרויעריגען מזל זי האָט! — האָט רות געווישט איהרע אויגען — זי איז אַ יתומה! קיינמאָל וועט זי איהר פאָטער ניט געדענקען. מיין טייערער דוד, אין ים האָסטו דיין קבר געפונען! פאַרוואָס האָט עס מיר געקומען אַזאַ שטראָף! איך קען אפילו ניט מיטנעמען מיין קינד צו איהר פאָטער'ס קבר.

— איך בעט דיך, רות, באַרוהיג זיך! — פאַרוואָס זאָלסטו אויפפרישען די שמערצליכע וואונד. עס זיינען דאָך שוין באַלד דריי יאָהר פאַריבער. עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט טראַכטען וועגען זיך, בפרט ווען דאָס טרויערען וועט דיר גאָר ניט העלפען.

— איך וויים, אָבער עס איז מיר אַזוי שווער זיך צו באַהערשען. געלויבט איז גאָט וואָס מיר איז פאַרבליבען פון איהם אַן אָנדענקונג, מיין ליעבינקע נעמי איז אַזוי עהנליך צו איהר פאָטער, אַז גאַנץ אָפט ווען איך קוק אויף איהר, דוכט זיך מיר, אַז איך זעה מיין דוד'ן, עליו השלום.

— יע, זי איז זעהר געראָטען אין איהר פאָטער! — האָט שרה צוגעגעבען, און לאָמיר דיר זאָגען, אַז זי האָט אויך עהנליכקייט צו דיין פאָטער. ווען איך זעה ווי זי זיצט אויף איהר זיידענ'ס שויס דוכט זיך מיר אויס, אַז זי איז אין גאַנצען געראָטען אין איהם.

— איך מוז עס זאָגען מיין פאָטער! — האָט זיך ווידער אַ שמייכעל באַוויזען אויף רות'ס פּנים — ער וועט זיך שטאַרק פרעהען, ווען איך וועל איהם זאָגען, אַז דו געפינסט אַן עהנליכקייט צווישען איהם און נעמי'ן.

— צו ווען זי זאָל ניט זיין עהנליך, איז זי אויסערגעוועהנליך שעהן און קלוג! — האָט שרה געזאָגט — זאָל גאָט געבען זי זאָל זיין געזונט און שטאַרק און דו זאָלסט פון איהר נחת האָבען.

— אָט איז זי! — האָט רות מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויסגערופען, ווען די טיהר האָט זיך אויפגעעפענט און נעמי איז אריינגעלאָפען און מיט אַ פרעהליכקייט אויסגערופען:

— מאַמע, דער טויב־שטומער האָט פאַר מיר געמאַכט אַ שפּיעלצייג, דו זעהסט.

רות און שרה האָבען באַטראַכט די שפּיעלצייג מיט גרוים באַוואונדערונג — אָה, וואָס פאַר אַ שעהנע שפּיעלצייג ער האָט פאַר דיר געמאַכט,

מיין טאָכטער — האָט רות זי אויפגעהויבען און געקושט — האָסטו אמוויי־
נינסטען איהם באַדאַנקט.

— איך ווייס ניט ווי מען באַדאַנקט אויף די פינגער צייכענס! — האָט נעמי געזאָגט.

שרה און רות האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

—דעם אמת זאָגענדיג ווייס איך אויך ניט, ווי אזוי צו באַדאַנקען אויף שטום לשון — האָט רות געשמייכעלט, אָבער איך גלויב אויב דו ווילסט ער זאָל פאַרשטעהן, אז דו באַדאַנקסט איהם, דאַרפסטו א שאָקעל טהאָן מיט דיין קאָפּ און צושמייכלען.

— אה, ער איז דאָך אזא גוטער, ער וועט מיר מאַכען נאָך פיעלע שפּיעלצייג! אזוי האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטעהן מיט זיינע פינגער.

— געה ווייז דאָס דעם זיידען! — האָט רות געזאָגט צו נעמי'ן.

— און ווען מיין טאַנטע שפרה און מיין אָנקעל אלמאעלי וועלען קו־מען צו אונז צו גאַסט וועל איך זיי אויך צייגען אַלע שפּיעלצייג וואָס דער טויב־שטומער מאַכט פאַר מיר! — האָט נעמי געזאָגט און נעמענדיג די שפּיעלצייג איז זי שנעל אַרויסגעלאָפען עס צו צייגען איהר זיידען.

## קאַפּיטעל עלף.

ווען דער רמב"ם איז איינמאָל געזעסען אין זיין צימער און געשריבען זיינע ווערק, איז שרה צו איהם אריינגעקומען און איהם געזאָגט, אז א מאַן האָט פאַר איהם געבראַכט אייניגע ספרים און מאַנוסקריפּטען דורכצוקוקען.

— שיק איהם אריין צו מיר! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען.

ווען דער פרעמדער איז אריינגעקומען האָט ער זיך פאַרנייגט.

— שלום עליכם! — האָט דער רמב"ם אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איהם. — זאָג מיר ווער ביזטו, און וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

— איך בין בלויז א שליח! — האָט דער פרעמדער געזאָגט — מיר האָט איינער א יונגער מאַן געשיקט מיט זיינע שריפטען איך זאָל זיי דיר איבערגעבען, פיליכט וועסטו מעגליך האָבען זיי איבערצוקוקען און זאָגען דיין מיינונג וועגען דעם.

— ווי איז דער נאָמען פון דעם, וועלכער האָט דיר געשיקט מיט זיינע חבורים צו מיר? — האָט דער רמב"ם געפרעגט.

— איך ווייס ניט! איך בין א שמש אין איינער פון די קלענערע שוהלען פון קאירא, איז איינמאָל אהין אריינגעקומען א יונגער מאַן און ער האָט מיך געפרעגט אויב איך וויל פאַרדינען א פאָר שקלים. — געוויס — האָב איך איהם געענטפערט — וויל איך פאַרדינען א פאָר שקלים, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין בוזים א פּאַק מיט געשריבענע כתבים און ער האָט מיך געבעטען זיי צו ברייננגען צום רמב"ם, האָב איך פון איהם פאַר־לאַנגט, אז ער זאָל מיר פריהער באַצאָהלען, ווייל לויט זיין אויסזעהן און זיין הילוך, האָב איך פאַרשטאַנען, אז ניט צווישען די רייכע איז זיין חלק. האָט ער מיר געזאָגט, אז ער וועט מיר ברייננגען דאָס געלט, האָב איך באַ־שלאָסען ניט דורכצופיהרען זיין שליחות ביז וואַנען איך וועל קריגען פאַר דעם באַצאָהלט. עס זיינען אָבער פאַריבער וואָכען און מאָנאַטען און איך

האָב פון איהם ניט געהערט, און איך האָב שוין אינגאַנצען אָן דעם פאַר־געסען, און יעצט, אַז איך האָב גענומען רייניגען די שוהל פאַר פסח, האָב איך געפונען דעם פעקעל שריפטען און איך האָב זיך אָן דעם דערמאָנט. איך האָב געטראַכט, פילייכט איז דער יונגער מאַן געשטאָרבען אָדער עפּעס האָט מיר איהם פּאַסירט און ער האָט ניט געקענט קומען. האָב איך באַ־שלאָסען צו טהאָן זיין פאַרלאַנג אפילו ווען איך וועל פאַר מיין טרחה ניט באַקומען באַצאָהלט, און איך האָב צו דיר, רבנו משה געבראַכט די שריפטען פון יענעם יונגען מאַן.

דער רמב"ם האָט זיי גענומען און אריינגעבליקט אינווייניג. — ער האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט גרויס ערשטוינונג.

— אויב דער יונגער מאַן האָט דיר פאַר דיין טרחה ניט באַצאָהלט, מסתמא האָט זיך געמאַכט א סיבה און ער האָט ניט געקענט עס טהאָן — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צום שמש — און איך וועל דיר דערפאַר פאַר דיין טרחה באַצאָהלען.

ער האָט דעם שמש דערלאַנגט איינינע שקלים פאַר וואָס ער האָט איהם זעהר באַדאַנקט און דער שמש איז אוועקגעגאַנגען.

דער רמב"ם האָט זיך פאַרטיפט אין די מאַנוסקריפּטען און וואָס מעהר ער האָט זיי געלייענט אַלץ גרעסער איז זיין ערשטוינונג געווען.

ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. ער האָט גלייך דערקענט, אַז דער מחבר פון די שריפטען איז זעהר געלערענט אין העברעאיש און אין אראַביש, ער האָט דורכגעלייענט ליעדער וואָס האָבען אויף איהם א שטאַר־קען איינדרוק געמאַכט. ער האָט אויך געקענט זעהן פון די שריפטען, אַז דער מחבר איז זעהר געלערענט אין תלמוד און אין וועלטליכע וויסענשאַפט. ער האָט זיך גענומען וואונדערען ווער דער מחבר איז. ער האָט פאָרזיכטיג דורכגעלייענט יעדעם בלעטעל און באַלד האָט ער באַמערקט אויף דעם לעצטען בלעטעל מיט גאַנץ קליינע אותיות שטעהט אָנגעשריבען דער נאָ־מען: „יוסף בן יהודה אבן עקנין”.

דער רמב"ם האָט זיך פאַרטראַכט. דער נאָמען איז איהם אַזוי באַקאַנט, וואו האָט ער עס געהערט? ער האָט דעם גאַנצען טאָג פון דעם געטראַכט און אין אָוועגט ווען זיין שוועסטער שפרה איז געקומען מיט אַלמאַעלי'ן צו איהם אין הויז אויף א באַזוך און זיי האָבען זיך אַלע געזעצט אַרום טיש, האָט דער רמב"ם פאַר אַלעמען דערצעהלט וועגען דער מערקווירדיגער פּאַסירונג.

— עס איז שוין לאַנג, אַז איך האָב אַזעלכע קלוגע געדאַנקען ניט געלייענט ווי די, וואָס איך האָב געפונען אין די שריפטען וואָס דער שמש האָט מיר היינט געבראַכט. די ליעדער סיי אין העברעאיש און סיי אין אַראַ־ביש זיינען אויסגעצייכענט, און ער ציינט אויך אַרויס גרויס קענטעניש אין תלמוד און אין פילאָזאָפיע, אַפילו אין חכמת הרפואה איז ער אויך באַהאַוועגט.

— און זיין נאָמען האָט ער ניט אונטערגעשריבען? — האָט שפרה איהם געפרעגט.

— יע, איך האָב דאָרט געפונען אַ נאָמען וואָס איז מיר גוט באַקאַנט, אָבער איך קען ניט געדענקען ווי אַזוי איך האָב פריהער פון דעם נאָמען געהערט.

— און ווי איז זיין נאָמען? — האָט שפרה געפרעגט.

— זיין נאָמען איז: יוסף בן יהודה אבן עקנין.

— יוסף בן יהודה! — האָט שפרה אויסגערופען — אָה, איך ווייס ווער ער איז!

— דו ווייסט ווער ער איז? — האָט רעמב"ם געפרעגט זיין שוועסטער מיט ערשטוינונג.

— געדענקסטו ווען מיר האָבען אַרומגעוואַנדערט אין שפּאַניען און מיר זיינען אַריינגעקומען צו דעם רב פון שטאָדט האָבען מיר דאָרטען געטראָפען אַ פאַרעלטערטען מאַן מיט'ן נאָמען יהודה. געדענקסטו, ער האָט אונז דערצעהלט, אַז ער קומט פון פעז, מאַראָקאָ און ער זוכט זיין זוהן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון די מאַכמעדאַנער און איז אַנטלאָפען. איך געדענק גאַנץ דייטליך, אַז זיין זוהן'ס נאָמען איז געווען יוסף.

— אָה, יעצט דערמאָהן איך זיך — האָט דער רמב"ם אויסגערופען — דאָס איז דאָך דער זעלבער יוסף, וועלכער האָט זיין לעבען איינגעשטעלט פאַר דעם הויפּט רב און חכם פון פעז, רבי יהודה הכהן אבן שושן.

— דו האָסט מיר קיינמאָל פון איהם ניט דערצעהלט! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צום רמב"ם. — איך בעט דיך, דערצעהל מיר ווער איז דער יוסף בן יהודה, און וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט.

— מיר האָבען יהודה'ן געטראָפען אין שפּאַניען. ער האָט אַרומגעוואַנדערט אויפצוזוכען זיין זוהן. ער האָט אונז דערצעהלט, אַז זיין זוהן איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהודה הכהן אבן שושן. איינמאָל האָבען איהם מאַכמעדאַנער געכאַפּט מיט אַ אידישען ספר, וואָס האָט געמיינט אַז ער היט אָפּ די אידישע רעליגיע, פאַר וואָס עס איז געקומען טויט שטראָף. ער איז נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגער אינגעל, איך גלויב אַרום פופצעהן יאָהר אַלט. האָבען זיי איהם אַרעסטירט און פון איהם פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אַרויסגעבען די אַנדערע שולדיגע צו וועמען ער איז געגאַנגען. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַרויסגעבען זיין רבי'ן, האָבען זיי איהם שטאַרק געפּייניגט, אָבער ער האָט געליטען און געשוויגען. און דאַן האָט מען איהם צום טויט פאַר'משפט און די נאַכט איידער מען האָט געזאָלט דורכפיהרען זיין טויט שטראָף האָט ער מיט אַ כיון געזאָגט צו דעם וועכטער, אַז ער זאָל איהם פיהרען צום הויפּט פון שטאָדט און ער וועט זיך מודה זיין. דער וועכטער האָט איהם געגלויבט און איהם געפיהרט צום הויפּט, אָבער אויפ'ן וועג האָט יוסף אומגעשליידערט דעם וועכטער, וועלכער איז געווען באַוואָפענט, און איז אַנטלאָפען געוואָרען. און אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט. ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען פון פעז. די באַמטע האָבען איהם אַרומגעזוכט און איהם ניט געפונען. שפּעטער האָט זיין פאָטער יהודה אבן עקנין אויסגעוואַנדערט פון פעז און איז אַרומגעגאַנגען איהם זוכען פון שטאָדט צו שטאָדט. ער האָט געמיינט אַז ער איז געוויס טויט.

— איך געדענק ווי שטאַרק נייגעריג מיר זיינען געווען אויסצוגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין זוהן. — האָט שרה צוגעגעבן.

— יע, די געשיכטע וואָס דער אַלטער פאָטער האָט אונז דערצעהלט וועגען זיין יונגען זוהן האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. זיינע רייד האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין מח. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די גרויסקייט און ווירדיקייט פון דעם יונגען יוסף, פון דער ערהאבענקייט פון זיין נשמה. ער האָט זיין לעבען אין גרעסטען געפאהר געשטעלט צו רעטען זיין רבי'ן. איך האָב געקראָגען אַ שטאַרקען פאַרלאַנג איהם צו זעהן און זיך מיט איהם צו קענען. איך געדענק אויך, אַז דער הויפּט רב פון פעז, רבי יהודה הכהן אבן שושן, האָט מיט מיר פיעל מאָל גערעדט וועגען דער בראַווקייט און הייליגקייט פון דעם יונגען יוסף'ן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז יוסף אבן עקנין האָט אין זיך אַ פונק פון די נשמות פון אונזערע קדושים, וועלכע האָבען מיט צופרידענהייט מקריב געווען זייערע לעבענס על קידוש השם. ער איז געווען אַזוי יונג און צאַרט און מען האָט איהם אָנגעטהאָן אַלערליי נגישות און יסורים. די אידען פון פעז האָבען זיך שטאַרק געשראָקען, אַז ער וועט ניט קענען אריבערטראָגען די וועהטאָגען און וועט צוזאַמענברעכען און אַרויסגעבען די נעמען פון די וועלכע האָבען מיט איהם געלערענט די הייליגע תורה, דאָס וואָלט געבראַכט דעם גרעס־טען אומגליק אויף אַלע אידישע איינוואָהנער. אָבער ער האָט אַזוי בראַוו און העלדיש אַלעס אריבערגעטראָגען. ער איז אפילו געווען גרייט צו באַגע־גענען דעם טויט. גאָט האָט איהם דערפאַר געהאָלפען און איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען, און יעצט שטעלט זיך פאַר ווי גליקליך איך בין צו וויסען, אַז ער געפינט זיך אין קאירא און האָט מיר זיינע שריפטען צוגעשיקט דורכ'ן שמש. זינט איך האָב וועגען איהם געהערט פון זיין פאָטער און פון דעם הויפּט רב פון פעז, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז יוסף אבן עקנין דאַרף זיין אַ גרויסער געלערנטער מאַן און יעצט, נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעקוקט זיינע שריפטען, בין איך איבערצייגט, אַז איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט. ער איז זעהר געלערענט אין אידישקייט ווי אויך אין וועלטליכע זאַכען. ער שרייבט ליעדער און אין דערזעלבער צייט ווייזט ער אַרויס חריפות און בקיאות אין תלמוד. ער האָט אויך אַ ידיעה אין מעדיצין. אָה, ווי גערן איך בין זיך מיט איהם צו טרעפען.

— ער מוז זיך געווים געפינען אין קאירא! — האָט שרה געזאָגט. — ער האָט פון דיר געהערט און ער האָט געוואָלט זיך מיט דיר באַקענען און דאריבער האָט ער צוגעשיקט זיינע שריפטען צו דיר.

— איך קען אָבער ניט פאַרשטעהן פאַרוואָס ער איז ניט געקומען צום שמש אויסצוגעפינען אויב ער האָט דיר די שריפטען איבערגעגעבען? — האָט שפרה זיך אָפּגערופען.

— מעגליך אַז עפּעס האָט מיט איהם פּאַסירט! — האָט רות גע־זאָגט — פיליכט איז ער קראַנק געוואָרען, אָדער פיליכט האָט ער קיין געלט ניט געהאַט צו באַצאָהלען דעם שמש פאַר זיין שליחות, און ער האָט זיך געשעהמט צו קומען צו איהם.

— און אפשר איז ער געווען געצוואונגען אפצורייזען פון קאירא! — האָט אלמאעלי געזאָגט.

— יעדענפאלס דארף איך זיך זעהן מיט׳ן שמש און איהם בעטען אז אזוי שנעל ווי ער וועט אויסגעפינען וואו יוסף געפינט זיך זאָל ער מיר קומען אָנזאָגען.

— איך וועל נאָך היינט אוועקגעהן אין יענער שוהל און זיך דורכ־ריידען מיט׳ן שמש! — האָט אלמאעלי געזאָגט.

— דו קענסט איהם זאָגען אין מיין נאָמען, אז אויב ער וועט מיר קומען אָנזאָגען וואו יוסף געפינט זיך, וועל איך איהם גאַנץ גוט באלוינען דערפאר — האָט דער רמב"ם געזאָגט — יעדענפאלס זאָל דער שמש קומען צו מיר נאָכאמאָל, פיליכט וועל איך קענען פון איהם עפּעס ארויסקריגען וועגען יוסף אבן עקנין.

דעם צווייטען מאָל ווען דער שמש איז געקומען צו דעם רמב"ם אין הויז איז געווען חול המועד פסח.

שרה האָט דעם שמש מכבד געווען מיט וויין און פסכ׳דיגע שפּייזען.

— האָסטו נאָך אלץ ניט געזעהן יענעם יונגען מאַן, וועלכער האָט דיר איבערגעגעבען דעם פּעקעל שריפטען? — האָט דער רמב"ם דעם שמש געפרעגט.

— ניין, איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן. אין מיין שוהל קומען אריין פיעלע פרעמדע אידען צו דאַוונען און איך באטראכט יעדען איינעם, אָבער איהם האָב איך נאָך ניט געזעהן, זינט ער האָט מיר זיינע שריפטען איבערגעגעבען.

— און ווי האָט ער אויסגעזעהן? — האָט דער רמב"ם איהם געפרעגט.

— דעם אמת זאָגענדיג האָב איך זיך צו איהם ניט גוט צוגעקוקט, ווייל ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ קבצן פון וועמען איך האָב גאָרניט וואָס צו ערוואַרטען, האָב איך איהם ניט געשאָנקען קיין צופיעל אויפמערקזאמקייט. איך ווייס בלויז אַז ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אָרימע קליידער און האָט אויסגעזעהן צו זיין אַ יונגער מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר.

— אויב דו וועסט אויסגעפינען וואו ער איז אָדער אויב דו וועסט איהם זעהן זאָלסטו מיר גלייך לאָזען וויסען און איך וועל דיר פאר דעם גוט באלוינען! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צום שמש.

— דאָס וועל איך גערן טהאָן! — האָט דער שמש געזאָגט — איך וועל זיך נאָכפרעגען אויף איהם.

— אויף זיינע שריפטען האָב איך באמערקט זיין נאָמען. ער הייסט יוסף אבן עקנין, פרעג זיך נאָך אויף איהם און אזוי שנעל ווי דו וועסט עפּעס הערען, זאָלסטו מיר לאָזען וויסען.

דער רמב"ם האָט גרינדליך דורכגעשטודירט יוסף אבן עקנין׳ס שריפ־טען, און וואָס מעהר ער האָט אין דעם אריינגעטראַכט, אלץ שטאַרקער איז זיין פארלאַנג געווען, זיך צו טרעפען מיט דעם יונגען מאַן פון וועמענס גרויסקייט ער האָט געהערט, נאָך מיט פיעלע יאָהרען צוריק.

ער האָט באהאַלטען זיינע שריפטען אין אַ זיכערען פלאַץ, מיט דער

האָפענונג, אַז ער וועט זיך נאָך מיט איהם טרעפען און זיי וועלען ריידען וועגען אַלעס וואָס ער האָט געשריבען.

## קאַפּיטעל צוועלף

סאַלאַדין איז געווען אין יענער צייט דער קאַליף פון מצרים. אונטער זיין הערשאַפט האָבען די פאַרשידענע פעלקער וועלכע האָבען זיך געפונען אין מצרים, געפיהלט פריי. יעדער איינער האָט אונגעשטערט געקענט דיענען צו זיין גאָט. סאַלאַדין איז געווען געלערענט און האָט שטאַרק מקרב געווען אַלע חכמים און געלערענטע. אין דעם וואונדערליכען קאַליף האָט זיך פאַראייניגט גבורה און חכמה. צו זיינע אויערען האָבען דערגרייכט קלאַנגען, אַז די קריסטען וועלכע האָבען מיט דער הילף פון דעם צווייטען קרייצצוג אַוועקגענומען פאַלעסטינע פון די מאַכמעדאַנער, האָבען אָנגעהויבען צו פאַרפאָלגען די מאַכמעדאַנער און די אידען און ער האָט באַשלאָסען, צו פיהרען אַ מלחמה געגען די קריסטען און צוריק עראָבערען פאַלעסטינא.

— „ווען אללאה האָט מיר געגעבען דאָס לאַנד פון מצרים— האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען צו זיין געטרייען גרוים־וויזיר אל פאַדעל — „האָט ער אויך געמיינט, אַז פאַלעסטינא זאָל געהערען צו מיר".

סאַלאַדין האָט צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמעע און איבערלאָזענדיג זיין געטרייען און איבערגעגעבענעם וויזיר אל פאַדעל, ער זאָל הערשען אין מצרים, דורך דער צייט פון זיין אַבוועזענהייט, האָט ער אָנגעפיהרט די מלחמה און באַזיגט. ער האָט געמאַכט אַ סוף צו דער ירושלים'ער קריסטליכער קעניגרייך. ער האָט זיך דאָרטען באַפעסטיגט. און כאָטש די הערשענדע קריסטען האָט ער פון ירושלים אַרויסגעטריבען, האָט ער דאָך די קריסטליכע איינוואָהנער, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין ירושלים, געלאָזט פריי דיענען צו זייער גאָט. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די אידען וועלכע האָבען אין ירושלים געוואָהנט האָבען אויך גענאָסען פון די פּריוויליגיעס, וואָס דער ליבעראַלער און געלערענטער קאַליף האָט זיי געגעבען.

ווען די קריסטליכע מלוכות פון אייראָפּא האָבען זיך דערוואוסט אַז ירושלים איז צוריק אַריינגעפאַלען אין מאַכמעדאַנישע הענט, האָבען זיי באַשלאָסען צו מאַכען אַ דריטען קרייצצוג, צו דעם הייליגען לאַנד, און עס אַוועקנעהמען פון סאַלאַדין'ען.

צוליעב דעם צוועק, האָבען זיך די קעניגען פון דריי גרויסע מלוכות פאַראייניגט: דער דייטשער אימפּעראַטאָר פרידריך באַרבאַראָסאַ, דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ אויגוסט און דער ענגלישער קעניג, ריכאַרד דער ערשטער אָדער ווי מען האָט איהם גערופען, ריטשאַרד דער לייבען הערציגער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די ערשטע אויפטוהונגען פון דעם דריטען קרייצצוג, איז געווען די מערדערליכע אָנפאַלען אויף די אידען, אַזוי ווי עס איז געווען אין די פריהערדיגע צוויי קרייציגע.

דאָס מאָל האָבען די אידען פון ענגלאַנד זעהר שטאַרק געליטען.

די אידישע באַפעלקערונג אין ענגלאַנד האָט זיך פאַרגרעסערט נאָך

די גרויסע רדיפות אויף די אידען אין פראנקרייך, וואָס זיי האָבען געליטען פון די פריהערדיגע קרייציגע. פיעלע אידען האָבען זיך געראַטעוועט מט דעם, וואָס זיי זיינען אנטלאָפען נאָך ענגלאַנד. און אזוי האָבען זיך די אידען אָנגעפאַנגען שנעל צו ענטוויקלען אין ענגלאַנד, אין דעם צוועלפטען יאָהרהונדערט.

א גרויסע צאָהל האָבען געוואָהנט אין לאָנדאָן און אין אנדערע שטעדט. זיי האָבען זיך באשעפטיגט מיט מסחר און געגרינדעט באנקען. די אידען האָבען געהאַט די פרייהייט אָנצופיהרען זייער האנדעל אומגעשטערט. און באַלד טאַקע האָבען זיך די אידען ארויפגעארבייט. פיעלע פון די אידען וועלכע זיינען רייך געוואָרען, האָבען זיך־געלאָזט בויען פאַלאַצען און געלעבט אין גרוים לוקסוס און אין רייכטום. דאָס האָט ארויסגערופען פיעל קנאה מצד דער קריסטליכער באפעלקערונג. דער פונק פון האַס און רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט זיך צוטליהט, ביז וואַנען עס איז געוואָרען א גרויסער פלאַם, וואָס האָט געקאָסט פיעלע אידען דאָס לעבען.

אין יענער צייט איז ריכארד דער לייבענהערציגער געוואָרען קעניג.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט געיובלט און געפייערט דעם טאָג פון דער קרוינונג.

אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ איז געפּראוועוועט געוואָרען אַן אויסער־געוועהנליכע פייערונג. און פאָרשטעהער פון פאַרשיעדענע גרופּען זיינען געקומען באגריסען דעם נייעם קעניג און איהם געבראַכט מתנות.

די אידען האָבען אויך אויסגעקליבען זייערע פאָרשטעהער און זיי געשיקט באגריסען דעם קעניג, אין נאָמען פון דער גאַנצער אידישער באַ־פעלקערונג פון ענגלאַנד. די שעהנסטע און טייערסטע מתנות האָבען די אידישע פאָרשטעהער געבראַכט פאַר דעם קעניג. קיין געלט האָבען זיי ניט געזשאַלעוועט און זייערע מתנות זיינען ווירקליך געווען די שעהנסטע פון די מתנות וואָס די אנדערע פאָרשטעהער האָבען געבראַכט פאַר דעם קעניג.

אַלע פאָרשטעהער האָבען געוואַרט אין דעם גרויסען אויפנאַהמס־צימער פון דעם פּאַלאַץ, ביז וואַנען דער קעניג וועט זיי אויפנעהמען.

דער ערץ בישאָף באַלדווין, וועלכער האָט זיך באטייליגט אין דעם נאָמען פון דער הייליגער קירכע אין דער קרוינונג פון דעם קעניג, איז באַ־שטימט געוואָרען פון קעניג אויפצונעמען די פאָרשטעהער און זיי אריינ־ברענגען אין טראָהן־צימער,איינע נאָך די אַנדערע.

דער ערץ בישאָף איז אריינגעקומען אין אויפנאַמס־צימער און ער האָט באטראַכט די פאַרשידענע פאָרשטעהער, זיינען זיינע אויגען געפאַלען אויף די אידישע פאָרשטעהער. ער האָט פאַרביסען מיט זיינע ליפּען און בעת מעשה גאָר ניט געזאָגט. זיין בלוט אָבער האָט אין איהם געזאָטען און גע־קאָכט. ער האָט געזעהן, אַז די אידישע מתנות זיינען מעהר קאָסטבאַרע פון די קריסטליכע, און דאָס האָט האָט נאָך מעהר צערייצט זיין צאָרן. ער האָט זיך גלייך אומגעקעהרט צום קעניג און זיך אָפּגערופען:

— גנעדיגער קעניג. איך האָב באַמערקט, אז צווישען די פיעלע פאָר־שטעהער, געפינען זיך אויך די אידען, די אומגלויביגע אידען וועלכע האָבען ערמאָרדעט אונזער גאָט. ניין,אידען האָבען אזאַ כבוד ניט פאַרדינט. אז

דו זאָלסט זיי אויפנעהמען, און עס וועט זיין א זינד צו גאט, אויב דו וועסט פון זיי אָננעהמען זייערע מתנות.

— און וואָס זאָל איך טהאָן? — האָט דער קעניג ריכארד דער לייבענ־הערציגער איהם געפרעגט.

— גיעב א באפעהל צו דיינע בעאמטע אז מען זאָל זיי ארויסטרייבען פון פאלאַץ מיט זייערע מתנות.

דער קעניג האָט צוגעשטימט און האָט באפוילען זיינע דינער, ארויס־צוטרייבען די אידישע דעלעגאציע פון פאלאַץ מיט זייערע מתנות.

ווי גרויס איז געווען די איבעראשונג פון די אידישע פאָרשטעהער, ווען פלוצלונג זיינען צו זיי צוגעקומען דעם קעניג׳ס בעאמטע און זיי גענומען שטופען צו דעם ארויסגאַנג.

— מיר זיינען געקומען באגריסען דעם קעניג אין נאָמען פון דער אידישער באפעלקערונג, האָבען זיי פראָטעסטירט — מיר האָבען דעם קעניג מתנות געבראַכט.

— דער קעניג וויל ניט אויפנעמען די פאָרשטעהער פון די פארפלוכטע אידען, און פון אייערע חזיר׳שע מתנות וויל ער ניט וויסען! ארויס פון פאלאַץ.

פארשעמטע און דערשלאָגענע האָבען די אידישע פאָרשטעהער פאר־לאָזען דעם פאלאַץ. מיט פארביטערטע הערצער האָבען זיי זיך צוריקגע־קעהרט צו די אידען און זיי דערצעהלט וואָס עס האָט מיט זיי פאסירט.

דערוויייל האָט זיך אין שטאָדט פארשפרייט א קלאַנג צווישען דער קריסטליכער באפעלקערונג, אז דער קעניג האָט דערלויבט צו ראַבירען די אידישע פארמעגענס. דער צעיושעטער המון, צוזאַמען מיט די סאָלדאַטען פון די קרייצטרעגער האָבען זיך א לאָז געטהאָן אויף די אידען. זיי האָבען גע־טויטעט יעדען אידען וואָס איז אריינגעפאלען אין זייערע הענט. זיי האָבען צורויבט זייער פארמעגען און פארברענט זייערע הייזער.

די רייכע אידען האָבען זיך באפעסטיגט אין זייערע שלעסער, אָבער די רויבער האָבען אויך די שלעסער צושטערט און זיי אונטערגעצונדען, און די אומגליקליכע אידען זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען.

א סך אידען, מורא האָבענדיג אז די קרייצציגער וועלען זיי מיט גע־וואלד אָפּ׳שמד׳ן, האָבען זיך גענומען זייערע לעבענס.

אזוי איז געווען די לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד, אין אָנפאַנג פון דעם דריטען קרייצצוג.

ווען ריכארד דער לייבענהערציגער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפיץ פון די קרייציגע, און איז מיט זיי אוועק נאָך מזרח מלחמה צו האלטען מיט סאלאדינ׳ען, האָבען זיך די פאָגראָמען אין ענגלאַנד ווידערהאָלט נאָך מיט מעהר שוידערליכקייט.

אין דער שטאָדט יאָרק האָבען זיך פיעלע אידען פארשפארט אין דעם טהורעם פון דער פעסטונג. אייניגע טעג האָבען די קריסטען באלאגערט דעם טהורעם. די באלאגערטע אידען האָבען מיט אלע מעגליכקייטען געזוכט אָפּצוטרייבען דעם צעיושעטען המון פון דעם טהורעם און האָבען אויף זיי געוואָרפען שטיינער. איין שטיין איז געפאלען אויף א מאָנאך, וועלכער

האָט געפיהרט דעם צורייצטען המון. דער מאָנאך איז געטויטעט געוואָרען. דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט די פאַנאַטישע קריסטען און זיי האָבען פון טהורעם ניט אָפּגעטראָטען.

די אָנגעזאַמעלטע שפּייז און וואַסער וואָס די אידען האָבען געהאַט מיט זיך אין טהורעם, האָט גענומען אויסגעהן. דער הונגער און דורשט איז געוואָרען גרויס און די אידען האָבען איינגעזעהן, אַז זייער סוף איז געקומען.

צווישען די באַלאַגערטע אידען איז געוועזען זייער רב, רבי יום טוב, און אויף איהם האָבען די אומגליקליכע אָנגעווענדעט זייערע אויגען.

— עס ווייזט אויס אַז עס איז דער רצון פון גאָט, אַז מיר זאָלען שטאַרבען פאַר אונזער הייליגער תורה! — האָט רבי יום טוב אויסגערופען און די טרעהרען האָבען זיין האַלז געשטיקט — דער טויט שטעהט הינטער דער טיהר און איהר וועט ניט וועלען זינדיגען געגען גאָט און זיך לאָזען אָפּ'שמד'ן, כדי צו לעבען עטוואָס לענגער אויף דער ערד. דער באַשעפער פון דער וועלט האָט אונז דאָס לעבען געגעבען, לאָמיר איהם אַליין צוריקגעבען מיט אונזערע אייגענע הענט. אונזערע עלטערן פון פיעלע דורות האָבען אונז אַזאַ ביישפּיעל געוויזען. זיי האָבען זיך מקריב געווען על קידוש השם.

רבי יום טוב׳ס ווערטער האָבען געווירקט אויף די אומגליקליכע אידען, וועלכע האָבען שוין קיין האָפענונג ניט געהאַט זיך צו ראַטעווען. זיי האָבען אַלע באַשלאָסען זיך צו נעהמען דעם לעבען, אויסער אייניגע, וועלכע האָבען געהאָפט צו בלייבען לעבען, אויב זיי וועלען זיך לאָזען אָפּ'שמד'ן. דער ראש הקהל, דער רייכער רבי יצחק, וועלכער איז געווען איינער פון די פאָרשטעהער צו באַגריסען דעם קעניג, האָט צוערשט געטויט זיין געליבטע פרוי און דערנאָך איז ער אַליין געשטאָרבען פון דער האַנט פון רב, וועלכער איז געטויטעט געוואָרען פון אַן אַנדערען. אַזוי האָבען די אידען געמאַכט אַ סוף צו זייערע לעבענס.

אַ קליינע צאָהל אידען זיינען פאַרבליבען און געהאָפט צו בלייבען לעבען. אָבער זייער האָפענונג איז ניט ערפיהלט געוואָרען. אַזוי שנעל ווי די שונאים האָבען זיך אריינגעריסען אין טהורעם, האָבען זיי גענומען אויסקוילענען די פאַרבליבענע, ניט געבענדיג זיי אַ געלעגענהייט אויסצורעדען אַ וואָרט. קיינער פון די פאַרזאַמעלטע אידען איז ניט אַרויסגעגאַנגען קיין לעבעדיגער פון דעם טהורם.

די לאַגע פון די אידען אין ענגלאַנד איז געוואָרען נאָך שווערעריכער, אין דער אבוועזענהייט פון דעם קעניג ריכאַרד.

פיעלע יאָהרען האָט ריכאַרד דער לייבענהאַרץ מיט זיינע קרייצציגע געפיהרט די מלחמה געגען סאַלאַדינ׳ען און געוואָלט אָוועקנעהמען ירושלים פון די מאַכמעדאַנער, אָבער אָהן ערפאָלג. סאַלאַדין איז פאַרבליבען אין ירושלים און זיך דאָרט שטאַרק באַפעסטיגט.

ריכאַרד, דער ענגלישער קעניג, איז געוועזען געצוואונגען צו מאַכען שלום מיט סאַלאַדינ׳ען. ער האָט סאַלאַדינ׳ען פאַרשפּראָכען צוריקצוציהען זיין אַרמעע פון די טויערען פון ירושלים, און דערפאַר האָט ער אַרויסגעקראָגען אַ פאַרשפּרעכונג פון סאַלאַדינ׳ען אַז די קריסטליכע פּילגרימס זאָל

ערלויבט ווערען צו באזוכען זייער קירך אונגעשטערט.

כאטש ירושלים איז פארבליבען אונטער סאלאדינ'ס הערשאפט זיינען אבער די אנדערע שטעדט פון פאלעסטינא פארבליבען אין די קריסטליכע הענט.

ריכארד דער לייבענהארץ האט זיך צייטווייליג באזעצט אין אשקלון, כדי צו באפעסטיגען די פאזיציעס וואס איז פארבליבען אין זיינע הענט. אפזייענדיג א שטיקעל צייט אין אשקלון האט דער ענגלישער קעניג זיך גענומען פיהלען קראנק. ער פלעגט גאנץ אפט קריגען א שטעכעניש און א וועהטאג אין די זייטען. פיעלע רופאים זיינען געקומען איהם היילען, אבער זיינע שמערצען זיינען ניט גרינגער געווארען.

פיעלע פון זיינע רופאים און גוטע פריינד האבען איהם דערצעהלט וועגען דעם גרעסטען רופא וועלכער געפינט זיך אין מצרים.

— זיין נאמען איז ר' משה בן מימון, אדער ווי ער ווערט גערופען אין קורצען, רמב"ם. — האט א רופא זיך אפגערופען צו דעם קעניג ריכארד — און ווי איך האב געהערט איז ער איינער פון די גרעסטע רופאים ניט נאר אין מצרים, נאר אויך פון אלע לענדער. זאל דער קעניג שיקען צו איהם א בריעף אין וואס מיר וועלען אנגעבען אלע סימפטאמען פון דיין קראנקהייט און זעהן וואס ער וועט דערצו זאגען. געוועהנליך וואלט געווען א סך בעסער ווען דער רמב"ם וואלט דיך קענען אונטערזוכען.

— דו ווייסט דאך אז איך וועל אין מצרים ניט אפרייזען. נאך אלעמען בין איך סאלאדינ'ען ניט קיין גוטער פריינד און ער מיר געוויס ניט, כאטש שלום הערשט צווישען אונז.

— דען זאל דער קעניג מיר ערלויבען אין זיין נאמען איהם צו שיקען א בריעף.

— אבי איך זאל געהאלפען ווערען און מיינע שמערצען זאלען פארלינדערט ווערען ! — האט ריכארד זיך אפגערופען.

דער רופא האט אין נאמען פון דעם ענגלישען קעניג אנגעשריבען א בריעף צום רמב"ם וואו ער האט אויסגערעכענט די אלע סימפטאמען און סימנים פון דעם קעניג'ס קראנקהייט און פון איהם פארלאנגט ער זאל איהם פארשרייבען די מעדיצין וואס עס איז נויטיג דערצו.

דעם בריעף האט דער קעניג געחת'מעט מיט זיין זיעגעל און איהם אוועקגעשיקט מיט א ספעציעלען קעניגליכען שליח צום רמב"ם.

ווען דער רמב"ם האט דורכגעלייענט דעם בריעף האט ער גלייך זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבען פאלגענדען ענטפער צו דעם קעניג:

„צו זיין מאיעסטעט, דער קעניג פון ענגלאנד, ריכארד דער ערשטער.

„דורכשטודירענדיג די אלע סימנים פון דער קראנקהייט פון זיין מאיעסטעט בין איך געקומען צום באשלוס אז עס איז ניט קיין געפעהרליכע אינערליכע קראנקהייט, נאר א קראנקהייט וואס עס קומט פון עסען ניט די ריכטיגע שפייז. עס זיינען פאראהן אזעלכע שפייזען וואס פאראורזאכען גאזען אין קערפער און פון דעם נעהמט זיך דאס די פארשידענע וועהטאגען".

דער רמב"ם האט אויסגערעכענט אין זיין בריעף וואס פאר א שפייז ער מעג עסען און פון וועלכע ער זאל זיך אפהיטען. ער האט איהם אויך

אַנגעגעבען נאָך וויכטיגע מיטלען און ער האָט דעם בריעף אָוועקגעשיקט מיט דעם זעלבען שליח.

ווען ריכארד האָט דערהאַלטען דעם בריעף פון רמב"ם און עס דורכ־געלייענט איז ער בעת מעשה אין כעס געוואָרען.

— וואָס פאַר אַ דאָקטאָר איז ער ווען ער פאַרשרייבט ניט קיין רפואות צו מיין קראַנקהייט. ער וויל איך זאָל אויפהערען צו עסען די שפּייזען וואָס איך האָב ליעב אָמבעסטען און לעבען אויף גרינסען. וואָס גלויבט ער בין איך אַ בהמה!

— זאָל דער קעניג ניט קרינגשעצען די רייד פון רמב"ם! — האָט דער רופא געזאָגט — ניט אומזיסט האָט ער געקראָגען אַזאַ גרויסען נאָמען. פאָלג איהם און דו וועסט זעהן אויב ער איז גערעכט אָדער ניט.

דער קעניג ריכארד האָט צוגעשטימט, און ער האָט באַפוילען זיינע קוכארס זיי זאָלען פאַר איהם צוגרייטען גאַנץ אַנדערע שפּייזען לויט ווי דער רמב"ם האָט איהם געשריבען.

בלויז איינגע טעג זיינען פאַריבער און דער קעניג האָט באַלד געזעהען אַן אויסבעסערונג אין זיין געזונד־צושטאַנד. זיינע וועהטאָגען און די שטע־כעניש אין די זייטען זיינען פאַרשוואונדען. ער האָט זיך גענומען פיהלען אַ סך שטאַרקער און קרעפטיגער.

— יעצט זעה איך וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער דאָקטאָר דער רמב"ם איז אויב ער האָט מיר געקענט אויסהיילען אונטער די אויגען פון מיין קראַנקהייט, היינט וואָס פאַר אַ גליק עס וואָלט געווען פאַר מיר און פאַר מיין משפּחה, ווען דער רמב"ם ווערט מיין לייב דאָקטאָר און געפינט זיך שטענדיג אין מיין פּאַלאַץ. איך וועל איהם שיקען אַן איינלאַדונג צו ווערען מיין לייב דאָקטאָר.

גלייך האָט דער קעניג ריכארד דער לייבענהאַרץ אָנגעשריבען אַ בריעף צום רמב"ם.

„מיין האָכגעשעצטער דאָקטאָר, רמב"ם, האָט דער קעניג געשריבען. „איך וועל דיר צוערשט באַדאַנקען פאַר דיין אויסהיילען מיר פון מיינע שרעקליכע שמערצען. איך האָב פיעל געהערט פון דיין גרויסקייט ניט נאָר אַלס דער גרעסטער דאָקטאָר פון אונזער צייט, נאָר אויך אַלס דער גרעס־טער געלערנטער, חכם און פילאָזאָף. עס איז דעריבער מיין שטאַרקער וואונש זיך נעהענטער צו באַפריינדען מיט דיר. איך שיק דיר אַן איינלאַדונג דו זאָלסט ווערען מיין הויף דאָקטאָר. איך וועל וויסען ווי אָפּצושאַצען דיין גרויסקייט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ פון ענגלאַנד, וואו דו וועסט זיך באַזעצען. איך וועל דיך דערהויבען צו דעם גרעסטען אמט פון מיין מלוכה און אַלע דיינע פאַרלאַנגען און באַדינגונגען וועלען ערפילט ווערען. קום צו מיר און ווער מיין לייב דאָקטאָר און מיין פריינד. איך וועל דיר אָפּגע־בען כבוד, ווי דו האָסט פאַרדינט. מיט דער האָפענונג אַז דו וועסט אָננעה־מען מיין אָנבאָט, פאַרבלייב איך דיין פריינד,

ריכארד דער ערשטער,
קעניג פון ענגלאַנד".

דער קעניג ריכארד האָט אָוועקגעשיקט דעם בריעף מיט איינגע פון

זיינע גענעראַלען, צוזאַמען מיט דעם בריעף צום רמב"ם האָט דער קעניג אויך געשיקט אַ בריעף צו דעם גרויס וויזיר, אלפאַדעל, וועמען ער האָט געבעטען אז ער זאָל ערלויבען דעם רמב"ם אָנצונעהמען זיין אָנבאָט און ער וועט עס פאַררעכענען פאַר אַ גרויס גנאָדע פון זיין זייט.

דער רמב"ם האָט אויפגענומען די גענעראַלען ביי זיך אין הויז. ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ מאָלצייט.

— צו מיין גרויס באַדויערען מוז איך צוריקווייזען דעם אָנבאָט פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צו די ענגלישע גענעראַלען.

— פאַרוואָס? — האָבען זיי איהם מיט ערשטוינונג געפרעגט. —

דאָס ערקלעהר איך דעם קעניג אין מיין ענטפער צו זיין בריעף, וואָס איהר וועט אַזוי פריינדליך זיין און איהם איבערגעבען.

דער רמב"ם האָט אָנגעשריבען פאָלגענדען בריעף:

„צו מיין גרויס באַדויערען אָבער בין איך געצוואונגען צוריק צו ווייזען פרידען!

„איך וויל ביי דיזער געלעגענהייט אויסדרוקען מיין הערצליכען דאַנק פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס זיין מאַיעסטעט וויל מיר אָנטהאָן מיט דעם וואָס ער לאַדעט מיר איין אַלס זיין לייב דאָקטאָר.

„צומיין גרויס באַדויערען אָבערבין איך געצוואונגען צוריק צו ווייזען זיין מאַיעסטעט'ס אָנבאָט. די ערשטע אורזאַכע איז וואָס איך בין אַ איד און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע ברידער שרייט צו מיר אַרויס פון דער ערד. איך וויל זיין מאַיעסטעט דערמאָנען, אויב ער האָט שוין פאַרגעסען, אַז אין דעם טאָג וואָס ער איז געקרוינט געוואָרען אַלס קעניג, זיינען פיעלע פון מיינע ברידער, די אידען, געטויטעט געוואָרען אין דער צייט וואָס זייערע איינציגע זינד איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי זיינען געקומען באַגריסען דעם קעניג צו זיין קרוינונג און האָבען איהם געבראַכט קאָסטבאַרע מתנות. איך האָב געשטוינט ווען איך האָב עס דערהערט. די אידען, מיינע ברידער, האָבען געבראַכט בלויז גוטעס אין ענגלאַנד, זיי האָבען ענטוויקעלט דעם מסחר און זיינען געווען געטריי און גוטע בירגער. זיי זיינען געווען גליקליך צו זעהן ווי דער נייער קעניג ווערט געקרוינט און האָבען אויסגעדריקט זייער פרייד דורך דעם וואָס זיי האָבען געשיקט זייערע פאָרשטעהער צו באַגריסען דעם קעניג, איבערגעבען איהם זייער ברכה וואָס איז געקומען פון דער טיפעניש פון זייערע הערצער און אויך איבערגעבען דעם קעניג אַ מתנה. וואָס איז געשעהען? אַ שוידער געהט דורך מיין לייב ווען איך טראַכט פון דעם. איך גלויב אַז יעדער אויפריכטיגער מענש ביי וועמען גערעכטיגקייט און הומאַניטעט איז טייער, וועט אויפגעציטערט ווערען ווען ער וועט דאָס הערען. דער קעניג האָט אַנשטאַט אויפצונעהמען די אידישע פאָרשטעהער און זיי באַדאַנקען פאַר זייער געטרייהייט און איבערגעבענהייט, האָט זיי מיט שאַנדע און דערנידערונג אַרויסגעטריבען פון פאַלאַץ און דערצו ערלויבט אַז מען זאָל די אומשולדיגע אידען באַפאַלען און צו ראַבירען זייער האָב און גוטס. ווען איך טראַכט פון דעם, פיהל איך אַז איך וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכען ניט נאָר געגען מיין פאָלק, נאָר

אויך געגען דער מענשהייט, ווען איך נעהם אָן דעם אָנבאָט פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג פון ענגלאַנד. איך בין גרייט יעדען צו היילען אפילו די שונאים פון מיין פאָלק, ווייל זיי קומען צו מיר, אָבער צו געהן צו אַזעלכע וועלכע האָבען אומזיסט און אומנישט פאַרגאָסען דאָס בלוט פון מיינע ברידער, דאָס וועל איך קיינמאָל ניט טהאָן. אפילו ווען זיי מאַיעסטעט וואָלט געהאַט די מעגליכקייט מיר צו צווינגען צו קומען צו איהם. איך האָף אַז זיין מאַיעסטעט דער קעניג וועט מיר פאַרשטעהן און רעכענען מיין האַנדלונג אַלס אַ גערעכטע,

„פאַרבלייב איך מיט גליקוואונשען, רמב"ם".

ווען דער קעניג ריכאַרד דער לייבענהאַרץ האָט דורכגעלייענט דעם רמב"ם'ס בריעף, האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק דערשלאָגען. ער האָט קיינמאָל פון דעם ניט געטראַכט. יעצט אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אַז זיין ערץ־בישאָף באַלדווין האָט פון איהם פאַרלאַנגט ניט אָנצונעהמען די מתנה פון די אידען, און פון דעם איז נאַכהער אַרויסגעקומען זעהר אונאַנגענעהמע זאַכען. דער המון איז דאַן באַפאַלען די אידען, אָבער ער גערענקט אויך אַז אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער שטרענג באַפוילען גלייך אָפּצושטעלען די איבערפאַלען. ער האָט זיך אָבער דערוואוסט אַז ווען ער האָט פאַרלאָזען ענגלאַנד צו פיהרען דעם דריטען קרייצצוג אויף ירושלים געגען סאַלאַדינ'ען, זיינען פאָרגעקומען פיעלע איבערפאַלען געגען די אידען, וואו זיי האָבען פאַרלאָרען זייערע לעבענס. ער גערענקט אָבער אויך אַז ער האָט אָנגעזאָגט צו באַשטראָפען די שולדיגע. יעצט זעהט ער ווי די זאַך איז באַוואוסט געוואָרען אומעטום, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער רמב"ם האָט ריכטיג געהאַנדעלט.

דאָך האָט דער ענגלישער קעניג ריכאַרד געמאַכט אַ צווייטען פאַרזוך און האָט אָנגעשריבען אַ בריעף צום רמב"ם, וואָס האָט געקלונגען ווי אַן ענטשולדיגונג.

„מיין ווירדיגער דאָקטאָר רמב"ם!

„איך בין זעהר געריהרט געוואָרען פון דיין בריף. דו האָסט מיר דערמאָנט אָן אַ זאַך וואָס איך האָב געזוכט מיט אַלע מיינע מעגליכקייטען צו פאַרגעסען. איך מוז דיר אָבער פאַרזיכערען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַרויסגעקומען דורך אַ מיספאַרשטענדעניש. אין דעם טאָג פון מיין קרוינונג איז צו מיר צוגעקומען מיין ערץ בישאָף באַלדווין און מיר געבעטען איך זאָל ניט אָננעהמען די מתנה וואָס די אידען האָבען מיר געבראַכט. איך האָב איהם געוואָלט צוליעב טהאָן און איינגעשטימט, און ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם וואָס איך האָב איינגעשטימט ניט אויפצונעהמען די אידישע פאָרשטעהער און זיי געהייסען אַרויסטרייבען פון מיין פּאַלאַץ, און ווען דאָס פאָלק האָט געזעהן אַז די אידען זיינען פון פּאַלאַץ אַרויסגעטריבען געוואָרען האָבען זיי עס אָנגענומען פאַר אַ סימן אַז איך ערלויב זיי צו טהאָן צו די אידען וואָס זייער האַרץ געלוסט. אימיצער האָט פאַרשפּרייט אַ פאַלשען קלאַנג אַז עס איז מיין ווילען צו פאַרניכטען די אידען און צו ראַבירען זייער אייגענטהום. דער ווילדער המון איז טאַקע באַלד באַפאַלען די אידען און זיי פּאָגראָמירט און ראַבירט. איך ווייס אַז פיעלע אידען זיינען אומגע־

קומען. אָבער אזוי שנעל ווי איך האָב זיך פון דעם דערוואוסט, האָב איך גלייך ארויסגעגעבען א שטרענגען באַפעהל אָפּצושטעלען די אומרוהען. און ווען איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן דעם חורבן, ווי די אידישע שוהלען און הייזער זיינען פארברענט געוואָרען און פיעלע אידען זיינען אומגעקומען, בין איך דערציטערט געוואָרען און האָב באַלד ארויסגעגעבען א באַפעהל אז די אָנפיהרער און שולדיגע אין די געוואלדטהאַטען געגען די אידען זאָלען הינגעריכטעט ווערען. איך האָב גלייך ארויסגעלאָזען א באַפעהל אז קיינער זאָל ניט וואגען שלעכטעס צו טהאָן צו די אידען. אלס א באווייז אז איך האָב גלייך אָנגענומען שטרענגע מיטלען און געזעהן צו פארריכטען דאָס וואָס איך האָב אומגערען שלעכטעס געטהאָן, וועל איך אָנגעבען דעם פאקט, אז ווען איך האָב אויסגעפונען אז דער איד בענעדיקט פון יאָרק איז געוואָרען א קריסט, ווייל מען האָט איהם דערצו געצוואונגען, האָב איך איהם ערלויבט זיך אומצוקעהרען צום אידענטהום.

„איך גיב צו, געעהרטער דאָקטאָר רמב"ם, אז דו האנדעלסט לויט דיין ווירדע, און וואָס דיין באַשלוס וועט ניט זיין, וועל איך פארבלייבען דיין פריינד און אזוי לאנג ווי איך לעב וועל איך ניט דערלאָזען אז אין מיין לאנד זאָלען זיך ווידערהאָלען אזעלכע שענדליכע באהאנדלונגען צו די אידען. מיין געוויסען פּלאגט מיך זעהר פאר די אלע שוידערליכקייטען וואָס די אידען האָבען געליטען דורך מיינעם א מיספארשטענדעניס, און איך האָף אז דו און אויך דיינע ברידער, די אידען פון מיין לאנד, וועלען מיר פאר־געבען און קיין שנאה אין זייערע הערצער צו מיר ניט טראָגען.

„איך האָף אויך אז דו וועסט ענדערן דיין באַשלוס און אָננעמען מיין אָנבאָט, נאָר אויב ניט פארבלייב איך אלץ דיין ערגעבענסטער פריינד.

„ריכארד דער ערשטער,

קעניג פון ענגלאנד."

דיזען בריף האָט דער קעניג איבערגעשיקט צום רמב"ם דורך איינעם פון זיינע דאָקטורים.

דער רמב"ם איז געווען שטארק צופרידען פון דעם קעניג'ס ענטפער, אָבער דאָך האָט ער זיין אָנבאָט ניט אָנגענומען.

דאָס איז זעהר שטארק געפעלען געוואָרען דעם גרויס וויזיר אלאפדעל, ביי וועמען דער רמב"ם איז געווען זעהר טייער. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט מישען. און יעצט ווען ער האָט אויסגעפונען וועגען דעם בריעף וועקסעל צווישען רמב"ם און דעם ענגלישען קעניג, איז דער רמב"ם נאָך העכער געשטיגען אין זיינע אויגען.

* * *

ווען סאלאַדין האָט זיך צוריקגעקעהרט א זיעגרייכער נאָך מצרים, האָבען אלע איינוואָהנער פון לאנד זיך שטארק געפרעהט און געיובעלט.

גרויסע פייערליכע פאראדען זיינען געפייערט געוואָרען אין יעדער שטאָדט דורך וואנען דער קאליף סאלאדין איז דורכגעפאָהרען, און דער שעהנסטער פאראד איז געפייערט געוואָרען אין קאאירא, די הויפּט שטאָדט פון מצרים.

די אידען און מאכמעדאנער זיינען דעם ליבעראלען און גוטהערציגען

קאליף אנטקעגן געקומען און איהם זייערע ברכות געגעבען.

דער גרויס וויזיר אלפאדעל האט האט איינגעלאדען אין זיין קארעטע דעם רמב"ם און אלמאעלי און איז מיט זיי אנטקעגען געקומען צו באגריסען סאלאדינ'ען.

— איך זעה אז איך האב מיין לאנד איבערגעלאזען אין גוטע הענט!

— האט סאלאדין זיך אפגערופען צו זיין וויזיר — אלעס איז אין ארדענונג!

— גנעדיגער קאליף! — האט זיך אלפאדעל אפגערופען און זיך פאר איהם פארנייגט — אללאה האט ארויסגעוויזען גרויס גנאד צו מיר מיט דעם וואס ער האט מיר צוגעשיקט צוויי וויכטיגע פערזאנען, וועלכע זיינען געווען א גרויס גליק פאר אונזער לאנד. זיי האבעןביידע געלייסטעט אונערמידליך זייער ארבייט פאר אונזער לאנד. איך וויל פאר דיר פאר־שטעלען, היילינגער קאליף, דעם רמב"ם, דעם גרעסטען דאקטאר, געלערנטען און חכם פון אונזער לאנד, און זיין שוואגער אלמאעלי, וועמען איך האב אנגעשטעלט אלס מיין סעקרעטאר און וועלכער האט מיט זיין פעהיגקייט אריינגעבראכט ארדענונג אין די חשבונות פון לאנד.

— איך בין זעהר צופרידען אייך ביידען צו קענען! — האט סאלאדין מיט א פריינדליכען שמייכעל זיך אפגערופען צו זיי. און ווענדענדיג זיך צום רמב"ם, האט ער געזאגט:

— דיין נאמען דערגרייכט אין פילע ווייטע לענדער. זייענדיג גאנץ ווייט פון מצרים האב איך שוין פון דיין נאמען געהערט, און איך שעץ זיך גליקליך אז איך האב געפונען חן אין די אויגען פון אללאה און ער האט דיך אין מיין לאנד געשיקט.

שפעטער, ווען אין דעם קאליף'ס פאלאץ האט מען געפייערט א גרויס־ארטיגען מאלצייט לכבוד סאלאדין'ס זיעגרייכען צוריקקעהר, זיינען צווישען די חשוב'ע באאמטע געווען איינגעלאדען דער רמב"ם און זיין פרוי שרה, און אלמאעלי מיט זיין פרוי שפרה.

לויט דעם רמב"ם'ס פארלאנג האט מען זיי געבראכט כשר'ע שפייזען אין נייע כלים.

אין מיטען דעם מאלצייט, ווען די באאמטע האבען אנגעהויבען צו באגריסען דעם קאליף, האט דער גרויס וויזיר זיך באנוצט מיט דער געלע־גענהייט, ווען ער האט אנגעפאנגען צו ריידען, און האט איבערגעגעבען אין קורצען פאר דעם קאליף און זיינע געסט וועגען דעם אנבאט פון ריכארד, דם ענגלישען קעניג, צום רמב"ם, און וועגען דעם רמב"ם'ס צוריקווייזונג.

דעם וויזיר'ס רייד האבען געמאכט אויף דעם קאליף א שטארקען איינדרוק און ער האט זיך אפגערופען:

— דיין האנדלונג פארדינט די אנערקענונג און אפשאצונג פון אלע רעכטדענקענדע און פארשטענדליכע מענשען. עס איז ווירקליך א גרויסער כבוד פאר אונז אלעמען צו האבען דיר אין אונזער לאנד, וויל אויסער די גרויסע נוצען וואס דו ברייננגסט פאר אונז אלעמען אלס גרויסער דאקטאר, וועלכער האט די פעהיגקייטען, אויסצוהיילען קערפערליכע קראנקהייטען, וואס עס איז געווען אונמעגליך פאר די אנדערע דאקטוירים צו טהאן ביז איצט, האט דיר דער אלמעכטיגער באשאנקען מיט אן אפענעם מח, מיט

קלוגשאפט און געלערנטקייט און דו קענסט אויך ברייננען א היילונג צו דער נשמה. און יעצט, ווירדיגער רמב"ם, וויל איך דיר אָנבאָטען אז דו זאָלסט ווערען מיין לייב דאָקטאָר, און איך האָב אז דו וועסט מיין אָנבאָט ניט צוריקווייזען!

דער רמב"ם הט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און זיך פארנייגט.

— איך דאַנק דיר, גנעדיגער קאַליף, פון דער טיפעניש פון מיין האַר־צען פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס דו טהוסט מיט מיר. איך וועל זיך שעצען גליקליך צו דינען דעם קאַליף מיט אַלע מיינע מעגליכקייטען. אין דיין לאַנד האָב איך געפונען רוה און פרידען. אויך מיינע ברידער פיהלען זיך גליקליך אונטער דיין שוץ. זאָל דער אַלמעכטיגער פאַרלענגערען דיינע יאָהרען, און זאָל דיין גערעכטע הערשאַפט פאַרטגעזעצט ווערען פאַר פיעלע דורות. דו זאָלסט שטענדיג באַזיעגען דיינע שונאים און טהאָן גערעכטיג־קייט צו אַלעמען.

א שטאַרקע פרייד האָט געהערשט צווישען די אידען פון מצרים ווען זיי האָבען אויסגעפונען אַז דער רמב"ם איז געוואָרען דער לייב דאָקטאָר פון דעם באַליעצטען קאַליף סאַלאַדין.

די אידישע קהלות פון מצרים האָבען באַשטימט דעם רמב"ם אַלס זייער פיהרער און נגיד. און די פאָרשטעהער פון די קהלות פלעגען קומען יעדען יאָהר צום רמב"ם און זיך מיט איהם בעראַטהען ווי אַזוי צו פאַר־שטאַרקען דעם אידישען גייסט צווישען די אידען פון מצרים.

דער רמב"ם איז געוואָרען דער גייסטיגער פיהרער ניט נאָר פון די אידען פון מצרים, נאָר אין אַלע לענדער פון מזרח, פון וואַנען מען פלעגט זיך צו איהם ווענדען ווענגען רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע פראַגען.

אין איינעם פון זיינע בריף וואָס דער רמב"ם האָט געשריבען צו רבי יפת'ן, שרייבט ער פאָלגענדעס:

„דער קאַליף סאַלאַדין וואָהנט אין ניי קאַאירא און איך וואָהן אין פאַסטאַט (אַלט קאַאירא). יעדען טאָג אין דער פריה איז מיין פליכט צו ערשיינען אין פּאַלאַץ. ווען דער קאַליף איז קראַנק, אָדער איינער פון זיין משפחה, דאַן פאַרבלייב איך דאָרט כמעט דעם גאַנצען טאָג. אָבער אין דעם טאָג ווען אַלעס איז בשלום, קען איך זיך אומקעהרען קיין פאַסטאַט ארום האַלבען טאָג. דאָרט געפין איך שוין וואַרטען אויף מיר פיעלע מענשען, אידען און מאַכמעדאַנער, חשוב'ע לייט און פּראָסטע מענשען, ריכטער און באַאַמטע.

„איך געה אַרונטער פון אייזעל, וואַש זיך און געה אַרויס צו זיי, און בעט זיי ענטשולדיגונג, זיי זאָלען וואַרטען ביז איך וועל עפּעס צובייסען, דערנאָך געה איך אַרויס צו די קראַנקע זיי צו היילען און איך פאַרשרייב זיי רפואות. אַזוי האַלטען מענשען אין קומען און אַוועקגעהן ביז נאַכט, אין אָווענד פיהל איך זיך זעהר מיעד, נאָר דאָך פאַרברענג איך אין לערנען ביז נאָך האַלבע נאַכט, בלויז שבת האָב איך צייט צו פאַרברענגען מיט די עלטסטע פון די קהילות און געבען זיי אָנווייזונגען אויף א גאַנצע וואָך".

---

דער רמב"ם האָט טראָץ זיין שווערער ארבייט וואָס ער פלעגט יעדען

טאָג דאַרפען דורכמאַכען, פלעגט ער ניט אויפהערען צו שטודירען און צו לערנען. מיט גרויס התמדה האָט ער געלערענט תלמוד, פילאָזאָפיע און נאַטור וויסענשאַפט. אונערמידליך האָט ער געאַרבייט אויף זיינע וואונדערליכע ספרים וואָס האָבען אַריינגעגעבען אַ נייעם גייסט און וועג אין לערנען פון דעם תלמוד.

אין זיין ערשטען ווערק אין דעם פרוש אויף משנה, וואָס דער רמב"ם האָט געשריבען אין אַראַביש און איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש, האָט דער רמב"ם אַריינגעבראַכט אַ סדר אין דעם תלמוד אָדער ווי עס איז אָנגערופען געוואָרען די תורה שבעל פה. דורך די גרויסע פּלפּולים און אויסטייטשונגען פון דער גמרא איז גאַנץ אָפט פאַרטונקעלט און פאַרפּלאָנטערט געוואָרען דער געדאַנק פון דער משנה, און ווען עס איז געקומען צו דעם עיקר הלכה פלעגט גאַנץ שווער זיין צו באַשליסען אין וואָס פאַר אַ ווענדונג עס צו נעהמען. אין תלמוד זיינען די דינים און הלכות צושפּרייט און צעוואָרפען. אויך די מאָראַל לעהרע און וויסענשאַפטליכע זאַכען זיינען ניט אין אָרדענונג, גאַנץ אָפט איז אויך זעהר שווער אַרויסצודרינגען צוליעב די פאַרשידענע פּלפּולים דעם תמצית פון דער זאַך און וויסען געוויי דעם דין. דער רמב"ם האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אַלעס צו סאָרטירען און אין זיין פרוש המשנה האָט ער צונויפגעשטעלט אַ פולשטענדיגע זאַמלונג פון די אידישע דינים און געזעצען מיט דעם תנ"ך און תלמוד.

דער רמב"ם האָט באַהאַנדעלט מיט באַזונדערע פעהיגקייטען יענע פּונקטען פון דער משנה וואָס האָט צו טהאָן מיט וויסענשאַפט, וואו די עיקרים פון מאַטעמאַטיקס, אַסטראָנאָמיע, פיזיקע, עטיק און פילאָזאָפיע ווערען דאָרט אָנגעדייטעט. ער האָט באַוויזען אַז די חכמי התלמוד זיינען אויך געווען גרויסע געלערענטע אין וויסענשאַפט און אויף דעם האָבען זיי באַגרינדעט זייער אַרבייט. איבערהויפּט האָט דער רמב"ם געציעלט אַרויסצובריינגען אַז די משנה ענטהאַלט אַן עטישען און טיעף פילאָזאָפישען באַגריף פון גאָט. דאָס האָט ער בולט אַרויסגעדרונגען פון די אגדות וועלכע ער האָט אויסגעטייטשט אין דעם וועג פון וויסענשאַפט.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט דער רמב"ם פאַרענדיגט זיין צווייטע גרויסע ווערק וואָס ער האָט אָנגערופען: „משנה תורה אָדער יד חזקה". אין דיעזען וויכטיגען ווערק האָט דער רמב"ם די וויכטיגסטע דינים זיי דורכגעזיפּט און דורכגעלייטערט און זיי קלאַסיפיצירט אַלע איינצעלהייטען. ער האָט עס געשריבען אין אַ פּרעכטיגען העברעאישען סטיל.

אין זיין הקדמה צו דער משנה תורה שרייבט דער רמב"ם: „עס איז מיין וואונש אַז די דאָזיגע ווערק זאָל דיענען אַלס פולשטענדיגע זאַמלונג פון דער תורה שבעל פה מיט אַלע תקנות, מנהגים, דינים און געזעצען וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פון דער צייט פון משה רבנו ביז דער צונויפשטעלונג פון תלמוד" — איך האָב אַ נאָמען געגעבען דאָס ווערק משנה תורה, ווייל יעדער איינער קען צוערשט דורכלערנען די תורה (תורה שבכתב) און דערנאָך דורך דיעזען ספר קענען וויסען אויך גאַנץ „תורה שבעל פה" ניט לערנענדיג קיין אַנדער זאַך צווישען די ביידע".

די ווערק משנה תורה ווערט אָנגערופען „יד חזקה" צוליעב דעם וואָס די ווערק באַשטעהט פון פערצעהן (י"ד) ספרים. דער ערשטער ספר הייסט ספר המדע, אין וואָס דער רמב"ם ברענגט אַרויס די דרייצעהן עיקרים פון דער אידישער רעליגיע ווי עס איז צו יעדען אידען באַוואוסט אַלס די „אני מאמין'ס":

1) „גאָט איז דער באַשעפער און פיהרער פון דער גאַנצער וועלט"; 2) „ער איז איין איינציג"; 3) "נאָט איז ניט קיין גוף. ער קען באַגריפען ווערען ניט מיט די חושים נאָר מיט'ן פאַרשטאַנד"; 4) „גאָט איז אייביג"; 5) „אַ איד דאַרף מתפלל זיין נאָר צו איהם און ניט צו קיין אַנדערען"; 6) „אַלע רייד פון די נביאים זיינען אמת"; 7) משה'ס נבואה איז אמת און ער איז דער גרעסטער פון די נביאים"; 8) „די גאַנצע תורה איז געגעבען געוואָרען פון גאָט צו משה'ן"; 9) „די דאָזיגע תורה וועט קיינמאָל ניט פאַרביטען ווערען אויף אַן אַנדערער"; 10) "גאָט וויים אַלע מעשים פון דעם מענשען און זיינע געדאַנקען"; 11) „גאָט באַלוינט מיט גוטס די וועלכע היטען זיינע מצוות און באַשטראָפט די וועלכע זיינען עובר אויף זיי"!" 12) „משיח וועט קומען, אפילו ווען ער זאמט זיך"; 13) די מתים וועלען לעבעדיג ווערען.

אין דעם ספר המדע ווערען די אַלע דרייצעהן הויפּט פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיע ערקלערט אויספיהרליך און מיט אַלע איינצעלהייטען. דאָרט ציינט דער רמב"ם אויך אָן אַלע מאָראַלישע פליכטען פאַר יעדען מענשען, וואָס שטאַמען אַרויס פון די דאָזיגע הויפּט פּרינציפּען. אין זיינע איבעריגע ספרים פון דער משנה תורה ברענגט ער אַרויס אין גוטער אָרדענונג אַלע דינים, מנהגים און צערעמאָניעס פון דער אידישער רעליגיע, אויך די געזעצען פון דער משפחה, פון לאַנד און פון געזעלשאַפט, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אין דער עפּאָכע פון תנ"ך און תלמוד.

די משנה תורה איז געוואָרען דער וועג ווייזער פון יעדען רב, דיין און פיהרער פון די אידישע קיהלות און דורך עם האָט זיך דער תלמוד מעהר באַפעסטיגט צווישען די אידען.

נאָר אַ גרויסע פילאָזאָפישע ווערק איז דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" (דער וועג-ווייזער פאַר בלאָנדזשענדע). אין דעם דאָזיגען טיפען ווערק ברענגט דער רמב"ם אַרויס די פילאָזאָפיע פון לעבען. צוויי גרויסע אמת'ען האָבען געדיענט דעם רמב"ם אַלס די לייכטענדע זיילען און וועג-ווייזער פון זיין לעבען: דער אמת, וואָס ווערט דעם מענשען באַוואוסט דורך דער געטליכער ענטפּלעקונג און יענער אמת, וואָס דער מענש דערגרונטעוועט זיך דורך זיין אייגענעם געדאַנק. אַלס רעליגיעזער און גלויביגער מענש האָט ער זיך געבויגען פאַר די לעהרען פון משה'ן און די נביאים, און אַלס דענקענדער מענש האָט ער אָנגענומען די לעהרע פון דעם גריכישען פילאָזאָף אַריסטאָטעל, אויסבעסערענדיג די דאָזיגע לעהרע לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען.

דיעזע ווערק האָט דער רמב"ם געשריבען פאַר די געלערנטע וועלכע גריבלען זיך און זוכען און פאָרשען און קענען ניט קומען צו אַן איבערציי- גונג. אַ גאַנצען קאַפּיטעל פון זיין „מורה נבוכים" ווידמעט דער רמב"ם

צו דעם אז עס איז ניט ראטהזאם פאר דעם איינפאכען פאלק זיך צו גריבלען איז אזעלכע טיעפע געדאנקען, וואס וועט איהם בלויז מעהר צוטומלען.

„דער געגענשטאנד איז זעהר א שווערער און פארפלאנטערטער. דער וועלכער קען גוט שווימען, מעג זיך אריינטויכען אין דער טיפעניש פון ים און ער וועט ארויסברענגען פון דארטען די פערל, דער אבער וועלכען קען ניט שווימען, וועט דערטרונקען ווערן".

אין זיין „מורה נבוכים" פיהרט דער רמב"ם דורך דעם גרונד געדאנק, אז דער ריינער גלויבען און דער ריינער דענקען שטימען פולשטענדיג איינם מיט'ן אנדערען. ביידע אנערקענען גאט, פון וועלכען עס נעהמט זיך די גאנצע באשאפונג פון דער וועלט, און ביידע, דער ריינער גלויבען און דער ריינער דענקען, שטרעבען צו ברענגען דעם מענשען צו דער העכסטער השתלמות (פאלקאמענהייט), און אויב דער אמת פון גלויבען און דער אמת פון פארשטאנד שטימען אזוי וואס אנבאלאנגט די ערשטע אורזאכע און דעם לעצטען ציעל, מוזען זיי אויך שטימען אין אלע אנדערע זאכען, וואס ליגען צווישען די דאזיגע צוויי עקסטרעמע פונקטען. און נאכדעם ווי ער קומט צו דעם באשלוס, ווענדעט דער רמב"ם אן דיעזע גרונד געדאנקען צו די הויפט פרינציפען פון דער אידישער אמונה.

דער מורה נבוכים באשטעהט פון דריי חלקים, דער ערשטער חלק באשעפטיגט זיך מיט דער פילאזאפיע פון דער געטליכקייט, דער צווייטער — מיט בריאת העולם און מיט דער נבואה, און דער דריטער — מיט דער מאראל.

אזוי שנעל ווי דער „מורה נבוכים" איז פארעפענטליך געווארען איז ער געווארען זעהר באריהמט ביי די גרעסטע געלעהרטע פון דער וועלט, אידען, קריסטען און מאכמעדאנער האבען איהם שטודירט. דאס איז געווען א גרויסער אויפטהו פאר דער אידישער רעליגיאנס לעהרע און פאר דער מיטעלאלטליכער אידישער פילאזאפיע.

דער רמב"ם האט פארענדיגט זיין „מורה נבוכים" מיט די פאלגענדע ווערטער:

„גאט איז נאהענט צו די אלע וועלכע ווענדען זיך צו איהם, אויב זיי ווענדען זיך צו איהם מיט א ריינעם אמת און גאנצען הארצען. גאט געפינט זיך ביי יעדען איינעם וועלכער זוכט איהם, אויב ער, דער זוכער, געהט גלייך צו איהם, קיינמאל ניט אוועקגעהענדיג אן א זייט".

אויסער די וואונדערליכע ווערק וואס האט צו טהאן מיט דער אידישער אמונה און פילאזאפיע, האט דער רמב"ם אנגעשריבען פיעלע ביכער וועגען מאראל, לאגיק און מעדיצין, וואו ער רעדט ארום מיט גענויע איינצעלהייטען וועגען פארשיעדענע חולאת'ן און ווי אזוי צו היילען. זיינע ביכער איבער מעדיצין האט צו איהם ארויסגערופען גרויס צוטרויען פון די דאקטוירים פון אלע לענדער, וועלכע האבען געפונען גרויסע נוצען אין זיינע ביכער וועגען מעדיצין. מיט יעדען טאג איז דעם רמב"ם'ס נאמען מעהר באריהמט געווארען, און אלע געפעהרליכע קראנקע וועמען די אנדערע דאקטורים האבען שוין ניט געקענט העלפען, פלעגען זיך ווענדען צום רמב"ם נאך הילף, און במעט אין אלע פעלע איז ער געווען ערפאלגרייך, צו איהם האבען

אנגעהויבען שטראַמען פיעלע פירסטען, הארען און בעאַמטע פון פאַרשי־דענע לענדער און ער האָט זיי אַלעמען געהיילט. די געלט וואָס ער פלעגט באַקומען פאַר זיין וואונדערליכע ארבייט פון די רייכע פירסטען, פלעגט ער אָפּגעבען אויסצוהאַלטען די תלמידי חכמים און אידישע שוהלען און ישיבות.

טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרנומען אין דעם קאַליפ'ס פּאַלאַץ און מיט זיינע חולאים אויסער דעם פּאַלאַץ, דערצו נאָך מיט זיינע פאָרשונגען און זיין פיעל לערנען, פלעגט ער איינינגע מאָל אַ וואָך ווידמען אַ טייל פון זיין צייט צו לערנען מיט זיינע צאָהלרייכע תלמידים, האַלטען פאַר זיי זיינע טיעפע געלעהרטע דרשות און אין דער זעלבער צייט געבען תשובות אויף די פאַרשידענע שאלות וואָס פלעגען קומען צו איהם פון רבנים און גרויסע חכמים פון פיעלע לענדער. אין זיינע קלוגע לאַנישע תשובות, האָט דער רמב"ם ניט פאַרפעהלט צו פּרעדיגען ליעבשאַפט, אחדות און שלום צווישען די אידען פון אַלע לענדער. ער האָט צו די נאָהענטע און ווייטע באַווייזען די גרויסקייט און ערהאָבענקייט פון יודענ־טום און ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער געזוכט איינצואוואַרצלען אין זייערע הערצער דעם אמת'ן נאַציאָנאַלען אידישען שטאָלץ וואָס ער האָט אַליין געפיהלט אין דער טיפעניש פון זיין הארצען. אין איינעם פון זיינע ספרים שרייבט דער רמב"ם :

„יעדער עהרליכער איד, ביי ווען די תורה פון משה איז טייער, דאַרף זיך דערהויבען מיט זיין אויפפיהרונג און זיינע מידות. געגען די אַנדערע מענשען. זיי דאַרפען באַווייזען אַז זיי זיינען די קינדער פון אברהם אבינו און די תלמידים פון משה רבנו. איבערהויפּט מוזען די דיינים און פיהרער פון אונזער פאָלק באַווייזען די נאָבעלע און איידעלע מידות, כדי צו זיין אַ ביישפּיעל צום פאָלק. דער אידישער דיין דאַרף זיין זעהר געלאַ־סען אין משפּט. ער דאַרף זיך דערגרונטעווען ביז צום גרונד איידער ער גיט אַרויס זיין פסק דין. אויב עס איז מעגליך פאַר איהם צו מאַכען אַ פּשרה צווישען צוויי בעלי דינים וועלכע קריגען זיך און אַמפּערען זיך, איז געוויס גוט. אין אַלגעמיין דאַרף דער דיין זיך באַנעהמען ווי אַ דאָקטאָר אַ ספּעצ־ציאַליסט, וואָס ווייס אַז אַזוי לאַנג ווי ער קען היילען דעם חולה דורך פאַרשיידענע שפּייזען, זאָל ער זיך ניט באַנוצען מיט רפואות, בלויז דאַן ווען די מחלה איז גרויס און מען קען ניט היילען מיט דער דיעטע פון שפּייזען, מעג ער זיך באַנוצען מיט לייכטע רפואות, ערשט דאַן ווען די מחלה איז גאָר געפעהרליך, מעג ער זיך באַנוצען מיט ביטערע און שטאַרקע רפואות, אַזוי דאַרף דער אידישער שופט טהאָן. פריהער מוז ער זעהן צו מאַכען אַ פּשרה, און ווען דאָס העלפט ניט, דאַן דאַרף ער דעם פאַר־עקשנ'טען נעהמען איינריידען, און ווען דאָס העלפט שוין אויך ניט ערשט דאַן מעג ער זיך באַנוצען מיט שטרענגקייט און צוואַנג.

## קאַפּיטעל דרייצעהן

נאָך פיעלע מאָנאַטען זיינען פאַראיבער און דער רמב"ם האָט קיין

שפּור ניט געהאַט פון יוסף אבן עקנין וועמענס שריפטען דער שמש האָט איהם געבראַכט. דער רמב"ם האָט אַנגעווענדעט אַלע מיטלען איהם אויפ־צוזוכען, ער האָט אויך געשיקט בריעף צו די רבנים און פיהרער פון די אידישע קהילות פון די אַנדערע שטעדט פון מצרים, אָבער פון די ענטפערס וואָס ער פלעגט באַקומען, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער וואונדערליכער יונגער מאַן יוסף אבן עקנין מוז זיין זעהר באַשיידען און ער לאָזט זיך ניט דערקענען צו די רבנים און פיהרער.

פונדעסטוועגען האָט דער רמב"ם ניט אויפגעגעבען זיין זוכען. ער האָט געלאָזען אויסרופען אין אַלע שוהלען און בתי מדרשים, אַז אויב אימי־צער האָט געהערט אָדער געזעהן איינעם אַ יונגען מאַן מיט'ן נאָמען יוסף אבן עקנין, וועלכער קומט פון פעז, מאַראָקאָ, זאָל איהם גלייך מעלדען און יענער וועט באַקומען אַ גרויסען לוין פאַר דעם.

— ווער ווייס אויב אַן אומגליק האָט מיט איהם ניט פּאַסירט! — האָט זיך דער רמב"ם איינמאָל אַפּגערופען צו שרה'ן זיין פרוי. — פיליכט איז ער פון הונגער אויסגעגאַנגען, אָדער מעגליך אַז אימיצער פון די מאַכ־מעדאַנישע איינוואָהנער פון פעז האָט איהם דערקענט און איהם גע:מסר'ט פאַר די באַאמטע אַז ער איז אַמאָל געווען פאַר'משפט צום טויט אין פעז און איז פון דאָרטען אַנטלאָפען געוואָרען.

— וואָס מיר וואונדערט אָבער איז, וויבאַלד ער איז געווען אַזוי נייי־געריג דו זאָלסט דורכקוקען זיינע שריפטען, פאַרוואָס האָט ער זיי פער־זענליך צו דיר ניט געבראַכט! — האָט שרה צו איהם געזאָגט. — פאַר־וואָס האָט ער דאָס געטהאָן דורך דעם שמש פון שוהל?

— ווער ווייס וואָס פאַר אַ כונה ער האָט אין דעם געהאַט! — האָט דער רמב"ם אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. — איך גלויב אַז דאָס האָט ער געטהאָן אויס באַשיידענהייט, און אפשר האָט ער זיך אויסבאַהאַלטען פון די רעגירונגס באַאמטע און האָט מורא געהאַט צו קומען צו מיר פער־זענליך וואו ער קען טרעפען אַזוי פיעל פאַרשידענע מענשען.

— מיין האַרץ זאָגט מיר אַז ער וועט זיך נאָך אָפּזוכען! — האָט רות, וועלכע איז געזעסען צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, געזאָגט.

— אויב קיין אומגליק האָט מיט איהם ניט פּאַסירט, בין איך אויך זיכער אַז ער וועט אונז דאָך אָפּשטאַטען אַ באַזוך! — האָט שרה צוגעגעבען.

די קליינע נעמי איז פּלוצלונג אַריינגעלאָפען מיט אַ שמחה, אין איהר האַנט האָט זי געהאַלטען אַ שעהנע שפּילצייג. זי איז גלייך צוגעלאָפען צום רמב"ם וועלכער האָט איהר אַ הויב געטהאָן און אַרויפגעזעצט אויף זיין שויס.

— דו זעהסט, אָנקעל, וואָס דער טויב־שטומער האָט פאַר מיר אויס־געשניצט פון האָלץ, — האָט נעמי איהם געצייגט די שפּילצייג. — יעדען טאָג מאַכט ער פאַר מיר אַ נייע שפּילצייג! ער איז דאָך אַזאַ גוטער!

— דו ווייסט פאַר וואָס נעמי, ער מאַכט פאַר דיר נייע שפּילצייג יעדען טאָג? — האָט דער רמב"ם זי געקושט אויפ'ן שטערן, — ווייל דו ביזט אַ וואויל און גוט קינד!

— זאָג מיר, אָנקעל! — האָט נעמי ווייטער גערעדט זיצענדיג אויף

דעם רמב"ם'ס שוים — דער שטומער איז אזא גוטער און טייערער מאַן, פאַרוואָס האָט איהם גאָט געשטראָפט און איהם געמאַכט טויב און שטום? גאָט טוט דאָך גוטעס צו די גוטע מענשען. אויך מיין פאָטער איז געווען אזא גוטער מענש פאַרוואָס האָט איהם גאָט געשטראָפט און געמאַכט ער זאָל דערטרונקען ווערען אין ים?

רות האָט זיך ניט געקענט באהערשען און זי האָט זיך פאַנאַנדערגע־וויינט. נעמי איז שנעל ארונטער פון רמב"ם'ס שוים און גענומען האַלזען און קושען איהר מוטער.

— אָה, מוטער וויין ניט! — האָט זי זיך ביי איהר געבעטען. — דו ווייסט דאָך אז מיין פאָטער געפינט זיך אין הימעל און איהם איז דאָרט זעהר גוט און ווען מיר וועלען זיין אין הימעל וועלען מיר זיך דאָרט מיט איהם זעהן!

— יע, דו ביזט גערעכט, מיין טאָכטער! — האָט רות געווישט איהרע אויגען. — מיר וועלען זיך טרעפען מיט איהם אין הימעל! און יעצט געה ארויס זיך שפּילען!

נעמי איז ארויסגעגאַנגען אין דרויסען זיך צו שפּילען מיט איהר נייע שפּילצייג און שרה ווערלענדיג אָפּציהען איהר אויפמערקזאמקייט פון דער אומעטיגקייט וואָס נעמי'ס לעצטע רייד האָט פאַראורזאכט, האָט זי זיך אָפּגערופען:

— דער טויב־שטומער באזיצט א מערקווירדיגען טאַלאַנט צו אַלעס וואָס ער נעהמט זיך.

— יע, איך האָב באמערקט אז ער באזיצט אויסערגעוועהנליכע פעהיג־קייטען — האָט דער רמב"ם געזאָגט — עס איז ווירקליך א שאָדען וואָס מיר קענען זיך מיט איהם ניט צונויפריידען. ער וואָלט געוויס געהאַט זעהר פיעל צו דערצעהלען פון זיך.

איינמאָל ווען דער רמב"ם איז געווען אין דעם פּאַלאַץ פון קאַליף (סולטאַן) און זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם געזונט צושטאנד פון סאַלאַדינ'ס משפּחה, האָט מען איהם געלאָזט וויסען אז סאַלאַדין אליין וויל זיך מיט איהם זעהן.

ווען דער רמב"ם איז אריינגעקומען אין טראָהן צימער און באגריסט דעם קאַליף האָט סאַלאַדין איהם געבעטען זיך צו זעצען נעבען איהם.

דער רמב"ם האָט זיך צוגעזעצט און איהם געפרעגט וועגען זיין געזונד צושטאַנד.

— געלויבט איז אַללאה, איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען אויף מיין געזונד צושטאַנד! — האָט סאַלאַדין איהם געענטפערט. — אָבער איך האָב נאָר וואָס אויסגעפונען אז איינער פון מיינע בראווסטע גענע־ראַלען וועלכער האָט געפיהרט איינע פון מיינע אַרמעען געגען די קרייציגע און אָפּגעהאַלטען א גרויסען זיעג איבער זיי איז געפעהרליך קראַנק. ער געפינט זיך ניט ווייט פון קאַאירא, און פיעלע רופאים האָבען איהם קורירט אָבער אָהן ערפאָלג. איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געווענדעט צו דיר וועגען זיין קראַנקהייט, און איך האָב אויסגע־פונען, אז צווישען די דאָקטוירים האָסטו פיעלע שונאים, וועלכע האָבען

אויף דיר אָנגערעדט שלעכטעס און געזוכט צו באַאיינפלוסען מיין באַליעב־טען גענעראַל געגען דיר. איך האָב גלייך אַוועקגעשיקט אַ קאַרעטע מען זאָל דעם קראַנקען גענעראַל ברייננגען צו מיר, און זאָלסט איהם באַטראַכטען און זעהן איהם אויסצוהיילען פון זיין קראַנקהייט.

— איך וועל מיט פאַרגעניגען טהאָן דיין פאַרלאַנג, גנעדיגער קאַליף! האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען. — דער איינציגער רופא חולים איז דער אַלמעכטיגער גאָט און אויב עס וועט זיין גאָטעס ווילען איהם אויסצור־היילען, וועט ער מיר ווייזען דעם ריכטיגען וועג.

— עס איז ביי מיר ניט קיין וואונדער, וואָס דו האָסט אַ סך שונאים — האָט סאַלאַדין שמייכלענדיג געזאָגט. — אַלע גרויסע מענשען, וועלכע זיינען ערפאָלגרייך קריגען שונאים. ווי פיעל שונאים האָב איך געהאַט, וועלכע האָבען מיר געזוכט שלעכטעס צו טהאָן. זיי האָבען ניט געקענט פאַרליידען מיין ערפאָלג, וואָס איך האָב געהאַט צו וואָס איך האָב זיך גענומען. אָבער פונדעסטוועגען קען איך ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס מיין גענעראַל זאָל זיך לאָזען באַאיינפלוסען פון דיינע שונאים — אין דער צייט וואָס ער ווייסט, אַז דו ביזט דער איינציגער רופא, וועלכער וועט איהם קאָנען העלפען.

— עס וועט פאַר מיר ניט זיין קיין איבערראַשונג, אַז מיינע שונאים האָבען איהם אָנגעשראָקען און געזאָגט, אַז אנשטאַט גוטעס וועל איך איהם שלעכטעס טהאָן! — האָט דער רמב"ם געזאָגט און דאָס ערקלערט זיין ניט וועלען איך זאָל איהם קורירען.

— דאָס איז אומגלויבליך! — האָט סאַלאַדין געזאָגט. — איך קען ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי געלערענטע מענשען זאָלען אַזוי האַנדלען, און אויסער דעם איז דאָך מיין גענעראַל ניט קיין נאַר. און עס איז מיר שווער צו באַגרייפען אַז ער זאָל זיי נעמען ערנסט און גלויבען זייערע רייד.

— אַזוי איז שוין די נאַטור פון מענשען — האָט דער רמב"ם געזאָגט, ווען מען דערצעהלט איהם שלעכטעס וועגען יענעם, וועט ער שנעלער גלויבען, ווי דאָס גוטעס. וואָס ער הערט אויף דעם זעלבען מענשען פון אַנדערע.

— אַזוי שנעל ווי ער וועט קומען צו מיר אין פּאַלאַץ, וועל איך פון איהם דערגעהן די אורזאַכע, פאַרוואָס ער האָט זיך צו דיר ניט געווענדעט איהם אויסצוהיילען פון זיין קראַנקהייט. — איך וויים אַז ער ליידט שרעקליכע יסורים, כאָטש עס איז מעגליך פאַר איהם ארומצוגעהן און איז ניט צוגעבונדען צום בעט.

— ווען ער וועט אַריינקומען צו מיר אין דעם טראָהן צימער, זאָלסטו זיך אַוועקשטעלען הינטער דעם פאָרהאַנג און איך וועל איהם אויספרעגען, אַזוי אַז דו זאָלסט קענען הערען וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם.

אין אַ ווייַלע אַרום האָט מען אָנגעזאָגט דעם קאַליף אַז זיין קראַנקער גענעראַל איז געקומען.

סאַלאַדין האָט אַ וואונק געטהאָן צום רמב"ם ער זאָל זיך שטעלען הינטער דעם פאָרהאַנג און ער האָט געהייסען מען זאָל זיין גענעראַל גלייך אַריינשיקען צו איהם.

מיט וואַקלענדע טריט איז דער גענעראַל אריין אין טראָהן צימער. ער איז געווען בלאַס און אויסגעצעהרט פון יסורים. ער האָט זיך אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען, ער זאָל ניט אומפאַלען. ער האָט זיך אַ נייג געטהאָן פאַר סאַלאַדינ'ען, וועלכער האָט איהם אָנגעוויזען אויף דעם שוהל נעבען טראָהן און איהם געהייסען זיך צוזעצען.

— זאָג מיר, — וואָס מאַכסטו, און ווי פילסטו זיך? — האָט דער קאַליף איהם געפרעגט.

— זעהר שלעכט, גנעדיגער קאַליף — איך האָב שוין גענומען פאַרשיע־דענע רפואות און זיך באַנוצט מיט אַלערליי מיטלען און עס העלפט ניט.

— אין וואָס באַשטעהט דיין קראַנקהייט? — האָט סאַלאַדין איהם ווייטער געפרעגט.

— ווי עס שיינט, ווייסט קיינער ניט וואָס מיט מיר איז! — האָט דער גענעראַל טרויעריג געזאָגט. — יעדער האָט זיינע השערות און ער פאַרשרייבט מיר מעדיצין.

— איינער גיט מיר רפואות צו מיין מאָגען, דער צווייטער הייסט מיר לעגען קאַלטע קאָמפּרעסען אַרום מיין קאָפּ, אַ דריטער הייסט מיר באָדען מיינע פיס אין הייסע וואַסער, אַ פערטער הייסט מיר פאַסטען אַ פּאָר טעג כסדר, אַ פינפטער הייסט מיר עפּעס קייען דעם גאַנצען טאָג.

— איך האָב אויספּרובירט אַלעס וואָס מען האָט מיר געהייסען טהאָן און אנשטאַט בעסער, ווערט מיר ערגער פון טאָג צו טאָג. — לעצטע נאַכט האָב איך געליטען אַזעלכע שרעקליכע יסורים, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פון זינען אַרונטער!

— האָסטו גאָר ניט געהערט פון מיין לייב־דאָקטאָר, דעם רמב"ם, וועלכער איז פאַררעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע דאָקטורים, ניט נאָר אין אונזער לאַנד, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע לענדער?

— יע, גנעדיגער קאַליף, איך האָב פון איהם געהערט. — איך האָב געהערט פון איהם פיעל גוטעס, אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך פיעל שלעכטעס געהערט פון איהם.

— וואָס פאַר אַ שלעכטעס, אַ שטייגער, רעדט מען וועגען איהם?

— דאָס שלעכטעס וואָס מען האָט מיר פון איהם דערצעהלט, האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען אַ שרעק און איך האָב מורא געהאַט זיך צו ווענדען צו איהם.

— ווער האָט דיר דערצעהלט די שלעכטעס פון רמב"ם? — האָט סאַלאַדין איהם געפרעגט. — דו דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען מיר צו דערצעהלען דעם גאַנצען אמת. — נאָכאַלעמען ווייסטו דאָך אַז ער איז מיין לייב דאָקטאָר און מיין לעבען און די לעבענס פון מיינע נאָהענטסטע זיינען גאַנץ אָפט אין זיינע הענט, וויל איך טאַקע וויסען אַלעס וואָס דו האָסט אויסגעפונען וועגען איהם, כדי איך זאָל קענען זיין פאָרזיכטיג.

— איינער פון מיינע דאָקטוירים האָט מיר דערצעהלט, אַז ער איז געווען גאַנץ נאָהענט באַפריינדעט מיט דעם רמב"ם און פלעגט אָפט קומען הערען פון זיין מויל לעקציעס וועגען מעדיצין און אַנדערע וויסענשאַפטליכע זאַכען, און זייענדיג נאָהענט באַפריינדעט מיט איהם, איז איהם אייניגע

מאָל אויסגעקומען צו הערען ווי דער רמב"ם פסק'נט שאלות וועגען אידישע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, און איינמאָל, ווען ער איז געזעסען אין רמב"ם'ס צימער איז צו איהם געקומען אַ איד און איהם געפרעגט אַ שאלה: „ער האָט געהאַט אַן אָפען פאַס מיט וויין אין זיין הויז, איז גראד דאַן אריין זיינען אַ באַקאַנטער, ניט קיין איד, און האָט זיך ניט ווילענדיג אָנגע־ריהרט אין דעם אָפענעם פאַס וויין, וויל ער וויסען, אויב ער מעג דעם וויין טרינקען.

— און וואָס האָט דער רמב"ם איהם געענטפערט? — האָט דער קאַליף געפרעגט זיין גענעראַל.

— לויט ווי דער דאָקטאָר האָט מיר דערצעהלט — האָט ער געהערט אַז דער וויין איז נסך און קיין איד טאָר איהם ניט טרינקען.

— נו, וואָס פאַר אַ שלעכטעס קענסטו אין דעם געפינען? — האָט סאַלאַדין אַ שמייכעל געטהאָן, מעגליך אַז אַזוי לויטעט דער געזעץ פון דער אידישער רעליגיע.

— ווען דאָס אַליין וואָלט געווען דער געזעץ, וואָלט איך פיליכט אויך צו דעם קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען — האָט דער גענעראַל געזאָגט. — אָבער דער דאָקטאָר, וועלכער האָט עס מיר דערצעהלט האָט מיר געזאָגט, אַז גלייך נאָכדעם ווי דער איד וועלכער האָט איהם געפרעגט די שאלה וועגען זיין וויין, איז אַוועק, איז אריינגעקומען אַ צווייטער איד מיט אַ שאלה: „ער האָט געהאַט אַ פאַס בוימאייל, איז דאָרט אריינגע־שפּרונגען אַ לעבעדיגער שרץ, וויל ער וויסען, אויב דער בוימאייל איז כשר".

— ווי אַזוי האָט דער רמב"ם געפסק'נט די שאלה? — האָט דער קאַליף געפרעגט.

— דער רמב"ם האָט ניט לאַנג געקלערט און איהם געזאָגט, אַז על פּי דין, איז דער בוימאייל גאַנץ כשר, נאָר עס קען זיין, אַז דער שרץ האָט אריינגעבראַכט שמוץ, וואָס זאָל זיין שרעקליך צום געזונט, אָבער כשר איז דאָס".

— ווען איך האָב דאָס דערהערט בין איך זעהר צאָרנדיג געוואָרען. מיר האָט עס שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס לויט דעם רמב"ם'ס אויסטייטשונג פון זיין רעליגיע, מעג מען זיך באַנוצען מיט דעם בוימאייל אין וועלכען מען האָט געפונען אַ לעבעדיגען שרץ, אָבער מען טאָר זיך ניט באַנוצען מיט דעם וויין, וואָס אַ מאַכמעדאַנער האָט ניט ווילענדיג אָנגעריהרט מיט זיין האַנט, אפילו ווען ער האָט צו דעם וויין אַליין זיך ניט צוגעריהרט בלויז צו דער אָפענער פאַס... פון דעם האָב איך געדרונגען, אַז אין רמב"ם'ס אויגען שטעהט ניט קיין איד נידעריגער פון אַ שרץ, און דעריבער האָב איך זיך אָנגעפאַנגען צו שרעקען, אַז ווען איך וועל זיך צו איהם ווענדען, ער זיל מיך אויסהיילען פון מיין קראַנקהייט, וועט ער זוכען מיר שלעכטעס צו טהאָן, און ער וועט מיר נאָך ערגער מאַכען.

— דאָס וואָס דו דערצעהסט מיר וועגען דעם וויין און בוימאייל, איז מיר אַליין אויך שווער צו באַגרייפען, אויב עס זאָל זיין אמת, וואָס דיין דאָקטאָר האָט דיר דערצעהלט, — איך בין אָבער גענויגט צו גלויבען, אַז

דער דאָקטאָר האָט אויס שנאה צו דעם רמב"ם געוועזן געניגט אביסעל מגזם צו זיין!

— אָה, ניין! גנעדיגער קאַליף, — דער דאָקטאָר האָט פאַר מיר גע־שוואָרען אין דעם נאָמען פון אללאה און זיין הייליגען נביא מאַכמעד, אַז אַלעס וואָס ער האָט מיר דערצעהלט איז אמת.

— איך גלויב אַז דער רמב"ם וועט זיין האַנדלונג קענען ערקלערען

— האָט דער קאַליף געזאָגט. — אָבער אַז דו זאָלסט צוליעב דעם מורא האָבען באַהאַנדעלט צו ווערען, און בעסער ליידען די גרעסטע שמערצען, דאָס פאַרשטעה איך שוין ניט. — ווייסטו דען ניט, אַז דער קעניג פון ענגלאַנד, ריכאַרד דער ערשטער האָט דעם רמב"ם איינגעלאַדען צו ווערען זיין לייב דאָקטאָר, און כאָטש ער האָט דאָס געוויס געהאַט אַן אורזאַכע מורא צו האָבען דער רמב"ם זאָל זיך מיט איהם וועלען אָפּרעכענען, צוליעב דעם וואָס ער האָט שלעכט באַהאַנדעלט די אידען, פונדעסטוועגען וואָלט זיך ריכאַרד געשעצט גליקליך ווען איהם געלינגט איבערצורעדען דעם רמב"ם ער זאָל צושטימען צו ווערען זיין לייב דאָקטאָר. — דער קעניג האָט ניט מורא געהאַט און דו האָסט מורא!

— מעגליך אַז איך האָב ניט ריכטיג געהאַנדעלט — האָט זיך דער גענעראַל גענומען פאַרענטפערען — אָבער עס איז אין גאַנצען ניט מיין שולד. מיינע ליידען און שמערצען האָבען מיך אַזוי ערשיטערט און צערו־דערט, איך בין אַזוי נערוועאיש, אַז איך ציטער פאַר יעדער זאַך.

— אין מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט דוכט זיך מיר, אַז אַלע ווילען מיר שלעכטעס טהאָן און דעריבער האָב איך זיך צוגעהערט צו די רייד פון מיינע דאָקטורים, ווייל כמעט יעדער פון זיי האָט געהאַט עטוואָס אויסצו־זעצען געגען רמב"ם, און אויף איהם פיעל שלעכטעס אָנגערעדט.

— קום מיט מיר אַריין אין אַ צווייטען צימער און איך וועל שיקען נאָך דעם רמב"ם ער זאָל דיך אונטערזוכען און מיר וועלען הערען וואָס ער וועט זאָגען וועגען דיין קראַנקהייט.

סאַלאַדין איז מיט זיין גענעראַל אַריין אין אַ צימער און באַלד איז אַהין אַריינגעקומען דער רמב"ם.

— דאָס איז דער חולה וועגען וועמען איך האָב מיט דיר גערעדט! — האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען אָנצייגענדיג אויף דעם גענעראַל.

דער רמב"ם איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אונטערזוכט. ער האָט איהם אויסגעפרעגט אַלע איינצעלהייטען.

דער גענעראַל האָט איהם דערצעהלט, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער אויף איהם געוואָרפען אַ פאַרדעכטיגען בליק.

סאַלאַדין האָט עס פאַרשטאַנען און ער האָט זיך געווענדעט צום רמב"ם איבערגעבענדיג איהם דאָס וואָס דער גענעראַל האָט איהם פריהער דערצעהלט.

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף דעם רמב"ם'ס פנים, ווען ער האָט דאָס געהערט.

— ביי אונז אידען עקזיסטירט שוין אַן אַלטער דין! — האָט ער זיך אָפּגערופען — דאָס שטאַמט נאָך פון דער צייט פון די געצענדינער, וועלכע

פלעגען מיט וויין דינען צו זייערע אפגעטער, און ווען א געצענדינער פלעגט זיך צוריהרען צו וויין, פלעגט ער דאס אין זיין הארצען עס ברייננגען צו זיין אפגאט און דאס האבען אונזערע חכמים אנגערופען יין נסך און זיי האבען ארויסגעגעבען א גזרה אז ווען א געצענדינער ריהרט אן אין ניט פארזיגעלטען וויין, טאר שוין קיין איד פון דעם ניט טרינקען. די הארבקייט פון דעם דין איז געווארען דורך דעם וואס די געצענדינער, זייענדיג די אידישע גרעסטע שונאים פלעגען זוכען אלערליי מיטלען ווי אזוי אנצוטהאן די אידען פילע צרות, און קיינער האט ניט געקענט וויסען, אויב דער געצענדינער האט ניט ארייגעטהאן קיין סם אין וויין, כדי אומצוברייננגען די אידען, וועלכע וועלען עס טרינקען. און דעריבער איז דער פארבאט געגען טרינקען א וויין צו וואס א ניט איד האט זיך צוגעריהרט געווארען זעהר שטרענג. און יעדער געזעץ וואס עס איז אנגענומען געווארען ביי אונזערע חכמים, פארבלייבט ביי אונז א געזעץ פאר אייביג! אבער קיין בייזע כוונות איז ביי אונז קיינמאל ניט געווען. דער פאקט איז אז אויף בוימאייל איז אזא פארבאט קיינמאל ניט ארויסגעגעבען געווארען, ווייל ווען מען טהוט טהוט אריין סם אין בוימאייל שווימט עס ארויף פון אויבען און דאס זעהט זיך אן און מען קען דערקענען אויב א פרעמדע זאך איז דארט ארייגעטהאן געווארען.

— פארשטעהע עס גאנץ גוט! — האט סאלאדין שמייכלענדיג געזאגט — אבער דיינע שונאים האבען עס אויסגענוצט כדי צו ריידען שלעכטעס אויף דיר!

— יעצט זעה איך איין מיין טעות! — האט דער גענעראל זיך אפגערופען — און איך האף אז דער ווירדיגער רופא וועט מיר מוחל זיין פאר דעם חשד וואס איך האב אין מיין הארצען אויף איהם געטראגען.

— עס זיינען פאראן פילע זאכען וואס די רעליגיע פארבאט אונז און מיר קענען עס ניט באגרייפען מיט אונזער שכל! — האט דער קאליף זיך אפגערופען — אט נעהם אונזער רעליגיע, אונזער הייליגער נביא מאכמעד האט אונז אין גאנצען פארבאטען צו טרינקען וויין. און קיינער פון אונז וויים ניט די ריכטיגע אורזאכע פון אזא פארבאט.

דער גענעראל האט זיך פלוצלונג א קרים געטהאן און זיך ניט קענענדיג באהערשען, האט ער אין דער אנוועזענהייט פון קאליף ארויסגעלאזען א שטארקען קרעכץ. זיין פנים האט אויסגעדריקט פיעל שמערצען און פיין.

— וואס איז מיט דיר? — האט סאלאדין איהם געפרעגט.

— אה, מיין קאפ! — האט ער אויסגערופען און זיך געקארטשעט פון יסורים. עס האבען זיך אנגעפאנגען מיינע ווערהטאגען.

דער רמב"ם האט איהם געהאלפען זיך אוועקלייגען אויפ׳ן בעט און ער האט איהם נאך אמאל גוט באטראכט. ער האט זיך גוט צוגעקוקט צו זיינע אויסדריקען פון פנים. ער האט אנגעריהרט זיין קאפ און אריינגעקוקט אין זיינע אויגען.

— וואס, גלויבסטו, איז די אורזאכע פון זיינע שרעקליכע שמערצען? — האט סאלאדין געפרעגט דעם רמב"ם — פארוואס כאפט עס איהם

פלוצלונג אָן און דאַן לאָזט עס איהם אָפּ? איז עס מעגליך איהם אויסצוקורירען?

— ער ליידט פון זעהר אַ געפעהרליכער און זעלטענער קראַנקהייט!

— האָט דער רמב"ם געזאָגט. — אין זיי מח ליגט אַ קליינער וואָרים, וואָס עגבערט און זויגט זיין מארך.

— און פאַרוואָס לאָזט עס איהם אָפּ פאַר אַ היבשער צייט און פלוצלונג פאַנגט איהם אָן צו שמערצען? — האָט סאלאדין געפרעגט. — מיט וואָס קענסטו עס ערקלעהרען?

— גאַנץ איינפאַך: ווען דער וואָרים איז זאַט, רוהט ער, און דאַן פיהלט ער זיך גוט. ווען אָבער דער וואָרים פאַנגט אָן צו זויגען און עגבערען פיהלט ער די שרעקליכסטע שמערצען!

— און וואָס פאַר אַ מיטעל האָסטו דערצו? — האָט דער קאַליף איהם ווייטער געפרעגט.

— דערצו איז קיין מיטעל ניטאָ, קיינע רפואות וועלען ניט העלפען דער איינציגער אויסוועג איז צו מאַכען אַן אָפּעראַציע, מען דאַרף אויפ־שניידען דעם שאַרבען און פון דאָרט אַרויסנעהמען דעם וואָרים!

— איז דאָס אַ געפעהרליכע אָפּעראַציע?

— יעדע אָפּעראַציע איז געפעהרליך. עס פאַרשטעהט זיך, אַז מען דאַרף זיין גאַנץ געניט און פאָרזיכטיג. איך האָף, אַז מיט דער הילף פון גאָט, וועט מיר געלינגען איהם אויסצוהיילען פון זיין שרעקליכער קראַנקהייט.

— האָסטו שוין ווען עס איז געהאַט ערפאַרונג אויף אַזאַ אָפּעראַציע? איך מיין, האָסטו שוין פריהער אָפּערירט אויף איינעם!

— ניין, איך האָב נאָך קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו אָפּערירען אויף דעם, אָבער אין מיינע ספרים איבער מחלות און רפואות האָב איך געשריבען וועגען אָט דער קראַנקהייט, וואו איך גיב אָן די זעלבע סימנים און סימפּטאָמען, וואָס דער ווירדיגער גענעראַל האָט אָנגעגעבען.

דער גענעראַל האָט זיך געדרעהט און געקאָרטשעט פון שמערצען. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען. סאלאדינ'ס אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען, ווען ער האָט געזעהן ווי זיין געטרייער גענעראַל ליידט אַזעלכע שרעקליכע יסורים.

— איז דען קיין אַנדער מיטעל ניטאָ צו פאַרגרינגערען זיינע שמערצען אויסער אַן אָפּעראַציע?

— עס זיינען בלויז פאַראַנען אַזעלכע מעדיצינען, וואָס קענען פאַר־טויבען דעם חולה צייטווייליג, אָבער העלפען וועט עס איהם ניט. פאַר־קעהרט, עס וועט איהם מעהר אָפּשוואַכען... יע, דער איינציגער וועג איז אַרויסצונעהמען דעם וואָרים פון זיין מאַרך.

— דו ווייסט דאָך, אַז מיין פריינדשאַפט צו דעם גענעראַל איז זעהר שטאַרק, — האָט סאלאדין אין דער שטיל זיך אָפּגערופען צום רמב"ם, — און אַז ווען מיט איהם זאָל פּאַסירען עפּעס וועט עס זיין דער גרעסטער קלאַפּ פאַר מיר. ער איז צו מיר ווי ער וואָלט געווען מיין אייגענער פאָטער.

— גנעדיגער קאַליף! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען אויך אין דער שטיל, — דער גענעראַל האָט ווינציג וואָס צו פאַרלירען און אַלעם

צו געווינען. אויב די אָפּעראַציע וועט ניט פאָרקומען וועט ער פּילייכט קענען לעבען נאָך אייניגע וואָכען און דאַן וועט ער שטאַרבען אין די גרעסטע יסורים. אָבער ווען מען וועט איבער איהם מאַכען אַ געלונגענע אָפּעראַציע, וועט ער לעבען און געזונט ווערען!

— גוט, איך וועל דיר ערלויבען איהם צו אָפּערירען. איצט קענסטו אויסקלייבען וועמען דו ווילסט פון מיינע אַנדערע דאָקטוירים אַלס דיין ארויסהעלפער אין דער שווערער אָפּעראַציע.

— איך וועל זיך גאַנץ פאָרזיכטיג צוגרייטען און ווען אַלעס וועט פאַרטיג זיין, וועל איך איבער איהם אָפּערירען אַליין, אָהן דער הילף פון אַ צווייטען דאָקטאָר! — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — אונטער די אומשטענדען, האָף איך, אַז איך וועל קענען זיין מעהר ערפאָלגרייך אַליין!

— און ווען וועסטו דורכפיהרען די אָפּעראַציע?

— איך גלויב, אַז מאָרגען אין דער פריה. ביז דאַן וועל איך האָבען אַלעס צוגעגרייט.

— גוט, איך וועל באַשטימען פאַר דעם חולה אַ באַזונדער צימער און אַלע נויטיגע זאַכען וועל איך האָבען פאַר דיר צוגעגרייט.

— איך וואָלט דיר, גנעדיגער קאַליף, געבעטען דו זאָלסט מיר ערלויבען איהם צו אָפּערירען אין מיין אייגען הויז. דאָרט האָב איך אַ פּאַסענדען פּלאַץ, וואָס איז געמאַכט פאַר אַזאַ צוועק, און איך וועל קענען רוהיג אַנגעהן מיט מיין אַרבייט!

— איך לאָז עס אַלץ איבער צו דיר. דער גענעראַל וועט היינטיגע נאַכט איבערנעכטיגען אין מיין פּאַלאַץ און מאָרגען אין דער פריה וועל איך איהם שיקען צו דיר אין הויז, און זאָל דער אַלמעכטיגער געבען, אַז מיין בעסטער, געטרייעסטער פריינד, דער גענעראַל, זאָל געזונט ווערען.

דער רמב"ם איז אַוועק גלייך צו זיך אהיים. ער האָט יענעם טאָג קיינעם פון די חולים ניט אויפגענומען. ער האָט געזאָגט שרה'ן, זיין פרוי, און רות'ן זיי זאָלען זעהן קיינעם ניט אריינלאָזען אין הויז ביז איבער דער אָפּעראַציע. איך מוז קיין שטערונג ניט האָבען.

דער טויב־שטומער יונגערמאַן האָט איהם געהאָלפען רייניגען די אינסטרומענטען און אַלעס צוגרייטען.

בלויז איין שטונדע איז אַוועק זינט דער רמב"ם האָט פאַרלאָזען דעם קאַליפ'ס פּאַלאַץ און די מאַכמעדאַנישע דאָקטוירים, וועלכע זיינען פאַררעכענט געוואָרען פאַר די הויף־דאָקטורים איידער סאַלאַדין האָט באַשטימט דעם רמב"ם, האָבען זיך דערוואוסט פון דער געפּלאַנטער אָפּעראַציע, וואָס דער רמב"ם וויל דורכפיהרען אויף דעם גענעראַל. זיי זיינען גלייך אַוועק צום קאַליף און האָבען איהם איבערגעגעבען זייער פּראָטעסט און אַנטריסטונג געגען אַזאַ האַנדלונג.

— עס איז מאָרד! אַן אמת'ער מאָרד, וואָס אַ איד וויל באַגעהן געגען אַ מאַכמעדאַנער! — האָט איין דאָקטאָר אויסגערופען — עס איז אַ הונדערט פּראָצענטיגער מאָרד! — ווייל אויפעפענען דעם שאַרבען און זיך צוריהרען צו דעם מאָרך וועט איהם טויטען אויגענבליקליך!

— און וואָס פאַר אַן אַנדער מיטעל קענסטו פאָרשלאָגען? — האָט

סאלאדין איהם געפרעגט.

— איהם צו קורירען דורך מעדיצין!

— אָבער איהר אַלע האָט דאָך איהם פאַר אַ לענגערע צייט קורירט מיט מעדיצין און ניט נאָר האָט איהר איהם ניט געהאָלפען, נאָר עס איז איהם פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרען. דער גענעראל קען שוין מעהר זיינע יסורים ניט אריבערטראָגען.

— און דעריבער דארף ער איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון אַ אידען, וועלכער זאָל מאַכען גלייך אַ סוף צו זיין לעבען! — האָט אַ צווייטער דאָקטאָר אויסגערופען. — צו מאַכען אַזאַ אָפּעראַציע איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט מיט אַ שאַרפען שווערד אַרונטערגעהאַקט זיין קאָפּ, איז דען פאַראַן אַ מעגליכקייט פאַר אַ מענשען צו לעבען נאָכדעם ווי מען האָט פון איהם זיין קאָפּ אַרונטערגעהאַקט? אַזאַ מעגליכקייט בלייבט פאַר דעם גענעראל, אויב מען זאָל ערלויבען דעם רמב"ם דורכצופיהרען די אָפּעראַציע!

— אָבער דער גענעראל האָט דאָך קיין סך ניט צו פאַרלירען! — האָט דער קאַליף געזאָגט. — ווי לאַנג קען ער נאָך אויסהאַלטען אַזעלכע שרעקליכע יסורים? בלויז געצעהלטע טעג. און דאַן וועט ער שטאַרבען אין שמערצליכע ליידען!

— אָבער דאָס גיט קיינעם ניט קיין רעכט איהם איבערצוגעבען אין די הענט פון אַ אידען איהם צו ערמאָרדען! — האָט אַ רופא געזאָגט.

— איך האָב שוין פון לאַנג אויסגעפונען, אַז איהר האָט דעם רמב"ם ניט איבעריגס ליעב! — האָט דער קאַליף מיט אַ בייזען טאָן אַ זאָג געטהאָן. — אייער שנאה שטעהט העכער ווי דאָס וואוילזיין פון מענשען. וועט איהר דען ניט צוגעבען, אַז דער רמב"ם האָט זעהר פיעל אויפגעטהאָן פאַר די מענשען? האָט איהר דען אַליין ניט געזעהן ווי ער האָט אויסגעהיילט מענשען, אויף וועלכע איהר האָט שוין אויפגעגעבען אַלע האָפענונגען? ווייסט איהר דען ניט, אַז דער קעניג פון ענגלאַנד, ריכאַרד דער ערשטער, האָט איהם געוואָלט אָנשטעלען אין זיין פּאַלאַץ? דאַרף דער אייער שנאה צו איהם פאַרבלענדען אייערע אויגען, האָט איהר אַליין דען פיעל פון איהם ניט געלערענט?

— ניט אונזער שנאה רעדט אין אונז! — האָט דער עלטסטער פון די דאָקטורים געזאָגט. — מיר האָבען צו איהם גאָרניט. ווען ער איז גערעכט גיבען מיר צו, אָבער מיר קענען ניט דערלאָזען, אַז דאָס הייליגע בלוט פון אַ מאַכמעדאַנער זאָל פאַרגאָסען ווערען דורך די הענט פון אַ אידען! אין אונזערע אויגען וועט עס שטענדיג פאַררעכענט ווערען פאַר אַ מאָרד! מיר האָבען פון אַזאַ אָפּעראַציע נאָך קיינמאָל ניט געהערט און מיט אונזער פאַרשטאַנד און באַגריף מיינט עס אַ זיכערער טויט פאַר דעם ווירדיגען גענעראל, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל געטרייהייט און איבערגעבענהייט צום קאַליף און צו אונזער פאָלק!

— איך האָב מיט דעם רמב"ם גאַנץ אָפען גערעדט, — האָט סאַלאַדין געזאָגט. — איך האָב אויסגעדריקט מיין צווייפעל און כאָטש ער האָט ניט געזאָגט אויף זיכער, אַז איהם וועט געלינגען די אָפּעראַציע, האָט ער אָבער געזאָגט, אַז דער קראַנקער האָט אַ גוטע געלעגענהייט געזונט צו ווערען.

אין דער צייט ווען מען זאָל איהם ניט אָפּערירען וועט ער שטאַרבען גאָר אין גיכען אין גרויסע יסורים!

— דו זעהסט, גנעדיגער קאַליף, ער אַליין גיט צו, אַז ער ווייס ניט אויב ער וועט זיין ערפאָלגרייך. מיר אָבער זיינען אין דעם זיכער, אַז ער וועט איהם טויטען! און דעריבער זיינען מיר געקומען אהער דיך בעטען, אויב מעגליך אָפּצושטעלען דעם מאָרד!

— איך ווייס ניט אויב מיר האָבען עס אַ רעכט צו טאָן! — האָט דער קאַליף געזאָגט: — איך האָב דעם גענעראַל איבערגעגעבען וועגען דעם רמב"ם'ס פּלאַן און ער איז וויליג זיך צו לאָזען אָפּערירען!

— ווייל ער גלויבט, אַז ער וועט איהם העלפען! — האָט דער עלטסטער פון די דאָקטוירים אויסגערופען, — ווען אָבער מיר וועלען איהם ערקלעהרען אין וואָס פאַר אַ געפאַהר ער לאָזט איינשטעלען זיין לעבען, בין איך זיכער, אַז ער אַליין וועט עס ניט דערלאָזען!

דער קאַליף האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבען צו צווייפלען, וואָס וועט טאָקע זיין, אויב דער גענעראַל וועט שוין קיין לעבעדיגער ניט אַרויסגעהן פון דער אָפּעראַציע? וועט ער דען קענען האָבען אויף זיין געוויסען דעם טויט פון זיין בעסטען גענעראַל?

— איך וויל זיך מעהר אין דעם ניט מישען! — האָט סאַלאַדין געזאָגט. — אויב איהר ווילט קענט איהר זיך מיט איהם, מיט'ן גענעראַל דורכריידען, און דאַן וועל איך עס איבערלאָזען צו איהם אַליין. אויב ער וועט באַשטעהן אויף דער אָפּעראַציע, וועל איך לאָזען דעם רמב"ם עס דורכפיהרען. אָבער אויב ער וועט פון אייערע רייד באַאיינפלוסט ווערען, וועל איך גלייך לאָזען דעם רמב"ם צו וויסען, אַז די אָפּעראַציע וועט ניט דורכגעפיהרט ווערען.

די דאָקטורים זיינען געווען זעהר צופרידען מיט קאַליפ'ס באַשלוס. זיי זיינען אַלע, צוזאַמען מיט סאַלאַדינ'ען אַריינגעקומען אין דעם צימער וואו דער קראַנקער גענעראַל איז געלעגען, און איהם אָנגעהויבען אָפּריידען פון דער אָפּעראַציע. זיי האָבען איהם באַוויזען ווי געפעהרליך עס איז פאַר איהם, אַז דאָס מיינט אַ זיכערען טויט.

זייערע רייד אָבער האָבען אויף איהם קיין ווירקונג ניט געמאַכט.

— ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי שטאַרק איך לייד, וואָלט איהר אַזוי ניט גערעדט. איידער צו ליידען אַזעלכע יסורים איז שוין פאַר מיר בעסער דער טויט! איך האָב אָבער געקראָגען צוטרויען אין רמב"ם און איך בין זיכער, אַז ער איז אַ גרויסער דאָקטאָר און קען אויספּהאָן זאכען, וואָס קיינער פון אייך וועט עס ניט קענען באַווייזען. דעריבער איז אומזיסט אייער מיה. איך האָב זיך לאַנג געלאָזט איינריידען פון אייך. איך ווייס, אַז איהר האָט דעם רמב"ם ניט ליעב!

— אויב אַזוי וועלען מיר מעהר דעם חולה ניט שטערען! — האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען און אַ וואונק געטהאָן צו די דאָקטוירים זיי זאָלען פאַרלאָזען דעם צימער.

— איך זעה אַז דו האָסט צוטרוי צו מיין ליעב דאָקטאָר, דעם רמב"ם!

— האָט דער קאַליף צו זיין גענעראַל זיך אָפּגערופען נאָכדעם ווי ער איז

פארבליבען אליין מיט איהם. — איך האף אז אללאה וועט געבען און דער רמב"ם וועט זיין ערפאלגרייך. מארגען אין דער פריה, וועסטו געבראכט ווערען אין זיין הויז און די אפעראציע וועט דורכגעפיהרט ווערען.

זעהר ענטוישטע זיינען די דאקטורים ארויס פון פאלאץ. זיי האבען געוואונשען אז דער גענעראל זאל שטארבען פון דער אפעראציע, דאן וואלט טען זיי געהאט די מעגליכקייטען צו פאר׳מיאוס׳ן דעם רמב"ם אין די אויגען פון קאליף. זיי האבען שוין גענומען פלאנעווען, ווי אזוי צו ווירקען אויף סאלאדינ׳ען, ער זאל איהם ארונטערזעצען פון זיין אמט אלס לייב־דאקטאר.

— וואס ווען מיר טהאן, אויב עס וועט דעם רמב"ם פארט געלינגען איהם אויסצוהיילען? — האט איינער פון זיי זיך אפגערופען.

— וועגען דעם האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען! — האט דער עלטסטער פון זיי געזאגט מיט א זיכערע שטימע. — עס האט נאך ניט פאסירט אז א דאקטאר זאל וואגען צו מאכען אזא געפעהרליכע אפעראציע. דאס בלוט פון גענעראל וועט פאלען אויף זיין קאפ. אונזערע געוויסענס וועלען זיין ריין, ווייל מיר האבען געטהאן אונזער פליכט און געווארענט ביידען, אי דעם קאליף, אי דעם גענעראל.

דער רמב"ם האט קיין אהנונג ניט געהאט וואס פאר א שטורעם די געפלאנטע אפעראציע האט ארויסגערופען. ער איז אבער געווען זעהר פאר־זיכטיג. ער האט אלעמען אין הויז אנגעזאגט, קיינעם ניט אויפצונעהמען אין הויז. דאס הארץ האט איהם געזאגט אז אויב די רופאים וועלען אויס־געפינען וואס ער פלאנעוועט צו טהאן, וועלען זיי איהם זוכען צו שטערען.

ווען דער אוועגד איז אנגעקומען, איז קיינער פון הויז ניט ארויסגע־גאנגען. דאס צימער, וואו די אפעראציע האט געזאלט פארקומען, איז געווען צוגעשלאסען נאכדעם ווי אלעס איז אויסגערייניגט געווארען.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א קלאפען אין טיהר. שרה איז געגאנגען עפענען און פרעגען ווער דאס איז.

— איך בין איינער פון די דאקטוירים וועלכער האט באהאנדעלט דעם גענעראל — האט יענער געענטפערט — איך מוז זיך זעהען מיט דעם רמב"ם וועגען זעהר א וויכטיגע זאך.

— עס טוט מיר לייד, אבער דער רמב"ם וועט קיינעם ניט אויפנעמען ביז מארגען נאכמיטאג! — האט שרה געענטפערט.

— עס איז זעהר וויכטיג! איך מוז זיך מיט איהם זעהן!

— קיינער איז ניט ערלויבט אין אונזער הויז ביז מארגען! — האט שרה מיט א פעסטער שטימע געזאגט און גענומען צומאכען די טיהר.

— אויב אזוי זאל דער רמב"ם ארויסקומען צו מיר, איך וויל מיט איהם ריידען וועגען א וויכטיגען ענין!

— ווארט דא צו א ווייל׳ע, איך וועל מיין מאן איבערגעבען דיינע רייד! — האט שרה געזאגט און צוגעשלאסען די טיהר און איז אריינגע־קומען צום רמב"ם אין צימער, און איהם איבערגעגעבען וואס דער דאקטאר האט צו איהם געזאגט.

— גוט האסטו געטאן וואס דו האסט איהם ניט אריינגעלאזען! —

האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופן צו זיין פרוי — פונדעסטוועגן וועל איך אַרויסגעהן צו איהם און הערען וואָס ער פאַרלאַנגט.

דער רמב"ם איז אַרויסגעקומען אין דרויסען און געפרעגט דעם רופא וואָס ער פאַרלאַנגט.

— ווי דער קאַליף האָט אונז איבערגעגעבען, וועסטו מאָרגען דורכפיהרען זעהר א געפעהרליכע אָפּעראַציע אויף דעם גענעראַל. איך בין זעהר פאַר־אינטערעסירט צו זעהן ווי אַזוי דו וועסט עס טהאָן, און איך בין געקומען צו דיר, בעטען ערלויבעניס אנוועזענד צו זיין, ווען וועסט דורכפיהרען די אָפּעראַציע.

— ניין, צום באַדויערען קען קיינער ניט זיין אנוועזענד ווען איך וועל אָפּערירען. איך וועל עס טהאָן גאַנץ אַליין!

— איך פאַרזיכער דיר אַז איך וועל דיר ניט שטערען! איך וויל בלויז עפּעס פון דיר לערנען!

— איך וועל מיין באשלוס ניט ענדערען! — האָט דער רמב"ם גע־זאָגט. — דו מוזט מיר ענטשולדיגען.

דו ביזט א מערדער! — האָט דער רופא א געשריי געטהאָן און איז אוועק.

ווען דער רמב"ם האָט צוריק פאַרשלאָסען די טיהר האָט ער זיך אָפּגע־רופען צו שרה'ן:

— איך וועל דאַרפען בעטען דעם וויזיר אַלפאַדעל, ער זאָל מיר שיקען איינינע וועכטער, צו וואַכען מיין הויז דורך דער נאַכט, וויל איך בין זיכער, אַז מיינע שונאים וועלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען. עס איז זייער גרעסטער וואונש, אַז איך זאָל דורכפאַלען כדי זיי זאָלען קענען האָבען א בייטש איבער מיר. ביי זיי איז רעכט צו אָפּפערען דעם גענעראַל'ס לעבען, אַבי זיי זאָלען זייערס דערגרייכען!

— איך וועל אַריבערגעהן צו מיין ברודער, דעם וויזיר'ס סעקרעטאַר און ער וועט מיט איהם ריידען.

— געה ניט אַליין, זאָל רות מיט דיר מיטגעהן! — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — גיעב איבער אַלמאַעלי'ן די איינצעלהייטען און אפילו דאָס וואָס דער דאָקטאָר איז ביי אונז געווען, און ער זאָל פאַרלאַנגען פון וויזיר א דריי באוואָפענטע וועכטער, בלויז ביז נאָך דער אָפּעראַציע.

שרה און רות זיינען גלייך אַריבער צו אַלמאַעלי'ס הויז און שפרה איז זיי אנטקעגען געקומען א צושראָקענע און געפרעגט:

— האָט עפּעס פּאַסירט?

— קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט! — האָט שרה איהר געענטפערט און האָט איהר גלייך איבערגעגעבען די איינצעלהייטען.

— אָט וועל איך געהן איבערגעבען אַלמאַעלי'ן, — האָט שפרה גע־זאָגט. ער געפינט זיך יעצט אין וויזיר'ס פּאַלאַץ, ער האָט דאָרט א סך אַר־בייט. ער דאַרף צושטעלען אין איינינע טעג אַרום א גענויען באריכט פון די הכנסה און הוצאה פון לעצטען מאָנאַט. איהר וואַרט דאָ צו אין הויז און איך וועל זיך באַלד אומקעהרען.

אין א ווילע אַרום האָט זיך אַלמאַעלי אומגעקעהרט מיט שפרה'ן.

— דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן מיין ליבע שוועסטער ! — האָט אלמאעלי זיך צוקושט מיט שרה'ן — דער וויזיר האָט גלייך אוועקגעשיקט צו דיר אין הויז דריי באוואָפּענטע וועכטער. זיי וועלן שוין אכטונג געבן, אַז קיין פרעמדער זאָל ניט צוקומען נאָהענט צו דיין הויז. דו קענסט אויך איבערגעבן דיין מאַן, אַז דער וויזיר האָט זיך פריהער געזעהן מיט'ן קאַליף, וועלכער האָט איהם דערצעהלט אַז די דאָקטוירים האָבן געזוכט איהם און דעם גענעראַל צו באיינפלוסען אַז דער רמב"ם זיך ניט דורכפיהרען די אָפּעראַציע, אָבער זיי האָבן גאָרניט אויסגעפיהרט און עס איז פאַרשטענדליך אַז זיי וועלען זוכען אנדערע מיטלען. דעריבער איז עס זעהר א גוטער פּלאַן צו האָבן וועכטער ארום זיין הויז.

ווען שרה און רות האָבן זיך אומגעקעהרט אהיים, האָבן זיי שוין דאָרטען די וועכטער געטראָפען. זיי האָבן זיי ניט געוואָלט אריינלאָזען, אפילו ווען זיי האָבן זיי געזאָגט ווער זיי זיינען, ביז וואַנען דער רמב"ם איז ארויס און מיט א שמייכעל ערקלערט, אַז זיין פרוי און שוועגערין „מיגען” זיי אריינלאָזען.

דער רמב"ם איז געווען צופריעדען פון זייער האַנדלונג.

— דאָס באווייזט אַז זיי וועלען זיין זעהר פאָרזיכטיג און קיינעם ניט צולאָזען ! — האָט ער זיך אָפּגערופען צו שרה'ן.

דער רמב"ם איז געגאַנגען גאַנץ פריה שלאָפען, ווייל ער האָט געוואָלט זיין גוט אויסגערוהט. ער האָט אויך אויף שטום לשון אָנגעזאָגט זיין טויב־שטומען משרת אַז ער זאָל זיך אויסרוהען, ווייל מאָרגען וועט ער דאַרפען זעהר פריה אויפשטעהן. ער האָט איהם אויך געוויזען וועלכע אינסטרומענטען צו דערלאַנגען, בעת ער וועט זיין פאַרנומען מיט דער אָפּעראַציע.

דער טויב־שטומער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אלס צייכען, אַז ער פאַרשטעהט און איז גרייט צו טהאָן אלעס.

---

די דאָקטוירים, די שונאים פונ'ם רמב"ם זיינען זיך צוזאמענגעקומען און גענומען בעראַטהען וואָס צו טהאָן. נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר האָט זיך צוריקגעקעהרט און געזאָגט אַז דער רמב"ם וועט איהם בשום אופן ניט צולזען צו דער אָפּעראַציע.

— ווען עס זאָל פּאַר אונז מעגליך זיין צוצוקומען צו יענעם צימער, וואָלט מעגליך געווען פּאַר אונז צו מאַכען, אַז ער זאָל דורכפאַלען ! — האָט א דאָקטאָר א זאָג געטהאָן.

— דאָס איז אוממעגליך. ווי איך פאַרשטעה, וועט ער קיינעם ניט אריינלאָזען צו זיך אין הויז.

— איך האָב א פּלאַן ! — האָט זיך איינער פון די רופאים אָפּגערופען: מיט א צייט צוריק האָב איך געהערט אַז דער רמב"ם זוכט ארום א יונגען מאַן מיט'ן נאָמען יוסף אבן עקנין. ער האָט זיך ביי יעדען איינעם נאָכגעפרעגט. ווי איך פאַרשטעה איז ער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם יונגען מאַן, כאָטש ער האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. ער איז זעהר נייגעריג זיך מיט איהם צו זעהן, דעריבער איז מיין פּלאַן, אַז מיר זאָלען קריגען א יונגען מאַן און איהם שיקען צום רמב"ם, ער זאָל זיך אָנגעבען אלס

יוסף אבן עקנין, דאַן וועט איהם דער רמב"ם אריינלאָזען אין הויז און געוויס וועט ער איהם לאָזען איבערנעכטיגען. דאַן וועלען מיר איהם זאָגען וואָס ער זאָל טהאָן.

— עס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן! — האָט א צווייטער דאָקטאָר געזאָגט. — איך האָב א פריינד, א יונגען מאַן, ער איז זעהר כיטרע און וועט קענען דורכפיהרען אונזער פּלאַן.

זיי האָבען געשיקט רופען דעם יונגענמאַן און איהם ערקלעהרט די גאַנצע לאַגע.

— דו וועסט אוועקגעהן צום רמב"ם'ס הויז און זיך אָנגעבען אלס יוסף אבן עקנין! — האָט א רופא איהם געזאָגט — ער האָט איהם קיינ־מאָל ניט געזעהן און דעריבער וועט ער דיר גלויבען.

— אָבער טאָמער וועט ער אָנפאַנגען צו ריידען מיט מיר וועגען וויסענשאַפטליכע זאכען? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט.

— וועסטו איהם זאָגען אז דו ביזט זעהר מיעד און דו ווילסט זיך אויסרוהען — האָט דער רופא זיך אָפּגערופען צו איהם — און אזוי ווי דו וועסט פיהלען אז אַלע שלאָפען, זאָלסטו שטילערהייט אריינגעהן אין דעם צימער וואו די אָפּעראַציע וועט פאָרקומען און דאָרטען באַשיטען מיט א שטויב, וואָס מיר וועלען דיר מיטגעבען, די אַלע אינסטרומענטען און די איבעריגע זאכען וואָס דער רמב"ם וועט זיך דאַרפען באַנוצען. דו וועסט זעהן טעמפּ מאַכען די שאַרפע אינסטרומענטען אזוי אז ער זאָל האָבען א דורכפאַל אין זיין אָפּעראַציע און מיר וועלען דיר דערפאַר באַלוינען.

דער יונגערמאַן האָט צוגעשטימט און זיך אונטערגענומען דורכצור־פיהרען זייער שליחות. ער איז אוועק צום רמב"ם'ס הויז. די וועכטער האָבען איהם אָפּגעשטעלט.

— ווער ביזטו, און וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָבען זיי איהם געפרעגט.

— איז דאָס דעם רמב"ם'ס הויז? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט.

— יע, דאָס איז זיין הויז, אָבער היינט ביינאַכט נעהמט דער רמב"ם קיינעם ניט אויף!

— מיך אָבער וועט ער אויפנעהמען! — האָט דער יונגערמאַן געענט־פערט. איך וועל פון דאַנען ניט אָפּטרעטען ביז וואַנען איהר וועט איהם מעלדען אז יוסף אבן עקנין זיין אומבאַקאַנטער פריינד, וועמען ער האָט לאַנג ארומגעזוכט איז דאָ.

— פון וואַנען ווייסטו, אז דער רמב"ם האָט דיך לאַנג ארומגעזוכט? — האָט איהם א וועכטער געפרעגט.

— מען האָט מיר אזוי איבערגעגעבען, און דעריבער בין איך דאָס יעצט געקומען צו איהם. ער וועט זיין זעהר צופרידען מיך אויפצונעהמען.

די וועכטער האָבען אפילו געצעגערט. זיי זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען ניט צו שטערען דעם רמב"ם'ס רוה, אָבער דער יונגערמאַן איז צו זיי צו־געשטאַנען און זיי האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען אין טיהר.

דער רמב"ם און אַלע אין זיין הויז, האָבען זיך נאָר וואָס געהאַט גע־לעגט שלאָפען, ווען דאָס קלאַפּען אין טיהר האָט זיך דערהערט.

אין הויז איז געוואָרען א טרעוואָגע און טומעל, דער רמב"ם איז ארויס

פון זיין שלאָף־צימער און אָנגעצונדען אַ ליכט. שרה און רות זיינען אויך אַרויסגעקומען. אפילו דער טויב־שטומער יונגערמאַן איז אויך אַרויס פון זיין צימער. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער דערפיהלט, אַז עפּעס קומט פאָר אין הויז, איז ער אַרויסגעקומען זעהן וואָס דאָס איז.

דאָס קלאַפּען האָט זיך ווידערהאָלט.

— ווי עס ווייזט אויס איז נאָך איינער פון מיינע שונאים אהער גע־קומען מיר צו שטערען! — האָט דער רמב"ם געזאָגט — די בעסטע זאַך וועט זיין אַז מיר וועלען ניט ענטפערען!

— וואָס איך פאַרשטעה ניט איז, פאַרוואָס די וועכטער זאָלען דער־לאָזען אַז אימיצער זאָל צוקומען נאָהענט צו דער טיהר! — האָט שרה אויסגערופען — זיי זיינען דאָך פאַרזאָגט געוואָרען קיינעם ניט צוצולאָזען.

דער טויב שטומער האָט מיט פרעגענדע בליקען געקוקט אויף אַלעמען, און רות האָט איהם אויף שטום־לשון ערקלערט, אַז אימיצער קלאַפּט אין טיהר.

דער טויב־שטומער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין, וואָס דאָס באַדייטעט, אַז מען זאָל ניט געהן עפענען די טיהר.

ווען אָבער דאָס קלאַפּען איז שטאַרקער געוואָרען, האָט דער רמב"ם באַשלאָסען צוצוגעהן צו דער טיהר און אויסגעפינען ווער דאָס איז.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר, שרה, רות און דער טויב שטומער זיינען איהם נאָכגעגאַנגען.

דער רמב"ם האָט עטוואָס אויפגעעפענט די טיהר און דערזעהענדיג ביי דער שיין פון דער לבנה דעם וועכטער, האָט ער איהם געפרעגט:

— פאַרוואָס קלאַפּסטו אין טיהר?

— איינער אַ יונגערמאַן איז געקומען און זאָגט, אַז ער וויל דיך זעהן!

— האָט דער וועכטער געענטפערט.

—האָב איך דיר דאָך אָנגעזאָגט קיינעם ניט צוצולאָזען. און פאַרוואָס שטערסטו אונזער רוה! — האָט דער רמב"ם מיט שטרענגע שטימע אַ זאָג געטהאָן.

— דער יונגערמאַן אָבער איז צוגעשטאַנען. ער זאָגט, אַז זיין נאָמען איז יוסף אבן עקנין!

— יוסף אבן עקנין! — האָט דער רמב"ם אויסגערופען מיט פרייד, און ווענדענדיג זיך צו שרה'ן האָט ער געזאָגט — וואָס זאָגסטו אויף דעם!

— זאָג איהם אָן דורכ'ן וועכטער, אַז דו ביזט זעהר נייגעריג זיך מיט איהם צו זעהן, אָבער דו קענסט איהם היינט ביינאַכט ניט אויפנעהמען, זאָל ער קומען אהער מאָרגען נאָך האַלבען טאָג.

— אָה, ניין. אַזוי לאַנג האָב איך איהם אַרומגעזוכט און יעצט אַז ער איז געקומען צו מיר, זאָל איך איהם אָוועקשיקען!

— געה זאָג יוסף אבן עקנין, ער זאָל גלייך אַרויפקומען — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צום וועכטער.

ווי דער וועכטער האָט גענומען אַרונטערגעהן פון די טרעפּ, האָט זיך דער טויב שטומער אָנגעהויבען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף ניין, וואָס דאָס באַדייטעט, אַז זיין מיינונג איז מען זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזען!

— מעגליך אז ער איז גערעכט ! — האָט רות זיך שוין אריינגעמישט.
ווען זי האָט באַמערקט ווי שטאַרק אויפגערעגט דער טוביה שטומער איז
— פאַרוואָס איז ער גראַד געקומען היינט ביינאַכט !
— אָט קומט ער אָן ! — האָט שׂרה זיך אָפּגערופן צום רמב"ם, אָנווייזנדיג אויף דעם יונגענמאַן וועלכער איז נאָר וואָס אַרויף אויף דער טרעפּ.
דער רמב"ם האָט שוין געוואָלט איהם אַנטקעגען קומען און איהם געבען אַ ווארימען „שלום עליכם", אָבער דער טוביה שטומער איז איהם דעם וועג פאַרלאָפען. ער איז צוגעגאַנגען צום יונגעמאַן און מיט'ן גאַנצען כוח געגעבען אַ זעץ מיט זיין פויסט אין פנים, אַז דער יונגערמאַן איז פון זעץ אַרונטערגעשליידערט געוואָרען פון אַלע טרעפּ !
— וואָס האָסטו געטהאָן ? — האָט דער רמב"ם זיך צושריען אויף דעם טוביה שטומען.
ער האָט זיך געלאָזען געהן מיט שנעלע טריט צום יונגענמאַן און בעטען איהם ענטשולדיגען.
ווען דער רמב"ם איז אַרונטער אין דרויסען האָט איהם דער וועכטער געזאָגט :
— דו האָסט געטהאָן אַ גוטע זאַך, וואָס דו האָסט דעם פרעמדען צובלוטיגט און אַרונטערגעוואָרפען פון די שטיגען. ער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט און גענומען לויפען מיט אַלע זיינע כחות. דאָס אַליין איז אַ סימן אַז ער איז ניט דער ריכטיגער מאַן. זעהסטו ווי שנעל ער לויפט ! זאָל איך איהם נאָכיאָגען און אַרעסטירען ?
— שטעה אויף דיין פּלאַץ ! — האָט דער רמב"ם געזאָגט און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין הויז. ער איז געווען שטאַרק צוטומעלט און ערשיטערט פון דער האַנדלונג פון זיין טוביה שטומען משרת.
— איך קען ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס מיין משרת האָט אַזוי געהאַנדעלט. דוכט זיך די גאַנצע צייט איז ער געווען רוהיג און געלאַסען ! איך האָב איהם דערפאַר באַדאַרפט באַשטראָפען ! — האָט זיך דער רמב"ם אָפּגערופען צו שׂרה'ן און רות'ן. אויב דאָס איז ווירקליך געווען יוסף אבן עקנין, איז ער באַגאַנגען אַן אונגעהערטע זאַך. אַזוי פיעל מאָנאַטען ווי איך זוך אַרום דעם יונגענמאַן, פון וועמען איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, און יעצט, אַז ער איז געקומען צו מיר אין הויז, נעהמט מיין משרת און צובלוטיגט איהם און שליידערט איהם אַרונטער פון די טרעפּ.
— ווער ווייס אויב ער איז ניט גערעכט געווען ! — האָט רות געזאָגט
— עס פּאַסירט גאַנץ אָפט אַז אַ טוביה שטומער קען זעהן און פיהלען זאַכען, בעסער ווי אַנדערע. מעגליך אַז דער יונגערמאַן איז געווען שווינדלער און איז געשיקט געוואָרען אהער פון דיינע שונאים !
— אַלעס איז מעגליך ! — האָט דער רמב"ם איז דער שטיל אַ זאָג געטהאָן, דערמאָנענדיג זיך וואָס דער וועכטער האָט איהם נאָר וואָס דערצעהלט.
— אויב ער איז אַ שווינדלער און איז אונטערגעשיקט געוואָרען אהער פון אונזער שונאים. וועט ער שוין פאַרזאָגען אַ צעהנטען מעהר אהער ניט צו קומען ! — האָט שׂרה מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— אָבער טאַמער איז ער פאַרט געווען יוסף אבן עקנין! — האָט דער רמב״ם געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אין צווייפעל.

— ווייסטו איהם געווים אַ צווייטען מאָל זעהן און אַלע ערקלעהרען. ער וועט פאַרשטעהן — האָט שרה זיך אָפּגערופען.

דער רמב״ם און די אַנדערע זיינען צוריקגעגאַנגען שלאָפען. מעהר האָט קיינער זייער רוה ניט געשטערט.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, איז דער רמב״ם אויפגעשטאַנען פון שלאָף, זיך ארומגעוואשען און האָט מתפלל געווען.

אַ ווייַלע שפּעטער האָט זיך אויך באַוויזען זיין טויב שטומער געטרייער משרת, וועלכער איז געווען גרייט איהם ארויסהעלפען אין זיין ארבעט.

דער רמב״ם האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די אינסטרומענטען און זיי גוט ארומגעווישט. אַלעס איז געווען גרייט.

באַלד איז צוגעפאָהרען סאַלאַדינ׳ס קאַרעטע נעבען זיין הויז. דער רמב״ם איז זיי ארויס אַנטקעגען. פון דער קאַרעטע זיינען ארונטערגעשטיגען צוויי באַאַמטע, וועלכע האָבען געהאַלטען דעם גענעראַל.

דער רמב״ם האָט איהם מיט אַ שמייכעל באַגריסט, אָבער דער גענע־ראַל איז געווען אין אַזעלכע שרעקליכע יסורים, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט איהם. זיין פּנים איז געווען בלאַס און צונויפגעצויגען פון ווייטאַג. זיינע אויגען זיינען געווען ווי אויסגעלאָשען. ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף זיינע פיס.

דער רמב״ם האָט איהם געהאָלפען אריינטראָגען אין דעם צימער וואו די אָפּעראַציע האָט געדאַרפט פאָרקומען. ער האָט געבעטען די באַאַמטע אַז ווען זיי וועלען ארויסגעהן זאָלען זיי אָנזאָגען די וועכטער קיינעם ניט צוצולאָזען צו זיין הויז.

שווייגענדיג מיט ערנסטע פּנים׳ער, האָבען סאַלאַדינ׳ס באַאַמטע פאַר־לאָזען דעם רמב״ם׳ס הויז און איבערגעגעבען די וועכטער זיין פאַרזאָג.

אַן אָנגעצויגענע שטילקייט האָט געהערשט אין הויז. שרה, רות און איהר פאָטער בנימין זיינען געווען אין דעם הינטערשטען צימער, און כאָטש עס איז געווען גאַנץ ווייט פון יענעם צימער וואו דער חולה האָט זיך געפו־נען, פונדעסטוועגען האָבען אַלע געשוויגען, מורא האָבענדיג ארויסצורידען אַ וואָרט. אפילו די קליינע נעמי האָט אויך פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער זאַך. זי איז געזעסען אויף איהר זיידענ׳ס שויס און געשוויגען.

דער רמב״ם און זיין טויב שטומער משרת האָבען אוועקגעלעגט דעם גענעראַל אויף דעם אָפּעראַציאָנ׳ס טיש. ער האָט איהם געגעבען אַ שלאָף־טרונק און דער חולה איז איינגעשלאָפען. דער רמב״ם האָט גוט ארומגע־וואשען זיינע הענט און דאַן האָט ער זיך גענומען צו דער ארבייט. דער טויב שטומער דינער האָט געהאַלטען די אינסטרומענטען גרייט. דער רמב״ם האָט מיט גרויס פּאַרזיכטיגקייט אויפגעעפענט דעם שאַרבען פון דעם גענעראַל׳ס קאָפּ. ער האָט אַ וואונק געטהאָן צו זיין משרת ער זאָל אָפּ־טרעטען אָן אַ זייט. ווען דער שאַרבען איז שוין געווען אָפען, האָט דער רמב״ם זיך גוט צוגעקוקט, און ווירקליך האָט ער דאָרט אויפ׳ן מאַרק באַ־מערקט אַ קליינעם וואָרים וואָס איז געווען איינגעשטעמעט אין מאַרך.

ניט טראכטענדיג קיין סך האָט דער רמב"ם פון צווישען די אינסטרו־מענטען וואָס זיינען געלעגען נעבען איהם אויף א טאַץ, ארויסגענומען א קליינעם דינעם צוועגנגל און האָט דערמיט געוואָלט ארויסציהען דעם וואָרים.

דער טויב שטומער משרת וועלכער איז געשטאַנען אָן א זייט און האָט זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון רמב"ם, ער האָט מיט גרויס נייגעריגקייט באטראכט זיין יעדע באוועגונג. ווען ער האָט דערזעהן, אז דער רמב"ם נעהמט דעם צוועגנגל און וויל דערמיט ארויסציהען דעם וואָרים, האָט דער טויב שטומער פּלוצלונג אויסגעשריען:

— ווארט! האלט! טו דאָס ניט!

א שרעק איז דעם רמב"ם באַפאַלען. דער טויב שטומער רעדט! וואָס באדייט עס! האָבען דאָס זיינע שונאים איהם אונטערגעשיקט ער זאָל צו־שטערען זיין ארבייט?

— איך בעט דיך, מיין האר! — האָט דער טויב שטומער ווייטער גערעדט — איך וועל שפּעטער אַלעס דערקלערען, אָבער יעצט, אז דעם גענעראַל'ס לעבען העננט אויף א האָר, איז עס מיין פליכט דיר צו דער־מאָהנען אז דאָס איז ניט דער ריכטיגער וועג ארויסצונעהמען א וואָרים פון דעם מענשען'ס מאָרך. ווי נאָר דער מעטאַל וועט אָנריהרען דעם מאָרך, אזוי וועט דער חולה שטאַרבען.

— און וואָס דען זאָל איך טהאָן? — האָט דער רמב"ם איהם געפרעגט מיט שרעק, און זיין ערשטוינונג איז נאָך גרעסער געוואָרען.

— איך האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט אין דיינע ביכער איבער מע־דיצין וואו דו אַליין, ווירדיגער רמב"ם, באשרייבסט אזא פאַל ווענען א וואָרים אויפ'ן מאָרך, און דו שרייבסט אז כדי ארונטערצונעהמען דעם וואָרים פון דעם מאָרך דאַרף מען אויף דעם פּלאַץ ארויפלעגען א פרישע גרינע בלאַט פון א בוים אָדער א פּלאַנצונג. ווען דער וואָרים דערשמעקט די פרישע גרינע בלאַט, וועט ער אָפּלאָזען דעם מאָרך און ארויפקריכען אויף דער בלאַט!

— דו ביזט גערעכט! אזוי האָב איך טאַקע געשריבען — האָט דער רמב"ם שנעל אויסגערופען, אָבער וואו נעהמט מען איצט א גרינע בלאַט!

— איך האָב עס צוגעגרייט! — האָט דער משרת געזאָגט, און האָט דערלאַנגט דעם רמב"ם א פרישע גרינע בלאַט.

דער רמב"ם פארוואונדערט און דערשטוינט האָט גענומען דאָס בלאַט און עס צוגעלעגט צו דעם מאָרך, און ווירקליך, אזוי שנעל ווי דער וואָרים האָט דערשמעקט די פרישע גרינע בלאַט, האָט ער זיך גענומען ריהרען און לאַנגזאַם ארויפגעקראָכען אויף דעם גרינעם בלאַט.

מיט קלאַפּענדע הערצער האָט דער רמב"ם און דער משרת נאָכגעקוקט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און געזעהן ווי דער וואָרים ריהרט זיך און אזוי שנעל ווי דער וואָרים איז שוין געווען אויפ'ן בלאַט, האָט עס דער רמב"ם ארונטערגענומען, און ער האָט גענומען פארנעהען דעם שאַרבען.

ביידע, דער רמב"ם און זיין משרת זיינען געשטאַנען שווייגענדיג און געקוקט ווי דער חולה קומט ביסלעכווייז צו זיך פון דעם שלאָף געטראַנק.

ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, האָט דער רמב"ם שנעל געמו־
מען פאַרבאַנדאַזשירען זיין קאָפּ.

שפּעטער, ווען דער גענעראַל האָט געעפענט זיינע אויגען און מיט אַ
שוואַכע שטימע געפרעגט: „וואו בין איך?" האָט זיך אַ ברייטער, גליק־
ליכער שמייכעל באַוויזען אויף דעם רמב"ם'ס ליפּען.

— יעצט דאַרפען מיר איהם לאָזען אליין, זאָל ער זיך אויסרוהען פּאָר
אַ פּאָר שטונדען — האָט דער רמב"ם אין דער שטיל געזאָגט צו זיין
משרת.

ער האָט איבערגעדעקט דעם חולה'ס פּנים מיט אַ לייכטע טוך, און מיט
שטילע טריט זיינען ביידע אַרויס פון צימער.

—געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט! — האָט דער רמב"ם אויס־
געררופען, און ווען שרה, רות און איהר פאָטער האָבען דערהערט זיין שטימע
זיינען שנעל אַרויסגעלאָפען.

— נו, וואָס? איז שרה צוגעלאָפען צו איהר מאַן.

— געלויבט איז דער באַשעפער — דער גענעראַל וועט זיין געזונט.

— אָה, געלויבט איז גאָט! געלויבט איז דער אַלמעכטיגער! — האָבען
אַלע מיט אַמאָל אָפּגעאָטעמט אַ שווערניש איז אַרונטער פון אַלעמענס
הערצער.

— און איהם קומט דער דאַנק — האָט דער רמב"ם אָנגעוויזען אויף
דעם טויב־שטומען משרת, — ער האָט געראַטעוועט דעם גענעראַל'ס לעבען.

אַלע האָבען מיט גרויס ערשטוינונג געקוקט אויף דעם רמב"ם.

— יע, ווען ניט ער וואָלט דער גענעראַל שוין איצט געווען טויט! —
האָט דער רמב"ם גענומען ערקלערען צו שרה'ן און די איבעריגע — איך
בען געווען אַזוי אויפגערעגט און נערוויאיש, אַז איך האָב נאָך אַ האָר גע־
קענט מאַכען אַ שרעקליכען טעות. איך האָב מיט אַ מעטאַלענעם צווענגעל
געוואָלט אַרויסציהען דעם וואָרים פון מאַרך. און מיר איז גאָר דאַן ניט
געקומען אויפ'ן זינען דאָס וואָס איך האָב אַמאָל אַליין געשריבען אין מיינע
ספרים איבער קראַנקהייטען און מעדיצין, אַז ווען אַ מעטאַל ריהרט אָן
דעם מאַרך, מוז דער מענש שטאַרבען, און דער איינציגער וועג אַרונטער־
צונעהמען אַ וואָרים פון מאַרך, איז אַרויפלייגען אַ פרישע גרינע בלאַט...
יע, אָן דעם האָב איך אין גאַנצען פאַרגעסען און איך האָב גענומען דעם
צווענגעל, אָבער ער האָט אויסגעשריען, איך זאָל עס ניט טהאָן!

— אויסגעשריען? — האָבען אַלע פאַרוואונדערט מיט אַמאָל
אויסגערופען.

— יע, ער האָט אויסגעשריען און מיר דערמאָנט, וואָס איך האָב אין
מיינע ספרים געשריבען. — ער האָט אפילו געהאַט צוגעגרייט אַ גרינעם,
פרישען בלאַט.. — האָט דער רמב"ם אָנגענומען זיין משרת האָט און געזאָגט:

— יעצט, אַז מיר האָבען זיך באַרוהיגט, זאָג מיר, — ווער ביזטו?

— איך בין יוסף אבן עקנין!—האָט דער „טויב־שטומער" אויסגערופען.

— יוסף אבן עקנין! — האָט דער רמב"ם מיט גרויס ערשטוינונג
אויסגערופען.

שרה, רות און בנימין זיינען געבליבען שטעהען פאַרגליווערט, ווי

צוגעשמידט צום באָדען, זייערע אויגען אויסגעשטאַרטשט און זייערע מײַלער אָפען.

— אָה, דער שטומער קען ריידען! דער שטומער קען ריידען! — האָט זיך די קליינע נעמי צעזונגען מיט פרייד.

— דו ביזט יוסף אבן עקנין! — האָט דער רמב"ם מיט אַ ציטערענדע שטימע ווידער געזאָגט. — דערצעהל, ווי אַזוי האָט עס אַלעס פּאַסירט.

— איך וועל אַלעס דערצעהלען — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

—לאָמיר זיך צוזעצען ביים טיש — האָט שרה פאָרגעשלאָגען.

זיי האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט און יוסף האָט אָנגעפאַנגען דערצעהלען:

— „אַזוי שנעל ווי איך האָב דערהערט דיין נאָמען, ווי אַלע לויבען דיין גרויסקייט, האָב איך געהאַט גרויס חשק דיך צו זעהן... איך האָב זעהר פיעל געהערט פון דיר, און כאָטש איך בין געווען גאַנץ ווייט פון מצרים, האָב איך געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד, ביז וואַנען איך בין אָנגעקומען אהער אין קאַירא. איך האָב זיך גלייך נאָכגעפרעגט אויף דיר, און מען האָט מיר איבערגעגעבען אַז דו ביזט געוואָרען סאַלאַדאַנ'ס לייב דאָקטאָר. איך האָב זעהר געוואָלט זיין נאָהענט צו דיר, כדי איך זאָל מיט מיינע אויערען קענען הערען דיין גרויסע חכמה און דיין אויפטו אין מעדיצין אין וואָס איך אַליין בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. — איך האָב געוואָלט ווערען דיין משרת און זיין שטענדיג נעבען דיר, — האָב איך אָבער אויסגעפונען, צו מיין גרויס באַדויערען, אַז דו ווילסט ניט אָנשטעלען קיין באַדינער. — איך האָב פאַרשטאַנען די אורזאַכע, ווייל איך האָב געוואוסט אַז דו האָסט פיעלע שונאים, און איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי דו וועסט מיך אויפנעהמען ווען דו וועסט זיך דערוויסען, ווער איך בין.

— ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי נייגעריג איך בין געווען דיך צו טרעפען — האָט דער רמב"ם געזאָגט — מיר האָבען דאָך נאָך זייענדיג אין שפּאַניען דיין פאָטער באַגעגענט און ער האָט אונז דערצעהלט וועגען דיר. — ער הט אונז געזאָגט, ווי דו האָסט דיין לעבען אין געפאַהר געפאַהר געשטעלט צו ראַטעווען די אידען פון פעז. — זאָג מיר, — האָסטו זיך באַגעגענט שפּעטער מיט דיין פאָטער?

— יע, איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט, אָבער ער האָט לאַנג נאָך אונזער באַגעגעניש ניט געלעבט. — און איך האָב אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניען ביז וואַנען איך בין אָנגעקומען אין מצרים. און מיין איינציגער ציעל איז געווען צו זיין נאָהענט צו דיר. איך האָב זעהר געוואָלט דיר באַווייזען מיינע שריפטען, און דעריבער האָב איך זיי איבערגעגעבען דעם שמש פון שוהל. — מיין פאַרלאַנג צו זיין נאָהענט צו דיר און הערען און זעהן אַלעס וואָס דו רעדסט און טהוסט, האָט זיך אין מיר געשטאַרקט, איך האָב זעהר געוואָלט דיך באַדינען, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיך ניט צולאָזען. ווען איך האָב געהערט אַז דו געהסט פּייערען דיין חתונה און דו האָסט איינגעלאַדען די אָרימע לייט פון שטאָדט, בין איך אויך אהין אוועק און האָב זיך פאַרשטעלט פאַר אַ טויב־שטומען, דורך

וואָס איך האָב געקראַגען די געלעגענהייט צו זיין דיין משרת. — איך האָב דערווייל געהאַט די געלעגענהייט צו שטודירען אַלע דיינע ספרים און צו זעהן די אַלע וואונדערליכע זאַכען — ווי אַזוי דו היילסט די קראַנקע. — איך האָף, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין, מיין טייערער רבי, רבנו משה בן מימון!

אַלע זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרגאַפט... עפּעס איז זיי געווען אומ־מעגליך צו הערען דעם יונגען מאַן, וועמען זיי האָבען פאַר אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטען פאַר טויב־שטום — זאָל יעצט ריידען און דערצו נאָך מיט אַזאַ שעהנע קלינגענדיגע שטימע.

— איך בין גליקליך, אַז דו ביזט מיט מיר — האָט דער רמב"ם גע־דריקט זיין האַנט. — איך האָב פון דיר פיעל געטראַכט, איבערהויפּט נאָכ־דעם ווי איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט אַריינצוקוקען אין דיינע שריפטען. — איך האָב איינגעזעהן, אַז דו ביזט באַגאַבט מיט וויסען און גלייכען שכל. איך האָב שטאַרק געזאָרגט וואָס מיר האָט זיך ניט איינגעגעבען דיך אויפ־צוזוכען און דו האָסט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין מיין הויז. — ווען איך וואָלט וויסען ווער דו ביזט, וואָלסטו ניט געדאַרפט אָנקומען צו דעם. איך וואָלט דיך שוין אַליין פון זיך ניט אַוועקגעלאָזען.

— געלויבט איז אונזער פאָטער אין הימעל, וואָס האָט דיך צו מיר צוגעשיקט און דו האָסט מיר אויסגעמידען צו מאַכען אַזאַ שרעקליכען טעות, אַ זאַך, וואָס איך אַליין האָט געהאַט געשריבען... איין רגע, און אַלעס וואָלט געווען פאַרלוירען. — מיינע שונאים וואָלטען טריאומפירט.

— און ווי עס וועזט אויס, האָבען דיינע שונאים זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט — האָט שרה באַמערקט. — זיי האָבען אויסגעפונען אַז דו ביזט זעהר נייגעריג אויפצוזוכען יוסף אבן עקנין, און זיי האָבען געשיקט אימיצען, ער זאָל דיך אָפּנאַרען, כדי צו געווינען אַריינטריט אין אונזער הויז, וואו ער וואָלט געווים געמאַכט אוממעגליך פאַר דיר דורכצופיהרען די אָפּעראַציע ערפאָלגרייך.

— און יעצט פאַרשטעה איך, פאַרוואָס דו האָסט דעם שווינדלער אַזוי גוט מכבד געווען. ער האָט זיך אַרויסגעקוילעט פון אַלע טרעפּ! — האָט רות אַ שמייכעל געטהאָן.

— און ווען איהר וואָלט געזעהן ווי ער האָט געמאַכט די פליטה! — האָט דער רמב"ם געשמייכעלט — פונקט ווי אַ גנב, וועמען מען האָט געכאַפּט גנב'ענדיג און מען יאָגט זיך נאָך איהם... מיין האַרץ האָט מיך געשראָקען, ווייל אַ געדאַנק האָט דורכגעבליצט מיין מח, פיליכט איז ער טאַקע יוסף אבן עקנין, אָבער ווען איך האָב געזעהן איהם לויפענדיג, האָב איך שוין גענומען צווייפלען.

— ווען איך האָב געהערט, אַז ער באַנוצט זיך מיט מיין נאָמען צו קריגען צוטרוי, דו זאָלסט איהם אין הויז אַריינלאָזען, בין איך אַזוי שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, אַז איך האָב געוואָלט אויסשרייען, אַז איך בין יוסף אבן עקנין און ער איז אַ ליגנער, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז דורכדעם וויל איך פיליכט פאַרלירען די געלעגענהייט צו זיין אַנוועזענד ביי דער

אָפּעראַציע און דעריבער האָב איך באַשלאָסן איהם אָנצולערנען אַז ער זאָל שוין מעהר אַהער ניט קומען.

— אָבער ווי אַזוי קומט עס, אַז דו האָסט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פרישען גרינעם בלאַט? — האָט דער רמב"ם איהם געפרעגט.

— ווען איך האָב געהערט פון די געשפּרעכען וואָס דו האָסט געפיהרט אין הויז וועגען דער אָפּעראַציע פון גענעראַל און וועגען דעם וואָרים אויף זיין מאַרך, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב געלעזען וועגען דעם אין דיינע ספרים, איך האָב דעריבער אויפגעזוכט דעם פּלאַץ, וואו דו האָסט געשריבען וועגען אַ וואָרים אויפ'ן מאַרך און איך האָב דורכגעלייענט וועגען דעם גרינעם פרישען בלאַט, און די גאַנצע צייט, ווען דו האָסט זיך געגרייט צו דער אָפּעראַציע, האָב איך גוט נאָכגעקוקט. — איך האָב באַמערקט אַלע אינסטרומענטען, איך האָב געזעהן דאָס צווענגעלע, און דאָס בלאַט האָב איך ניט באַמערקט. — איך האָב גענומען טראַכטען, אַז פיליכט האָסטו אינגאַנצען אָן דעם פאַרגעסען, און דעריבער האָב איך, אין דער פריה, ווען איך האָב אויפגעעפענט דעם פענסטער, אויסצולופטערען דעם צימער, זיך אַרויסגעבויגען און פון בוים אָפּגעריסען אַ פרישען בלאַט.

— איך מוז יעצט אַריינגעהן זעהן וואָס דער חולה טהוט — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען און איז אַריין אין צימער. ער האָט באַטראַכט דעם גענעראַל, צוזייגענדיג זיין אויער צום הארץ און ער האָט געהערט ווי ער אָטעמט, ער האָט באַטראַכט דעם באַנדאַזש אַרום זיין קאָפּ און מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער און די טיהר צוריק צוגעשלאָסען.

— ער שלאָפט גאַנץ רוהיג — האָט דער רמב"ם, מיט אַ צופרידענעם שמייכעל געזאָגט. — געלויבט איז גאָט — איך האָף, אַז די אָפּעראַציע האָט זיך איינגעגעבען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דערווייל איז נאָך די גע־פאַהר גרויס.

— ווען וועט ער אַרויס פון געפאַהר? — האָט יוסף געפרעגט.

— אויב ער זאָל אַזוי אָפּשלאָפען דעם טאָג און די נאַכט, וועט מען איהם שוין מאָרגען אין דער פריה קענען געבען עטוואָס פליסיגקייט אַלס שפּייז — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — לאָמיר אַלע דערווייל מתפלל זיין צו דעם אַלמעכטיגען, ווייל אין דעם געזונט מאַכען פון גענעראַל, הענגט זעהר פיעל אָפּ... מיינע שונאים האָבען זיך פאַרמעהרט און זיי וואַרטען נאָר אויף אַ געלעגענהייט צו ערנידעריגען מיר אין די אויגען פון סאַלאַדין.

זיי האָבען אַלע מתפלל געווען און דערנאָך האָבען שרה און רות געגרייט צום טיש.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז דער „משרת" וועלכער איז שוין איצט צו זיי געווען באַוואוסט אַלס יוסף אבן עקנין, האָט געדערט מיט זיי ביים עסען. ביז יעצט, כאָטש ער פלעגט זיצען שטענדיג ביים טיש און מיט זיי צוזאַמען געגעסען, האָט מען זיך מיט איהם צונויפגערעדט אויף שטום־לשון. יעצט אָבער האָט ער גערעדט, אַלע האָבען געשלונגען זיינע רייד, איבערהויפּט רות, וועלכע האָט גלייך איינגעזעהן, אַז ער איז אַן איידעלער יונגער מאַן, כאָטש זי האָט איהם פאַררעכענט פאַר אַ טויב־שטומען, זי האָט איהם די גאַנצע צייט צוגעזעהן — עס איז געווען אויפ

רחמנות און אפשר אויך צוליעב נאָך אַ געפיהל, וואָס רות האָט אַליין זיך ניט געקענט ערקלערען.

* * *

מיט גרוים אומגעדולד האָבען זיי געוואַרט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג. דער קאַליף האָט שוין צוויי מאָל געשיקט זיינע באַאמטע זיך נאָכפרעגען אויף דעם חולה און דער רמב"ם האָט געענטפערט, אַז אונטער די אומשטענדען איז דער חולה באַקוועם.

אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, איז דער רמב"ם מיט יוסף'ן אריין אין צימער, און זיי האָבען, צו זייער גרויסער פרייד, דערזעהן ווי דער גענעראַל האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען און ארויסגערעדט עטליכע ווערטער. ער האָט אויך עטוואָס אַ דרעה געטהאָן זיין קאָפּ...

דער רמב"ם איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צו איהם און האָט איהם מיט אַ שמייכעל באַגריסט. אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף דעם גענעראַל'ס ליפּען. אָבער דאָס אַליין איז שוין געוועזען גענוג ערפרעהענד.

דער רמב"ם האָט באַלד צוגעגרייט אַ מין פליסיגקייט אלס אַ שפּייז און טראָפּענווייז עס אריינגעגעבען אין זיין מויל.

אַזוי האָט ער געטהאָן יעדע שטונדע, און בייטאָג, ווען דעם קאַליפ'ס שלוחים זיינען געקומען זיך נאָכפרעגען אויף דעם גענעראַל'ס געזונט, האָט דער רמב"ם מיט גרויס שמחה געהייסען איבערגעבען דעם קאַליף, אַז דער חולה איז שוין אויסער געפאַהר און אַז מאָרגען וועט מען איהם שוין קענען באַזוכען.

דער קאַליף האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער בשורה, און אויף דעם דריטען טאָג פון דער אָפּעראַציע איז ער געקומען צום רמב"ם אין הויז. ער איז געפאָהרען אין זיין קאַרעטע, באַגלייט פון גרויס-וויזיר אַלפאַדעל און זיינע הויכע באַאמטע.

ווען די דאָקטוירים האָבען דערהערט אַז דער גענעראַל איז אויסער געפאַהר, האָט זיי דאָס זעהר ניט געשמעקט. זיי האָבען געטהאָן אַלעס וואָס אין זייער מעגליכקייט צו צושטערען דעם רמב"ם'ס פּלאַן, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. דער יונגערמאַן, וועמען זיי האָבען געשיקט, איז קוים מיט'ן לעבען צוריקגעקומען אַ צעבלוטיגטער, אַ צעביילטער און אַ צעקיילטער.

ווען זיי האָבען דערהערט, אַז דער קאַליף פאָהרט צום רמב"ם'ס הויז צו באַזוכען דעם גענעראַל, זיינען זיי געקומען צום פּאַלאַץ און האָבען פאַרלאַנגט פון קאַליף, ער זאָל זיי ערלויבען צו קומען מיט איהם מבקר חולה זיין, אין רמב"ם'ס הויז.

— איהר זייט געווען געגען דעם אַז דער רמב"ם זאָל דורכפיהרען די אָפּעראַציע, איהר האָט איהם אָנגערופען מערדער! — האָט דער קאַליף זיי געענטפערט — ווי אַזוי קענט איהר יעצט קומען צו זיין הויז?

— מיר זעהען איין אַז מיר האָבען געמאַכט אַ טעות. עס איז ווירקליך אַ וואונדערבאַרע אָפּעראַציע און מיר זיינען זעהר נייגעריג צו זעהן מיט אונזערע אויגען און איהם אויספרעגען ווי אַזוי ער האָט עס געטהאָן.

— דאָס וועט איהר ביי איהם דאַרפען קריגען ערלויבעניש — האָט דער קאַליף געזאָגט. — איך וועל איהם פרעגען, אויב ער האָט ניט דאַגע־גען איהר זאָלט קומען באַזוכען דעם חולה, און אויב ער וועט איינשטימען, וועל איך שיקען איינעם פון מיינע באַאַמטע אייך אָנזאָגען.

סאַלאַדין און אלפאדעל זיינען אריינגעקומען צום רמב"ם אין הויז און ער האָט זיי גלייך אריינגעפיהרט אין דעם צימער וואו דער חולה איז געווען.

דער גענעראַל האָט גלייך דערקענט דעם קאַליף און איהם באַגריסט מיט א שמייכעל.

— וואָס מאַכסטו? — האָט דער קאַליף איהם געפרעגט — ווי פיהלסטו זיך?

— איך פיהל זיך זעהר גוט! — האָט ער מיט א שוואַכער אָבער דייטליכער שטימע געענטפערט — די וועהטאָגען זיינען אין גאַנצען פאַרשוואונדען!..

דער רמב"ם האָט געוויזען דעם קאַליף דעם בלאַט און דעם וואָרים וואָס ער האָט געהאַלטען אין א גלאָז.

— אָט דאָס קליינע ווערימעל האָט עס פאַראורזאַכט דעם גענעראַל אזוי פיעל שרעקליכע שמערצען! — האָט דער רמב"ם אַרויסגענומען דעם בלאַט מיט'ן וואָרים פון גלאָז.

דער קאַליף און דער וויזיר האָבען גוט באַטראַכט דעם ווערימעל. זיי האָבען ביידע זיך געוואונדערט איבער די גרויסקייט פון רמב"ם, ווי אזוי ער האָט געקענט פאָראויס וויסען, אז די אורזאַכען פון דעם גענעראַל'ס גרויסע יסורים איז דאָס ווערימעל, און נאָך מעהר האָבען זיי באַוואונדערט די וואונדערבאַרע אָפּעראַציע וואָס ער האָט דורכגעפיהרט.

— קיינער פון די דאָקטוירים, וועלכע פלעגען זיין אין מיין פּלאַץ איידער דו ביזט אָנגעקומען צו מיר — האָט סאַלאַדין געזאָגט — האָט ניט אָנגעפאַנגען צו באַגרייפען וואָס מיט איהם טהוט זיך.

— זיי האָבען איהם געקאָרמעט מיט פאַרשיעדענע רפואות און איהם איז אַלץ ערגער געוואָרען, זיי זיינען אפילו געקומען צו מיר, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז דו וועסט אויף איהם אָפּערירען און האָבען מיך גע־וואָרענט, אז דו וועסט דעם גענעראַל טויטען!

— יע, דאָס דערמאָנט מיך, אז זיי פאַרלאַנגען דו זאָלסט זיי ערלויבען צו קומען באַטראַכטען דעם וואונדער! — איך האָב זיי פאַרשפּראָכען אז איך וועל מיט דיר ריידען. אָבער אויב דו גלויבסט, אז עס וועט זיין בעסער פאַר דעם חולה, אָדער פיליייכט האָסטו אַנדערע אורזאַכען, וואָס דו ווילסט ניט אז זיי זאָלען קומען צו דיר אין הויז, דאַרפסטו ניט צעגערען עס מיר צו זאָגען.

— עס וועט זיין בעסער פאַר דעם חולה ווען ער וועט יעצט האָבען וואָס ווייניגער באַזוכער — האָט דער רמב"ם געזאָגט — פיליייכט אין אייניגע טעג אַרום, אויב איך וועל זיך איבערצייגען אז זייערע כונות זיינען ריין!

— וואָס מיינסטו? — האָט דער קאַליף געפרעגט.

— איך קען נישט אַרויסקומען און באַשולדיגען ווען עס איז אין

ווען מיר שטערבן, אָבער איינִיגע פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען פון אומבאַקאַנטע מענשען, וועלכען האָבען געזוכט דורך פאַרשיידענע מיטלען אריינצודרינגען אין מיין הויז, וואָס וואָלט זיכער קיין גוטעס ניט געטהאָן דעם גענעראַל. עס איז אַפּילו אָנגעקומען איינער אַן אומבאַקאַנטער און זיך אָנגעגעבען מיט אַ פאַלשען נאָמען, און ווען ניט דער יונגער מאַן, וועמעס נאָמען ער האָט אָנגעגעבען האָט זיך דאַן גראַדע געפונען מיט מיר, וואָלט ער געווים געקראָגען צוטריט אין מיין הויז.

— איך זעה אַז דו ווילסט ניט זאָגען אַז די רופאים האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך דיר צו שטערבן — האָט סאַלאַדין זיך אָפּגערופען — אָבער איך פאַרשפּרעך איר, אַז ווען דו וועסט מיר אָנצייגען אויף וועמען עס איז, אַז ער האָט געוואָלט אריינקומען צו דיר אין הויז מיט בייזע כונות אין זיין האַרצען, וועט באַשטראָפט ווערען מיט די האַרבסטע שטראָף.

— איך האָב עס ערוואַרטעט — האָט דער רמב"ם מיט אַ שמייכעל געענטפערט — און דעריבער האָב איך זיך באַזאָרגט מיט וועכטער. אָבער אָנצייגען אויף וועמען עס איז מיט זיכערהייט קען איך ניט.

* * *

איינִיגע וואָכען זיינען פאַריבער און דער גענעראַל האָט זיך שוין אין גאַנצען ערהוילט פון זיין קראַנקהייט. ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך, די יסורים און וועהטאָגען וואָס ער האָט פאַר דער אָפּעראַציע געהאַט זיינען אין גאַנצען פאַרשוואונדען. ער איז געווען אַזוי דאַנקבאַר דעם רמב"ם, אַז ער האָט ניט אויפגעהערט איהם צו לויבען.

דער קאַליף האָט געמאַכט אַ מאַלצייט לכבוד דעם גענעראַל'ס געזונט ווערען און דער רמב"ם און זיין משפחה זיינען אויך געווען די הויפּט געסט. צווישען די איינגעלאַדענע געסט זיינען אויך געווען צוויי פון סאַלאַדינ'ס געוועזענע הויפּט דאָקטוירים.

דער גענעראַל האָט באַדאַנקט דעם רמב"ם פאַר זיין וואונדערבאַרע אָפּעראַציע און ער האָט פאַרענדיגט:

— ווען ניט דער ווירדיגער דאָקטאָר דער רמב"ם וואָלט איך שוין איצט ניט געווען צווישען די לעבעדיגע. איך וואָלט זיכער נעט געקענט אריבערטראָגען אַזעלכע שרעקליכע יסורים.

דאַן האָט דער קאַליף געלויבט דעם רמב"ם און געזאָגט אַז ער איז גליקליך וואָס אין זיין לאַנד געפינט זיך אַזאַ מאַן וועלכע איז דער שטאָלץ פון דער מענשהייט. — זאָל דער נאָמען פון אללאה און זיין נביא מאַכמעד געבענשט ווערען.

נאָכדעם האָט דער קאַליף געבעטען דעם רמב"ם ער זאָל פאַר אַלעמען ערקלעהרען ווי אַזוי ער האָט דורכגעפיהרט די אָפּעראַציע.

דער רמב"ם האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָפּגערופען:

— איידער איך פאַנג אָן וויל איך פאָרשטעלען פאַר דעם ווירדיגען קאַליף און געסט מיין תלמיד און אַרויסהעלפען יוסף אבן עקנין, וועלכער זיצט נעבען מיר — ווען ניט ער, וואָלט איך פילייכט געמאַכט אַ טעות וואָס וואָלט זיך זעהר שלעכט אָפּגערופען אויף דער אָפּעראַציע.

דער רמב"ם האָט פאַר אַלעמען דערצעהלט וועגען יוסף אבן עקנין ווי

אזוי ער האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ טויב־שטומען און געוואָרען זיין משרת, און דערווייל געשטודירט אַלע זיינע ביכער וואָס ער האָט געשריבען וועגען מעדיצין. ער האָט זיי דערצעהלט וועגען זיין טעות וואָס ער האָט געמאַכט אין דער אויפּרעגונג, ווען ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו באַנוצען זיך מיט אַ צוועגנגעל אַרויסצונעמען דעם וואָרים, און ער, יוסף אבן עקנין האָט איהם דערמאָנט דאָס וואָס ער האָט אַמאָל געשריבען און דורכדעם פאַרמידען אַ מעגליכען אומגליק.

דער קאַליף הט צוגערופען דעם יונגען מאַן יוסף אבן עקנין און האָט געדריקט זיין האַנט, זאָגענדיג:

— איך בין צופרידען צו זעהן אַז אין מיין לאַנד געפינען זיך אַזעלכע געלערענטע לייט. און איך וויל דיר זאָגען אַז מיין פּאַלאַץ איז פאַר דיר אָפען — דו וועסט זיין ווילקאָמען דאָ צו יעדער צייט.

---

נאָך שטאַרקער איז געוואָרען די קנאה און שנאה פון די דאָקטורים צום רמב"ם. נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהן ווי דער קאַליף האָט איהם אַזוי געליבט און דערהויבען. די ערפאָלגרייכע אָפּעראַציע וואָס דער רמב"ם האָט דורכגעפיהרט, האָט זיי אַלעמען דערשלאָגען. זיי האָבען געפיהלט אַז זיי האָבען אין גאַנצען זייער ווירדע פאַרלוירען אין די אויגען פון דעם קאַליף. זיי האָבען יעצט איינגעזעהן אַז דער רמב"ם איז ביי אַלעמען געוואָרען נאָך מעהר באַליבט און געאַכטעט. אַלע זייערע פּלענער וואָס זיי האָבען געפּלאַנעוועט געגען דעם רמב"ם, זיינען דורכגעפאַלען. זייער צאָרן איז גרעסערען געוואָרען אָבער זיי האָבען געוואוסט אַז זיי זיינען הילפלאָז. זיי קענען איהם גאָר ניט טהאָן.

ניט איינמאָל האָבען זיי זיך צווישען זיך באַראַטהען און קיינער האָט ניט געקענט געבען די ריכטיגע עצה ווי אַזוי צו פאַר'מיאוס'ען דעם רמב"ם אין די אויגען פון קאַליף און אָפּשוואַכען זיין איינפלוס איבער איהם.

איינינע מאָל האָבען זיי געשיקט צו דעם רמב"ם געפעהרליכע חולים וועלכע האָבען שוין קיין האָפנונג ניט געהאַט צו בלייבען לעבען. זיי האָבען געוואָלט באַווייזען אַז דורך זיינע הענט שטאַרבען פיעלע חולים, אָבער אַזוי שנעל ווי דער רמב"ם האָט באַטראַכט די חולים, האָט ער זיי ניט געוואָלט באַהאַנדלען. ער האָט געזאָגט די נאָהענטע פון די דאָזיגע חולים אַז עס איז קיין האָפענונג ניטאָ אויסצוהיילען אַזעלכע קראַנקהייטען.

דערווייל איז דעם רמב"ם'ס נאָמען נאָך מעהר באַריהמט געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען עס צוגעזעהן און געביסען זייערע ליפּען פון כעס.

## קאַפּיטעל פערצעהן

דער אַראַבישער דיכטער על ערב, וועלכער איז פאַרבליבען אין פעז, נאָכדעם ווי ער האָט געהייראַט דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער איז געווען שטאַרק ענטוישט. ער האָט זיך נאָך ניט פאַרגעסען אָן שרה'ן, די טאָכטער פון אהרן און די שוועסטער פון אַלמאַעלי'ן, וועמען ער האָט אין זיין יוגענד געליבט, און צוליעב וועמען ער האָט פאַרלאָזען קאָרדאָווא און אויסגעוואַנדערט נאָך פעז.

כאָטש ער איז אויך אין מאראקאָ באַריהמט געוואָרען אַלס גרויסער אַראבישער דיכטער, האָט ער דאָך אין פעץ קיין באַפרידיגונג ניט געפונען. איבערהויפּט נאָך דעם ווי דער רמב"ם און זיין משפחה זיינען געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען. ווען ער האָט גע'פועל'ט ביים גובערנאַטאָר ער זאָל דעם רמב"ם באַפרייען פון געפענגעניס.

די גרויסע געלערנטע אידען מיט וועלכע ער האָט ליעב געהאַט צו פאַרברענגען, זיינען, אָדער געטויטעט געוואָרען דורך דער נייער גזרה, אָדער זיי זיינען אַנטלאָפען געוואָרען. אין פעץ זיינען בלויז פאַרבליבען די איינפאַכע און ניט אינטערעסאַנטע מענשען, מיט וועלכע אל ערב, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַזאַ ברויזענדע נשמה האָט קיין אינטערעס ניט געפונען. אויך זיין פרוי, דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער און איהר משפחה האָבען איהם ניט באַפרידיגט. ער האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך זיינע אַמאָליגע פריינט, און איבערהויפּט נאָך שרה'ן, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט. ער האָט געהאָפּט אַז איהם וועט נאָך ווען עס איז געלינגען זי אויפצוזוכען, אָבער דאָס זיינען געווען בלויז חלומות. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער קען פון פעץ ניט אָפּרייזען און זיך ווידער לאָזען זוכען זיין יוגענד־געליבטע. וואָלט ער אַמווייניגסטענס געווען זיכער אַז אויך זי האָט איהם אַמאָל ליעב געהאַט, וואָלט נאָך אין איהם פיליכט געטליהט אַ האָפענונג, אַז ער וועט זי ווען עס איז באַגעגענען, און זי וועט אויך איהם וואַרטען, אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז שרה האָט איהם ניט ליעב געהאַט, און אַפילו ווען עס וואָלט איהם געלונגען זי אויפצוזוכען וואָלט ער זי געפונען פאַרהייראַט. אַזוי זיינען פאַריבער אייניגע יאָהר און ער איז גע־בליבען מיט זיינע חלומות.

ער איז געווען צופרידען וואָס זיין פרוי האָט איהם ניט געבוירען קיין קינדער, וואָס דאָס זאָל איהם נאָך מעהר צובינדען צו פעץ.

איינמאָל, איז אל ערב'ס פרוי קראַנק געוואָרען, און די רופאים פון פעץ האָבען ניט געוואוסט וואָס איהר קראַנקהייט איז. זיי האָבען געטהאָן אַלעס וואָס איז געווען פאַר זיי מעגליך, אָבער דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער'ס גע־זונט איז געוואָרען שוואַכער פון טאָג צו טאָג.

— איך וואָלט אַוועקגעגעבען מיין גאַנצען פאַרמעגען צו דעם רופא וועלכער וואָלט זיך אונטערגענומען צו ראַטעווען מיין טאָכטער.

— דער איינציגער, וועלכער וואָלט געקענט העלפען דיין טאָכטער — האָט אַן עלטערער רופא זיך אָפּגערופען צום גובערנאַטאָר — איז דער רמב"ם, וועלכער איז דאָ מיט יאָהרען צוריק געווען און זיך נאָך דאַן באַ־ריהמט געמאַכט פאַר אַ גרויסען דאָקטאָר!

— דער רמב"ם — האָט דער גובערנאַטאָר געפרעגט — ווער איז ער דאָס?

— דאָס איז דער יעניגער וועמען דו האָסט מיט יאָהרען צוריק פאַר־משפט צום טויט און איהם פאַרשפּאַרט אין געפענגנים צוליב דעם, וואָס ער היט אָפּ זיין אידישע רעליגיע. און איך און דיין טאָכטער, וועלכע איז דאַן מיין כלה געווען — האָבען מיט פיעל מיה ביי דיר גע'פועלט איהם צו באַפרייען. — דו האָסט אונז ערלויבט איהם צו באַפרייען מיט דעם

באדינג אז ער און זיין משפחה זאָלען גלייך פאַרלאָזען פעז — האָט אל ערב געזאָגט.

— יע, איך דערמאָן זיך — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט, — אָבער ווער פון אייך ווייס וואו דער רמב"ם געפינט זיך יעצט?

— זיין נאָמען איז יעצט שטאַרק באַריהמט אומעטום! — האָט אַ רופא זיך אָפּגערופען. ער געפינט זיך אין סאַלאַדין'ס הויף אין קאַירא.

— ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ נוצען מיר וואָלטען פון איהם געקענט האָבען, וואָלט איך פיליכט אַזוי איהם ניט באַהאַנדעלט.

— אָבער וואָס וועלען איצט העלפען רייד — האָט אַ צווייטער רופא געזאָגט — דער רמב"ם געפינט זיך ווייט און איך ווייס ניט אויב אונז וועט געלינגען איהם צו באַוועגען צו קומען אהער.

— איך וואָלט זיך אונטערנומען איהם צו באַוועגען צו קומען אהער — האָט אל ערב מיט שטאָלץ אויסגערופען — וויל דער רמב"ם האָט מיר צו פאַרדאַנקען זיין לעבען.

— עס וועט נעמען פיעלע וואָכען איידער דער רמב"ם וועט קענען אהער קומען, און די טעג פון דער קראַנקער זיינען געצעהלט — האָט דער רופא מיט יאוש געזאָגט.

אל ערב האָט אָבער באַשטאַנען אויף דעם אז ער וועט אַפּרייזען נאָך קאַירא און ברענגען דעם רמב"ם אהער.

דער גובערנאַטאָר האָט נאָך אַלץ געהאָפּט, און ער האָט געהאָלפען אל ערב'ן זיך צוצוגרייטען צום וועג. אָבער עס איז שוין געוועזן צו שפּעט, ווייל ווען אל ערב איז אַריין אין צימער פון זיין קראַנקער פרוי, איהר אָנצו־זאָגען די בשורה, אַז ער רייזט אָפּ צו ברענגען אַ דאָקטאָר, וועלכער וועט זי אויסהיילען, האָט ער זי געפונען טויט אין בעט.

אל־ערב איז פאַרבליבען אין פעז. ער האָט זיך אָבער גענומען פיהלען דאָרטען איינזאַם, און ווען נאָך אייניגע יאָהר זיינען פאַריבער, האָט ער באַשלאָסען צו מאַכען אַ רייזע נאָך מצרים און זיך דאָרטען טרעפען מיט זיין אמאָליגען פריינד, דעם רמב"ם. ער איז געוועזן גאַנץ רייך און דער גובערנאַטאָר האָט איהם מיטגעגעבען אַ בריף צו סאַלאַדין, און אַזוי האָט אל ערב פאַרלאָזען פעז, און נאָך אַ רייזע פון אייניגע וואָכען איז ער אָנגע־קומען אין מצרים.

ווען ער איז אָנגעקומען אין קאַירא האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגען אויף דעם רמב"ם, און ער האָט אויסגעפונען אַז אין זיין אייגענער שטאָדט איז דער רמב"ם נאָך מעהר געשעצט און געאַכטעט, ווי ער האָט זיך פאָר־געשטעלט. מיט וועמען ער האָט גערעדט האָט מען פון רמב"ם געהאַט זעהר אַ געהויבענע מיינונג. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אז ער וועט גלייך ניט געהן צו איהם, נאָר ער וועט אויסגעפינען ווי אַזוי ער לעבט און וואָס ער טהוט. ער וועט איהם בעאָבאַכטען אַ קורצע ווייל'ע פון דערווייטענס.

אל ערב האָט זיך געשטעלט ניט ווייט פון רמב"ם'ס הויז, און געוואַרט. ער האָט באַמערקט ווי אַ קאַרעטע שטעלט זיך אָפּ און פון דאָרטען איז דער רמב"ם אַרויסגעקומען. ער האָט איהם גלייך דערקענט פון ווייטען, כאָטש ער האָט זיך אַ סך געענדערט דורך די יאָהרען וואָס ער האָט איהם

ניט געזעהן. ער האָט שוין געוואָלט אריינגעהן אין הויז און זיך לאָזען דערקענען, אָבער ער האָט פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע. אל־ערב האָט זיך ארומגעקוקט און ער האָט געזעהן אַ מיטעל־יעהריגען מאַן גאַנץ רייך געקליידעט און פון פיינעם אויסזעהן.

— איך האָב באַמערקט ווי דו שטעהסט און באַטראַכסט יענע הויז — האָט דער מאַן געזאָגט — דו שיינסט צו זיין אַ פרעמדער. און מיר וואונדערט פאַרוואָס דו האָסט זיך דאָ אָפּגעשטעלט קוקען.

— איז דען דאָס ניט דאָס הויז פון דעם באַוואוסטען דאָקטאָר דער רמב"ם?

— יע, דאָס איז זיין הויז! האָסטו עפּעס איהם צו בעטען?

— ניין. איך האָב יעצט גאָרניט פון איהם צו בעטען, אָבער ער איז אַמאָל געווען מיין פריינד!

— דער רמב"ם איז געווען דיין פריינד? — האָט זיך שוין דער מאַן גענומען מעהר פאַראינטערעסירען. — זאָג מיר, ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו?

— מיין נאָמען איז אל־ערב, איך בין געבאָרען געוואָרען אין קאָרדאָווא און יעצט קום איך פון פעץ.

— אל־ערב! ביזטו פיליכט אל־ערב דער באַוואוסטער דיכטער?

— יע, דאָס בין איך דיין קנעכט.

— אויב אַזוי האָב איך פון דיר זעהר פיעל געהערט! מיין נאָמען איז דאָקטאָר אבולאפיא. איך בין אַמאָל געווען איינער פון די דאָקטוירים צו סאַלאַדין.

— איך בין זעהר צופרידען דיך צו קענען! — האָט אל־ערב איהם נעגעבען זיין האַנט.

דער דאָקטאָר האָט וואַרעם געדריקט זיין האַנט.

— ווי לאַנג ביזטו שוין דאָ אין קאַיראָ?

— בלויז אַ פּאָר טעג! איך האָב זיך געוואָלט זעהן מיט מיין אַמאָליגען אַלטען פריינד, דעם רמב"ם, אָבער איך האָב באַשלאָסען איידער איך זיה זיך מיט איהם, וועל איך איהם פריהער באַאָבאַכטען אַ פּאָר טעג און זעהן אויב ער האָט זיך געענדערט.

— גוט האָסטו געטהאָן! — האָט אבולאפיא אַ שמייכעל געטהאָן. — דורך דעם משך פון יאָהרען ענדערט זיך אַלעס, בפרט דעם מענשענ'ס כאַראַקטער.

— אָבער ווי איך האָב אויסגעפונען, האָט זיך מיין אַמאָליגער פריינד ניט געענדערט. אַלע האָבען בלויז ליעב פאַר איהם.

— איך וואָלט ניט זאָגען אַלע. געוועהנליך דער איינפאַכער המון ווייסט ניט גענוי ווי אָפּצושאַצען אַ מענשען לויט זיינע פאַרדינסטען. עס איז גאַנץ לייכט זיי צו מאַכען גלויבען... דאָך מוז איך דיר זאָגען, אַז לויט מיינע בעאָבאַכטונגען, האָט זיך דער רמב"ם ערוואָרבען אויך פיעלע געגנער, איך וואָלט אפילו זאָגען: שונאים!

— שונאים?! דער רמב"ם האָט אויך שונאים!

— נו, עס פאַרשטעהט זיך, מצרים איז ניט ירושלים, עס איז דאָך

אן אראביש לאנד און דער רמב"ם איז דאך ניט קיין אראבער!

— אָבער ווי איך פארשטעה, האָבען אַלע דאָ אין לאנד דאָס רעכט צו דינען יעדער צו זיין גאָט!

— יע, דאָס איז אמת, דער גוטהערציגער סאלאדין צווינגט ניט די בירגער פון זיין לאנד צו ווערען מאכמעדאנער, אָבער פונדעסטוועגען איז צו אונז אראבער נעהענטער צום הארצען אן אייגענער, פון דער זעלבער אמונה.

— דער רמב"ם איז צוליעב דעם אנטלאָפען געוואָרען פון פעז! ווייל ער איז דאָרטען פארערכענט געוואָרען פאר א מאכמעדאנער, און אזוי שנעל ווי דער גובערנאטאָר האָט אויסגעפונען אז ער דינט צום אידישען גאָט, האָט ער איהם געוואָלט טויטען, אָבער איך האָב איהם פון טויט גערעטעט. איך בין דאַן געווען פאר׳קנס׳ט צו דעם גובערנאטאָר׳ס טאָכטער און ער האָט מיין פארלאנג ערפילט. איך האָב מעגליך געמאכט פאר איהם און זיין משפחה צו אנטלויפען.

— הייסט עס אַז ער איז אמאָל געווען א מאכמעדאנער, נאָר ער האָט חרטה געהאט, — האָט דאָקטאָר אבולאפיא זיך אָפּגערופען.

— איך ווייס ניט וואָס ער איז ווירקליך געווען, נאָר איך ווייס אַז מען האָט איהם געכאפּט, אַז ער היט אָפּ אידישקייט, און דערפאר איז ער פאר׳משפּט געוואָרען צום טויט.

— גלויבסטו דען ניט אַז אַ מענש, וועלכער שפּאָט אָפּ פון אונזער הייליגער אמונה, פארדינט דעם טויט?

— ניין, איך גלויב אַז יעדער איינער האָט אַ רעכט צו דינען צו זיין גאָטט! — האָט אל־ערב געענטפערט.

— עס פארשטעהט זיך אַז מיר וועלען ניט צווינגען אימיצען אָנצונעה־מען אונזער רעליגיע, כאָטש אין שפּאניען און אין מאראקאָ עקזיסטירט יע אזא געזעץ. אָבער פונדעסטוועגען וועסטו צוגעבען אַז איינער האָט אָנגע־נומען אונזער גלויבען און נאכהער ווייזט זיך ארויס אַז ער האָט אונז גענארט, אזעלכער פארדינט ווירקליך דעם טויט.

— דאָס איז עפּעס אנדערש! — האָט אל־ערב צוגעשאָקעלט מיט זיין קאָפּ.

— און דעריבער טאקע איז פאראן אויך אַ געזעץ אין אונזער פרייען לאנד מצרים, אַז דער וועלכער האָט אָנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלוי־בען און נאכהער חרטה געהאט און זיך אומגעקעהרט צו זיין פריהערדיגען גלויבען, פארדינט דעם טויט! און איך גלאָיב אַז אזא געזעץ איז בארעכ־טיגט, אפילו אין אונזער פרייען לאנד. קיינער צווינגט קיינעם ניט צו ווערען אַ מאכמעדאנער, אָבער ווען דו ווערסט שוין, דאַן האָסטו קיין רעכט ניט צו פארלאָזען דעם גלויבען, ווייל דאָס קומט אויס אזוי ווי מען שפּאָט אָפּ פון אללאה׳ן און זיין הייליגען מאכמעד.

— דאָך בין איך שטאָלץ, אַז צווישען די מאכמעדאנישע לענדער גע־פינט זיך איין לאנד, וואו מען אונטערדריקט ניט די וועלכע באלאנגען צו אַן אנדער רעליגיע!

— יע, אין אונזער לאנד דולדעט מען אַלע פרעמדע און אומגלויביגע

— האָט דאָקטאָר אבולאפיא געזאָגט — וואָלסטו דאָך געקענט מיינען אַז די פרעמדע שאַצן אָפּ די פריהייט וואָס זיי קריגן, מאַכסטו אַ טעות, זיי באַנוצן זיך דערמיט פאַר זייערע אייגענע צוועקן. זיי זוכן צו פאַרכאַפּן אַלעס וואָס באַלאַנגט צו דעם מאַכמעדאַנער, און אויב דאָס געלינגט זיי ניט, זוכן זיי אַמוועניגסטן צו באַשווינדלען דעם אָרימען מאַכמעדאַנער. זיי ווערן רייך אויף זייער חשבון... אָבער מיר האָבן זיך אַזוי צורעדט און איך האָב מיין פליכט ניט געטהאָן. דו ביזט דאָך אַ פרעמדער און איך וויל האָבע דעם פאַרגעניגען און כבוד דיר איינצולאַדען אין מיין הויז אַלס מיין גאַסט.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר, פאַר דיין גענאַדע, אָבער איך וואָלט וועלען יעצט אריינגעהן צום רמב"ם אין הויז. איך וויל אָפּפרישען אונזער אַמאָליגע פריינדשאַפט.

— דו האָסט נאָך גענוג צייט. קום איך בעט דיר, קום מיט מיר, נאָכדעם ווי אַללאַה האָט מיך געמאַכט ווירדיג איך זאָל זיך באַגעגענען מיט דעם באַוואוסטען אראַבישען דיכטער, קום צו מיר אין הויז. איך וועל דיר פאַרשטעלען פאַר אַלע מיינע גוטע פריינד און אויך זיי וועלען עס פאַר אַ כבוד פאַררעכנען מיט דיר צו פאַרברייננגען.

— איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, אָבער מיין האַרץ ציהט מיר אריינצוגעהן צום רמב"ם אין הויז. אויסער דעם וואָס איך בין מיט איהם באַפריינדעט געוואָרען אין פעז, האָב איך איהם געקענט נאָך ווען איך בין אַ קליין אינגעל. ווען ער האָט מיט זיינע עלטערען געוואָהנט אין קאָרדאָוואָ. די יוגענד עראינערונג האָט יעצט מיין האַרץ פאַרכאַפּט און איך וואָלט זעהר גערן יעצט גערעדט מיט אימיצען, וועלכער האָט די מעגליכקייט אָפּצופרישען מיין זכרון און זיך דערמאָהנען אָן די גליקליכע פאַרשוואונדענע יאָהרען וואָס וועלען זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען צו אונז.

— איך וויל דיך ניט אָפּריידען פון צו באַזוכען דיין געוועזענעם פריינד. אָבער דו אַליין, אַלס מאַכמעדאַנער, גלויבסטו ניט אַז אַ מאַכמעדאַנער זאָל פריהער האָבען דעם כבוד דיך צו האָבען ביי זיך אין הויז.

אַל-ערב האָט אַ שמייכעל געטהאָן און זיך פאַרנייגט.

— איך דאַנק דיר פאַר דיין גאַסטפריינדליכקייט. איך בין זעהר גערירט פון דיינע געפיהלען. איך וועל מיט דיר מיטגעהן.

דער דאָקטאָר אבולאפיא האָט אָוועקגעפיהרט אל-ערב'ן צו זיך אין הויז און גלייך געשיקט רופען זיינע פריינד, די אַנדערע דאָקטוירים.

זיי זיינען געקומען און ער האָט אל-ערב'ן פאָרגעשטעלט פאַר זיי דערצעהלענדיג זיי אַלע איינצעלהייטען.

אַ רייכע מאָלצייט האָט מען צוגעגרייט און זיי האָבען אַלע געגעסען און גוט פאַרבראַכט ביז אין אָוונד.

— דו ביזט געוויס מיעד! — האָט אבולאפיא זיך צו איהם אָפּגערופען — איך האָב געהייסען צוגרייטען פאַר דיר אַ צימער, וואו דו וועסט זיך קענען אויסרוהען און מאָרגען אין דער פריה וועסטו באַזוכען דעם רמב"ם, דיין פריינד.

אַל-ערב איז ווירקליך געווען מיעד און ער האָט אָנגענומען זיין פאַר-

שלאָג. ער האָט זיך געזעגנט מיט די דאָקטוירים און ער איז אריין אין דעם צימער, וואו מען האָט איהם אָנגעוויזען און זיך געלעגט שלאָפען.

— איהר ווייסט ניט וואָס פאַר אַן אוצר אללאה האָט אונז צוגעשיקט מיט דעם אַראַבישען דיכטער! — האָט אבולאפיא זיך אָפּגערופען צו זיינע פריינד. איך האָב פון איהם אַרויסגעקראָגען פיעלע זאכען וואָס מיר וועלען שפּעטער קענען באַנוצען אַלס וואפען געגען אונזער גרעסטען שונא, דעם רמב"ם. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער רמב"ם האָט זיך אָנגעגעבען אַלס מאַכמעדאַנער און איז נאָכהער אין פעץ אַרעסטירט גע־וואָרען אַלס איד. ווען אונז וועט געלינגען איהם צו פאַרוואַנדלען פון דעם רמב"ם'ס פריינד, צו זיין שונא, דאַן וואָלטען מיר איהם געקענט אויסנוצען אַלס שטאַרקען עדות געגען רמב"ם, ווייל לויט אונזער געזעץ האָט ער פאַר־דינט דעם טויט מיט דעם וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ מאַכמעדאַנער און צוריק געוואָרען אַ איד. דאָס איז די אורזאַכע וואָס איך האָב איהם געבראַכט צו מיר. געוועהנליך, דאַרפען מיר האַנדלען זעהר פאָרזיכטיג. מיר טאָרען ניט אַרויסווייזען קיין אָפענע שנאה צום רמב"ם ער זאָל זיך ניט אָנשטוי־סען אַז מיר האָבען אַ כונה אין דעם וואָס מיר באַפריינדען איהם אַזוי שטאַרק, אָבער מיר האָבען דאָך אַ רעכט צו ריידען שלעכטעס אויף יעדען, און ביסלעכווייז וועלען מיר קענען קומען צום רמב"ם.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען אל־ערב איז אויפגעשטאַנען אַן אויס־געררוהטער און האָט זיך געזעצט צום טיש עסען פריהשטיק מיט דעם דאָק־טאָר אבולאפיא, האָבען זיי נאָך דעם געוועהנליכען געשפּרעך, ווי אַזוי ער איז געשלאָפען די נאַכט און צי ער איז אויסגערוהט, ווידער גענומען ריידען וועגען דער לאַגע פון לאַנד.

— אללאה האָט אונז געבענשט מיט זעהר אַ קלוגען און גוטהאַרציגען קאַליף, און אויך דער גרויס וויזיר איז ווירדיג און ביי אונז באַליבט — פרידענהייט פון אונזער פאָלק, און דאָס איז וואָס פיעלע אידען האָבען אַ האָט אבולאפיא זיך אָפּגערופען — אָבער איין זאַך רופט אַרויס די אומצו־צו שטאַרקע דעה אין דער רעגירונג. דער סעקרעטאַר צו דעם גרויס וויזיר אלפאדעל איז אַ איד, און ווי דו ווייסט איז דער רמב"ם דעם קאַליפ'ס לייב דאָקטאָר.

— ווער איז דער סעקרעטאַר צו דעם גרויס וויזיר? — האָט אל־ערב געפרעגט.

— אַ איד מיט'ן נאָמען אלמאעלי — האָט ער געענטפערט.

— אלמאעלי! — האָט אל־ערב מיט פרייד אויסגערופען — אויב עס זאָל זיין דער זעלבער אלמאעלי, איז ער אויך איינער פון מיינע יוגענד פריינד. אָה, ווי גערען איך בין איהם צו זעהן! איך וואָלט זיך מיט איהם וועלען זעהן נאָך איידער איך זעה זיך מיט'ן רמב"ם. פאַרשטעהסטו מיך, איך האָב... איך מיין מיר זיינען געווען זעהר גוטע פריינד.

דער דאָקטאָר איז געווען עטוואָס ענטוישט, ווען ער האָט באַמערקט די באַגייסטערונג פון אל־ערב'ן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגען זיי יוגענד פריינד, ער איז אָבער געווען צופרידען, וואָס ער האָט ניט אַרויס־געוויזען אַן עהנליכע באַגייסטערונג ווען ער האָט גערעדט וועגען רמב"ם.

— דעם אמת זאָגענדיג ווייס איך זעהר ווינציג וועגען דעם וויזיר'ס סעקרעטאר אלמאעלי, איך ווייס בלויז אז ער איז א איד. איך האָב איהם געזעהן בלויז א פּאָר מאָל, ווען ער איז געקומען מיט דעם וויזיר אויף א באזוך אין פּאלאץ פון קאליף, און דאן האָב איך איהם בלויז געזעהן פון וויטען. — דעריבער קען איך דיר קיינע איינצעלהייטען וועגען איהם ניט געבען.

— איך מוז זיך מיט איהם זעהן! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען — איך וועל זיך מיט איהם זעהן, נאָך איידער איך וועל באזוכען דעם רמב"ם.

— געוויס האָט אלמאעלי געמוזט זיין איינער פון דיינע בעסטע יוגענד־פריינד — האָט אבולאפיא געשמייכעלט.

— יע, זעהר שטארק באפריינדעט — איבערהויפּט מיט זיין שוועס־טער. זי איז געווען א זעלטענע שעהנהייט. און איך בין זיך מודה, אז צוליעב איהר האָב איך אויסגעוואנדערט פון מיין געבורטס־שטאָדט קארדאָוואָ.

— איך האָב זי ארומגעזוכט אומעטום און ענדליך האָט אללאה מיך געבראכט אהער.

— ווארט! ווארט! אלמאעלי'ס שוועסטער זאָגסטו? — האָט אבולא־פיא אויסגערופען.

— וואָס? פיליכט קענסטו זי אויך? — זאָג מיר, ווי קוקט זי אויס?

— איז פרידען צו איהר און איז זי נאָך ניט פארהייראט?

אבולאפיא האָט געוואוסט אז אלמאעלי'ס שוועסטער איז פארהייראט צום רמב"ם און א געדאנק האָטפלוצלונג א בליץ געטהאָן אין זיין מוח, אז דורך דעם וועט ער האָבען א געלעגענהייט אויפצוהעצען אל ערבן'ן געגען דעם רמב"ם. ער וועט אָבער דארפען האנדלען זעהר פאָרזיכטיג. עס וועט זיין בעסער אז ער וועט אליין אויסגעפינען, אז אלמאעלי'ס שוועסטער איז פארהייראט צום רמב"ם. דאָס וועט אריינבריינגען אין איהם א שנאה צו איהם און דאן וועט איהם שוין מעהר ניט שווער זיין איהם צו שעדיגען.

— איך בעט דיך, פאר וואָס זאָגסטו מיר ניט וועגען שרה'ן, יע, שרה, איז איהר נאָמען — איז אל ערב אומגעדולדיג געוואָרען.

— איך האָב זי געזעהן בלויז איין מאָל, און איך מוז צוגעבען, אז זי איז דאן געווען אויסערגעוועהנליך שעהן. — יעדער איינער, וועלכער האָט זי געזעהן האָט ניט אויפגעהערט צו לויבען איהר שעהנקייט. — און ווי עס ווייזט אויס, ביזטו ניט אומזיסט א דיכטער, דו ווייסט ווי אָפּצושאצען שעהנקייט... — אָבער צו מיין באדויערען, קען איך דיר מעהר קיין איינ־צעלהייטען ניט געבען. מעגליך אז ווען איך וואָלט געווען אינגער, וואָלט איך זיך פאראינטערעסירט אין איהר און זיך נעהנטער באפריינדעט מיט איהר ברודער, — אָבער ווי דו זעהסט, בין איך שוין אריבער די יאָהרען פון ליבע און ראָמאנסען, און דעריבער ווייס איך זעהר ווייניג וועגען איהר.

— איך מוז גלייך געהן אהין, וויל דאָס איז ווירקליך געווען דער הויפּט ציעל פון מיין רייזע — האָט אל־ערב געזאָגט.

— איך בעט דיך, מיין פריינד, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר אָנגעטהאָן אזא כבוד און געקומען אין מיין הויז אלס מיין גאסט, וויל איך דיר בעטען, אז דו זאָלסט בלייבען מיין שטענדיגער גאסט, ביז וואנען אללאה וועט דיר

העלפען און דו וועסט געפינען די, נאָך וועמען דיין האַרץ לעכצט און וועסט האָבען אויפגעבויט דיין אייגענע היים. — ביז יענע צייט וועט קומען, זיינען די טיהרען פון מיין הויז ברייט אָפען פאַר דיר. — און איך וועל דיך ערוואַרטען היינט אין אָוונט — מיר אַלע וועלען אויף דיר וואַרטען מיט'ן אָבענד־ברויט און איך האָף אַז דו וועסט מיר ניט ענטזאַגען.

— איך האָב ניט פאַרדינט די גרויסע גנאדע, וואָס דו צייגסט מיר אַרויס, דאָקטאָר אבולאַפיא — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען— עס איז ווירקליך פאַר מיר אַ כבוד און אַ פאַרגעניגען צו וויסען, אַז איך האָב געוואונען דיין פריינדשאַפט.

— ניט נאָר מיין פריינדשאַפט, נאָר די פריינדשאַפט פון אַלע מיינע פריינד — און זיי האָבען אויך מיר פאַרשפּראָכען צו קומען צו מיין אָוונד ברויט, כדי צו האָבען דעם פאַרגעניגען מיט דיר צו פאַרברייננגען. — איך האָף, אַז דו וועסט אונז ניט ענטטוישען און קומען צו מיר.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין גוטער פריינד, און איך גיב דיר מיין פאַרשפּרעכען, — האָט אל ערב געזאָגט און זיך געזעגענט מיט איהם און איז אַרויס פון זיין הויז.

מיט שנעלע טריט האָט ער זיך דערנעהנטערט צום וויזיר'ס פּאַלאַץ.

דאָרטען האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף דער וואָהנונג פון דעם וויזיר'ס סעקרעטאַר. מען האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ הויז וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אַלפאַדעל'ס פּאַלאַץ.

מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ איז אל ערב צוגעגאַנגען צום הויז. באַלד וועט ער זעהן די שעהנע שרה, וועמען ער האָט ליעב געהאַט זינט ער געדענקט.

אַלע זכרונות האָבען גענומען פאַרביישווועבען פאַר איהם. אָט דערמאָנט ער זיך, ווען ער פלעגט אָפּשטעהן שטונדענוויז אויף דער גאַס, וואו שרה'ס הויז איז געשטאַנען, מיט דער ערוואַרטונג אַז זי וועט פון דאָרט אַרויסקומען. ער געדענקט נאָך זיין קינדישע שטיפעריייען, ווען ער האָט איינמאָל באַגעגענט דעם אינגעל משה, דעם זוהן פון רבי מימון און געמאַכט אַ פאַרזוך פון איהם אַוועקצורויבען דעם ספר. ער געדענקט ווי שרה איז אָנגעקומען און זי האָט זיי באַמערקט ראַנגלענדיג זיך, האָט זי איהם פאַר־געוואָרפען. ווי שעהן איהר שטימע האָט אין זיינע אויערען געקלונגען. אויך די טרויעריגע זכרונות, האָבען פאַר איהם גענומען אויפלעבען. ער געדענקט ווען זיין פאָטער האָט געמאַכט אַ מאַלצייט, ווען ער האָט געזאָלט באַקאַנט מאַכען זיין פאַר'קנס'ונג צו שרה'ן, אָבער זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גאַנץ אָפען ערקלערט, אַז זי גלויבט בלויז אין דעם גאָט פון ישראל. דאַן האָט מען זי אַרעסטירט און דער הערשער אַלמומען האָט זיך גאָר אין איהר פאַרליבט. ער האָט שוין געמיינט, אַז זי איז צו איהם אין גאַנצען פאַרלוירען, אָבער עס האָט זיך איינגעגעבען איהר ברודער מיט איהר צו אַנטלויפען...

אל ערב האָט אויך גענומען טראַכטען פון דעם, וואָס לויט ער געדענקט, האָט אהרן, זייער פאָטער פאַר דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, און דאָס וואָס זיי ביידע, שרה און אַלמאַעלי האָבען נאָכהער זיך צוריקגעקעהרט צום אידענטום, קען פיליכט ברייינגען אויף זיי אַ צרה דאָ איז לאַנד.

באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיי ביידע זיינען נאָך דאַן

געווען זעהר יונג, און לויט דעם געזעץ קענען בלויז אזעלכע באשטראפט ווערען, וועלכע האבען אוועקגעווארפען דעם מאכמעדאנישען גלויבען און זיך צוריקגעקעהרט צו זייער אייגענעם גלויבען, ווען זיי זיינען געווען איבער צוואנציג יאהר, מינדער־יעהריגע קענען ניט געהאלטען ווערען פאראנט־ווארטליך פאר זייערע טהאטען.

אל ערב האט אנגעקלאפט אין טיהר פון אלמאעלי'ס הויז און די דיענסט האט איהם אויפגעעפענט.

— געפינט זיך דיין האר אין הויז? — האט ער געפרעגט די דינסט.

— יע, ער איז אין דער היים — האט זי געענטפערט.

— זאג איהם, אז אל ערב, זיין אמאליגער פריינד, וויל איהם זעהן.

די דינסט איז אריינגעקומען אין דעם עס־צימער, וואו אלמאעלי און שפרה, זיין פרוי, האבען געגעסען מיטאג.

— א מאן, וועלכער האט מיר געזאגט, אז זיין נאמען איז אל ערב וויל זעהן מיין האר!

— אל ערב! — האבען ביידע מיט אמאל אויסגערופען.

— יע, ער זאגט, אז ער איז אמאל געווען א פריינד פון מיין האר!

— וואס זאלען מיר איהם זאגען וועגען שרה'ן? — האט שפרה אין דער שטיל געזאגט צו איהר מאן.

דערוויל דארפען מיר זעהן ניט צו דערמאנען, אז זי איז פארהייראט צום רמב"ם. פריהער וועלען מיר אויסגעפינען וועגען איהם.

— הייסט איהם אריינקומען — האט אלמאעלי זיך אפגערופען צו דער דינסט.

די דינסט איז ארויס און באלד איז אל ערב אריינגעקומען.

— מיין פריינד! איז איהם אלמאעלי אנטקעגען געקומען.

— איך בין גליקליך דיך צו זעהן — האט אל ערב איהם געדריקט די האנט. — זאג מיר, ווי פיהלסטו זיך און דיין שוועסטער?

— פרידען איז אויך צו איהר — האט אלמאעלי געענטפערט — און אט איז מיין פרוי, שפרה!

אל ערב האט אויף איהר א קוק געטהאן און אויסגערופען! — אה, דאס ביזטו די שוועסטער פון רמב"ם.

שפרה האט שמייכלענדיג צוגעשאקעלט מיט איהר קאפ.

— און וואס מאכט דיין ברודער? איך האב אזוי פיעל געהערט פון איהם און איך האב אפגערייזט פון פעץ זיך צו זעהן מיט איהם.

— און וואס מאכסטו און דיין פרוי? — האט שפרה איהם געפרעגט.

— אללאה האט מיך געשטראפט — האט ער מיט א נידעריגע שטימע געזאגט — כאטש די שטראף איז געמיינט געווארען פאר דעם גובערנאטאר פון פעץ.

— יע, זיין טאכטער ,וועלכע איז געווען מיין פרוי איז געפעהרליך קראנק געווארען, און די רופאים האבען איהר ניט געקענט העלפען, האבען אלע צוגעגעבען, אז דער רמב"ם איז דער איינציגער, וועלכער וואלט איהר געקענט אויסהיילען פון איהר קראנקהייט.

— איך האב באשלאסען צו מאכען די ווייטע רייזע און זיך צוריק־

קעהרען מיט דעם רמב"ם, אָבער אין דעם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב געזאָלט אָפּרייזען, איז זי געשטאָרבען. ערשט דאָן האָט דער גובערנאַטאָר איינגעזעהן וואָס פאַר אַ פאַרלוסט ער האָט געהאַט מיט דעם ווס ער האָט געצוואונגען דעם רמב"ם צו פאַרלאָזען פעז.

— עס טהוט מיר זעהר לייד צו הערען אַזעלכע טרויעריגע נייעס! — האָט שפרה זיך אָפּגערופען. — מיין ברודער האָט מיר דערצעהלט אַז דו און די טאָכטער פון גובערנאַטאָר האָבען זיין לעבען גערעטעט.

אַל ערב איז געווען זעהר נייגעריג אויסצוגעפינען וועגען שרה'ן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט און ניט געפרעגט וועגען איהר, ער האָט ניט געוואָלט אַז זיי זאָלען פאַרשטעהן וואָס ער איז אויסען...

— דערצעהל מיר, אלמאַעלי, וואָס מיט דיר און דיין שוועסטער האָט דאָן פּאַסירט זינט איהר זייט אַנטלאָפען פון קאָרדאָווא.

— מיר האָבען זעהר וויעל דורכגעמאַכט! — האָט אלמאַעלי געענט־פערט. — מיר האָבען אויפ'ן וועג באַגעגענט אַ שווינדלער פון באַגדאַד, און ער האָט אונז באַרויבט און דערנאָך אונז געוואָלט פאַר זיינע שקלאַפען מאַכען.

שפרה האָט איהם איינגעלאַדען צום טיש און ווען ער האָט זיך צוגע־זעצט, האָט זי דערלאַנגט פאַרשידענע פרוכטען און זיסע זאַכען.

אַל ערב האָט זיי דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט און דאָן האָט אַלמאַעלי איהם דערצעהלט די איינצעלהייטען וואָס ער און שרה האָבען דורכגעמאַכט, זינט זיי זיינען אַנטלאָפען פון קאָרדאַווא.

— איך שעץ זיך זעהר גליקליך וואָס מיר איז געלונגען אויסצוגע־פינען מיינע אַלטע פריינד — האָט אַל ערב זיך אָפּגערופען. איך וועל פון דאַנען גלייך געהר צום רמב"ם. איך האָף אַז ער וועט מיך דערקענען!

— דערקענען! — האָט שפרה מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען — מיר האָבען די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ריידען פון זיי עס וועט זיין פאַר מיין ברודער אַ זעהר איינגענעהמע איבעראַשונג דיך צו זעהן אין זיין הויז!

ווען אַל ערב איז אַרוים פון זייער הויז, האָט אלמאַעלי זיך אָפּגערופען צו שפרה'ן:

— מיר האָבען איהם באַדאַרפט זאָגען, אַז שרה איז דעם רמב"ם'ס פרוי. עס וועט אויסקומען אַז מיר האָבען איהם גענאַרט!

— ווען ער וואָלט געפרעגט אויב שרה איז פאַרהייראַט, וואָלט געווען אונזער פליכט איהם צו זאָגען, אָבער ער האָט בלויז געפרעגט וואָס זי מאַכט און די גאַנצע צייט אויסגעמיטען צו ריידען וועגען איהר, ביזטו דאָך ניט מחוייב איהם צו זאָגען. ער וועט אַליין אויסגעפינען, ווען ער וועט קומען באַזוכען מיין ברודער'ס הויז.

— דאָס וואָס ער האָט פון איהר קיין סך מיט אונז ניט גערעדט, דוכט זיך מיר, איז עס צוליעב דעם וואָס ער טראַכט נאָך פון איהר און האָפט נאָך אַז זי איז ניט פאַרהייראַט.

— וועט ער בלייבען ביי זיין טראַכטען! — האָט שפרה געזאָגט. — ווען ער פלעגט קומען אונז באַזוכען אין פעז, פלעגט ער ניט אויפהערען

צו ריידען פון שרה'ן. ער האָט אונז געזאָגט, אַז די איינציגע אורזאַכע וואָס ער האָט פאַרלאָזען קאָרדאָווו און אויסגעוואַנדערט נאָך פעז, איז שרה, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דו און דיין שוועסטער האָבען אָפּגערייזט נאָך פעז. פונדעסטוועגען האָט ניט לאַנג טטגענומען און ער האָט געהייראַטה דאָרטען, מיט דעם גוּבערנאַטאָר'ס טאָכטער...

— ער איז דאָך אַ געלעהרנטער און קלוגער מאַן! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט — און ער ווייסט אַז שרה האָט איינגעשטעלט איהר לעבען אין סכנה און ערקלעהרט, אַז זי וועט שטענדיג בלייבען אַ אידישע טאָכטער. האָט ער באַדאַרפט אויך וויסען, אַז זי וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען מיט אַ מאַכמעדאַנער, פונדעסטוועגען איז ער זי געפאָהרען אויפזוכען.

— ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, פיליכט וועט זי איינוויליגען מיט איהם צו הייראַטען. און עס איז גאַנץ מעגליך אַז די האָפנונג איז נאָך מיט איהם פאַרבליבען און צוליעב דעם האָט ער געמאַכט די רייזע אַהער פון פעז, נאָכדעם ווי זיין פרוי איז געשטאָרבען, — האָט שפרה געזאָגט — אָבער באַלד וועט ער אויסגעפינען, און ער וועט זיך אַרומזעהן, אַז ער וועט דאַרפען זוכען אַ פרוי, פאַר זיך, צווישען די מאַכמעדאַנער.

אַ צופרידענער האָט אַל ערב פאַרלאָזען אַלמאַעליי'ס הויז. ער האָט זיי פאַרשפּראָכען, אַז גאָר אין גיכען וועט ער זיי אָפּשטאַטען אַ צווייטען באַזוך. ער איז געווען זיכער אַז שרה האַלט זיך אויף אין איהר ברודער'ס הויז. עס האָט פאַר איהם ניט געפּאַסט צו ריידען וועגען איהר אין זיין ערשטען באַזוך, אָבער דעם צווייטען מאָל, וועט ער זי דאָרטען טרעפען און ער וועט פאַר איהר אויסגיסען זיין האַרץ. זי וועט איהם פאַרשטעהן. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז זי איז נאָך ניט פאַרהייראַט. אויב יע, וואָלט דאָך איהר ברודער איהם געזאָגט. יע, ער וועט זיך יעצט זעהן מיט'ן רמב"ם, און פאַר דער טובה וואָס ער האָט מיט איהם געטהאָן ווען ער האָט זיין לעבען געראַטעט, וועט ער פון איהם פאַרלאַנגען ער זאָל איהם העלפען קריגען שרה'ן פאַר זיין פרוי, כדי צו פאַרווירקליכען זיין טרוים וואָס ער האָט געהאַט פון זיין פריהסטער יוגענד.

ער איז צוגעקומען צום רמב"ם'ס הויז און אָנגעקלאַפּט אין טיהר. רות איז אַרויס און פאַר איהם די טיהר געעפענט.

—געפינט זיך דער רמב"ם אין הויז? — האָט אַל ערב זי געפרעגט.

— ער וועט באַלד אָנקומען! — האָט זי געענטפערט — אויב מיין האַר וויל, וועט ער קענען צואוואַרטען אין וואַרטונג'ס צימער, און דערווייל קען איהם באַטראַכטען דעם רמב"ם'ס געהילף!

— איך בין ניט קיין חולה. איך בין דעם רמב"ם'ס אַן אַלטער פריינד פון פעז און איך בין ניט לאַנג געקומען אַהער קיין קאַירא.

— איך בין זיכער אַז דער רמב"ם וועט זיין זעהר צופרידען מיט דיר זיך צו זעהן! — האָט רות זיך אָפּגערופען — און איהם אָנגעוויזען אויף דעם וואַרטונג'ס צימער. ער איז אַהין אַריינגעקומען און האָט שוין דאָרטען געטראָפען איינציגע פּאַציענטען, וועלכע זיינען געקומען זיך קורירען ביים רמב"ם.

באַלד איז פון אַן אינעווייניגסטען צימער אַרויסגעקומען יוסף אבן עקנין

און דערזעהענדיג דעם נייעם פרעמדען, האָט ער איהם באַגריסט.

— מיט וואָס קען איך דיר דיענען, מיין האר? — האָט ער זיך צו איהם געווענדעט.

— איך בין געקומען זיך זעהן מיט דעם רמב"ם.

— קענסטו מיר פיליכט זאָגען וואָס זיינען די סימנים פון דיין קראַנקהייט? — האָט יוסף איהם געפרעגט.

— מיין קראַנקהייט? — האָט אל ערב מיט א שמייכעל געזאָגט — מיין קראַנקהייט באשטעהט פון בענקשאַפט נאָך אַלטע פריינד, פון וועלכע דער רמב"ם איז איינער פון זיי!

— אָה, איך פאַרשטעה! האָט יוסף געזאָגט — דו ביזט א פריינד פונ'ם רמב"ם.

— יע, א גאַנץ אַלטער פריינד, מיין נאָמען איז אל ערב!

— אל ערב! — האָט יוסף אויסגערופען און איהם געדריקט די האנט. יעצט ווייס איך שוין ווער דו ביזט! דער רמב"ם דערמאָהנט דיין נאָמען גאַנץ אָפט!

— איך בין זעהר צופרידען צו הערען אז איך בין נאָך ניט פאַרגעסען געוואָרען.

— ווי אזוי קען מען פאַרגעסען אזא פריינד ווי דו! — האָט יוסף געזאָגט — איך ווייס וואָס דו האָסט פאַר איהם געטהאָן זייענדיג אין פעז.

— איך האָב בלויז מיין פליכט געטהאָן צו א פריינד! — האָט אל ערב געענטפערט.

— קום אריין אין דעם אינווייניגסטען צימער! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען. — איך ערוואַרט דעם רמב"ם יעדע רגע. אָה, וואָס פאַר אן אנגענעהמע איבעראַשונג עס וועט זיין פאַר איהם.

אל ערב איז אריין מיט יוסף'ן אין דעם רמב"ם'ס צימער. דאָרטען האָט יוסף איהם געצייגט די פאַרשידענע אינסטרומענטען און אנדערע זאַכען.

— אָט וועל איך דיר צייגען זעהר אן אינטערעסאַנטע זאַך! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען און איהם באַוויזען א גלעזערנעם סלוי.

— קוק זיך גוט אריין אינווענינ, דו זעהסט דאָרט א קליינעם ווערימעל וואָס ליגט אויף א בלאַט פון א בוים. דעם דאָזיגען ווערימעל האָט דער רמב"ם אַרויסגענומען פון דעם מאַרך פון דעם קאַליפ'ס גענעראל, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעפיהרט אן אָפּעראַציע אויף זיין קאָפּ.

— אָה, יע, איך האָב דערפון געהערט! — האָט אל ערב אויסגערופען. עס איז ווירקליך געווען איינע פון די וואונדערליכסטע אָפּעראַציעס, וואָס עס איז ווען עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון א דאָקטאָר.

באַלד איז אָנגעקומען דער רמב"ם און ווי נאָר ער הט איהם דערזעהן, האָט ער איהם באַלד דערקענט.

— מיין טייערער פריינד! — האָט ער איהם ארומגענומען — איך בין גליקליך דיך צו זעהן. — זאָג מיר, וואָס מאַכסטו און ווי קומסטו אהער?

— פרידען איז צו מיר. איך האָב זעהר פיעל געהערט פון דיר פון דערוויטענס און איך האָב שטענדיג געשטרעבט צו קומען זיך מיט דיר צו זעהן, און יעצט איז מיין טרוים פאַרווירקליכט געוואָרען. איך האָב זיך

שוין געזעהן מיט אַלמעאַלעי'ן און זיין שוועסטער. איך קום נאָר וואָס פון זיי.
— און זיי האָבען דיר שוין געוויס אַלעם דערצעהלט? — האָט דער רמב"ם געזאָגט!
— יע, איך האָב מיט זיי אַ היבשע צייט פארבראַכט. איך האָב אַלעם געהערט. איהר האָט זעהר פיעל דורכגעמאַכט, און עס פרעהט מיר זעהר צו זעהן, אַז איהר האָט אַלע באַקומען טאָפעל באַלוינט, פאַר די שוועריג־קייטען וואָס איהר האָט דורכגעמאַכט.
— נו, און מיין פרוי האָסטו שוין געזעהן? — האָט זיך דער רמב"ם צו איהם געווענדעט.
— יע, איך האָב זי געזעהן! גאָט האָט דיר געבענטשט מיט זעהר אַ שעהנע פרוי.
— געלויבט איז דער פאָטער אין הימעל! — האָט דער רמב"ם זיך אָפגערופען. — האָסטו זי דערקענט?
— דערקענט וועמען?
— מיין פרוי!
— דיין פרוי? ניין, איך גלויב ניט אַז איך האָב זי ווען עס איז געזעהן!
— און איך בין געוועזען זיכער, אַז דו האָסט זי גלייך דערקענט! — האָט דער רמב"ם געזאָגט.
— ווי אַזוי קומט עס אַז איך זאָל זי קענען? קומט זי דען פון פעץ?
— יעצט, אַז דו האָסט זי ניט דערקענט, וועל איך דיר ניט זאָגען ווער זי איז און ווי מען רופט זי, ביז וואַנען דו וועסט זי אַליין ניט דערקענען!
— פיליכט האָב איך זיך ניט גוט צוגעקוקט צו איהר! איך בין געוועזען אַזוי אויפגערעגט פון דעם געדאַנק, אַז אָט באַלד וועל איך זעהן מיין אמאָ־ליגען פריינד, אַז מיינע געדאַנקען האָבען ניט אויפגענומען דאָס, וואָס מיינע אויגען האָבען געזעהן!
— אָבער מיר וואונדערט זיך אויף איהר, וואָס זי האָט דיך אויך ניט דערקענט! — האָט דער רמב"ם געזאָגט. — מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט זיך זעהר ווינציג געענדערט דורך די פיעלע יאָהרען! און יעצט וויל איך, פאַר דיר פאָרשטעלען מיין פריינד און תלמיד יוסף אבן עקנין!
— יע, איך האָב שוין געהאַט די עהרע זיך מיט איהם צו באַקענען. ער האָט ארויסגעוויזען פיעל פריינדשאַפט צו מיר און האָט מיר באַוויזען פיעלע זאכען וואָס עס געפינט זיך אין דיין צימער.
יוסף אבן עקנין איז אַליין אַ געבאָרענער אין פעץ! — האָט דער רמב"ם געזאָגט.
— אין פעץ? פיליכט קען איך זיין משפחה! — האָט אל ערב געזאָגט.
— ניין, איך גלויב ניט אויב דו קענסט זיי. זיין פאָטער און ער האָבען פאַרלאָזען פעץ נאָך לאַנג, איידער איך און דו זיינען אהין אָנגעקומען. און יעצט, מיין פריינד, אויב דו וועסט מיר ענטשולדיגען פאַר אַ קליינע ווײַלע, וועל איך באַטראַכטען די פאַציענטען און פאַרשרייבען זיי רפואות. עס וועט מיר לאַנג ניט נעהמען. דערווייל וועסטו פאַרברייגגען דאָ אין צימער מיט יוסף אבן עקנין, — און אַזוי שנעל ווי איך וועל פאַרטיג ווערען, וועלען

מיר אריינקומען אין גאַסט־צימער, און זעהן, אויב איהר וועט זיך קענען דערקענען!

דער רמב"ם איז אַרויס צו זיינע חולאים, און אל ערב האָט גענומען טראַכטען פון דעם וואָס דער רמב"ם האָט איהם געזאָגט וועגען זיין פרוי. ער האָט זיין פרוי גוט באַטראַכט, ווייל זי איז אַן אויסערגעוועהנליכע שעהנהייט, און די קורצע ווייל וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט, האָט ער זי דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען, אָבער איהר פּנים איז איהם אומבעקאַנט. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן און אויך איהר שטימע איז איהם אומבעקאַנט. ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז דער רמב"ם זאָל מאַכען אַזאַ טעות און איהם וועלען איינריידען אַז ער קען זי! ער האָט אין זיינע געדאַנקען אַרויפגעבראַכט אַלע באַקאַנטע מיידלעך וועלכע ער האָט געקענט אין קאָרדאָווא און אין פעז, אָבער דער געשטאַלט פון דעם רמב"ם'ס פרוי איז איהם אומבאַקאַנט.

אל ערב האָט דערהערט שטימען וואָס זיינען געקומען פון דרויסען. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און דערזעהן רות'ן און איהר טעכטעריל נעמי. יע, דאָס איז די זעלבע פרוי וועלכע האָט פאַר איהם געעפענט די טיהר. ער האָט געהערט ווי דאָס קינד רופט זי „מאַמע" און ער איז געוואָרען נאָך מעהר איבערצייגט, אַז זי איז דעם רמב"ם'ס פרוי און דאָס קינד איז זיין טאָכטער. ער האָט זי דורכ'ן פענסטער ווידער גענומען באַטראַכטען. ער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען און וואָס מעהר ער האָט אויף איהר געקוקט, אַלץ מעהר האָט ער זיך איבער־צייגט, אַז זי איז איהם אומבאַקאַנט, אַז ער האָט זי קיינמאָל פריהער ניט געזעהן. ווי אַזוי קומט עס, אַז דער רמב"ם זאָל מאַכען אַזאַ טעות, פאַרוואָס דוכט זיך איהם, אַז זיי זיינען באַקאַנט נאָך פון פריהער.

יוסף האָט באַמערקט ווי ער איז פאַרטראַכט, און ער האָט איהם בעת מעשה ניט געוואָלט שטערען. באַלד אָבער האָט ער זיך אַרומגעזעהן אַז עס איז ניט ריכטיג פון זיין זייט, איבערצולאָזען דעם גאַסט אַליין צו זיינע געדאַנקען, און ער איז מיט איהם אַריין אין אַ שמועס:

— איך האָב פון דיר זעהר פיעל געהערט! — האָט יוסף זיך צו איהם אָפּגערופען — איך האָב אַפילו געהאַט אַ געלעגענהייט צו לייענען פיעלע פון דיינע ליעדער און איך מוז דיר זאָגען, אַז איך האָב געהאַט פיעל פאַר־גניגען זיי צו לייענען. עס איז ווירקליך געווען אַ גייסטיגער גענוס פאַר מיר.

— איך בין צופרידען צו הערען אַז מיינע ליעדער האָבען דיר פאַר־שאַפט פאַרגעניגען — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען.

געוויס האָסטו געהערט פון די לידער פון יהודה הלוי און פון אברהם אבן עזרא! — האָט יוסף איהם געפרעגט.

— יע, איך האָב זעהר פיעל געלייענט פון די ווערק פון די צוויי גרויסע דיכטער! — האָט אל ערב געזאָגט — און איך מוז צוגעבען, אַז זייערע לידער האָבען אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. איך בין זעהר באַאיינפלוסט געוואָרען פון זיי! יהודה הלוי איז געווען אַ דיכטער פון גאָט'ס גנאָד, און אויסער זיין דיכטונג, איז ער געווען אַ גרויסער פילאָזאָף און דענקער. ער איז ווירקליך דער שטאָלץ פון גאַנץ אַראַבישען שפּאַניען.

ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרען טאַלאַנט, און איך גלויב, אַז אַלס פּאָעט, איז צו איהם קיין גלייכען ניט געווען. איבערהויפּט האָב איך ליעב געהאַט צו לעזען זיינע ליעדער וואָס ער האָט געשריבען אין זיין יוגענד. אין פּליי־סענדע קלינגענדע פערזען האָט ער אַזוי פּראַכטפּול באַזונגען די נאַטור, די ליעבע, די שעהנקייט פון לעבען. זיינע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ליעדער באַלאַנגען שוין צו אַ שפּעטערע צייט, און דאָס גלויב איך דאַרף זיין אַן אומשעצבאַרער אוצר צו די, וועלכע באַלאַנגען צו זיין פאָלק און זיין גלויבען.

— און מיר זיינען ווירקליך שטאָלץ מיט דעם וואָס אונזער פאָלק איז געבענטשט געוואָרען מיט אַזאַ געניאַלען דענקער און דיכטער! — האָט יוסף אבן עקנין געזאָגט. — עס איז ריכטיג, אין דער צייט ווען אין זיין יוגענד האָט רבי יהודה הלוי באַזונגען די נאַטור און ליעבע, איז אָבער זיין מוזע געוואָרען ערנסטער און אומעטיגער אין די שפּעטערע יאָהרען. יהודה הלוי איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט דעם טראַגישען לעבען פון אונזער פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע צווישען פעלקער, אין דער צייט ווען ירושלים איז געווען די קרוין פון אַלע שטעדט. אין זיינע לידער ווערען בולט אַרויסגעבראַכט די האָפענונגען און ענטוי־שונגען, דאָס וועה געשרעה פון דעם שווער ליידענדען פאָלק, זיין אייביגען צער און טרויער, זיין וואָגלען אין גלות, וואו ער איז צושפּרייט געוואָרען צווישען פיעלע פעלקער.

— יע, איך געדענק איינינגע פון זיינע אומעטיגע און ערנסטע ליעדער! — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען. — איבערהויפּט האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק דאָס דאָזיגע ליעד:

„אויף אָדלערישע פליגלען געטראָגען האָסטו אַ טויב,
און טיעף אין דיין שויס האָסטו זי געלאַסטשעט:
וואָרום האָסטו זי פאַרלאָזען צו וואָגלען איבער וועלדער,
וואו אויף אַלע זייטען זיינען נעצען פאַרשפּרייט?
פרעמדע רייצען זיך מיט אַנדערע געטער, און זי
אין דערשטיל וויינט נאָך איהר יוגענד געליעבטען..
וואָרום שטעהסטו פון וויטענס גאָט אין הימעל?.."

— עס איז מערקווירדיג ווי אַזוי דו געדענקסט יהודה הלוי'ס ליעדער אויף אויסווענינג — האָט יוסף אבן עקנין געשטוינט.

— איך האָב כמעט אַלע זיינע ליעדער שטודירט און די וועלכע זיינען מיר אַמבעסטען געפעלען, האָב איך זיי אויף אויסוויינינג אויסגעלערענט — האָט אל ערב געזאָגט.

דערווייל איז אַריינגעקומען דער רמב"ם און האָט זיך אָפּגערופען:

— יעצט בין איך פריי, קום אַריין אין גאַסט צימער — איך האָב שוין מיין פרוי געזאָגט, אַז מיר האָבען אַ טייערען גאַסט. — איך האָב אָבער איהר ניט געזאָגט ווער דער גאַסט איז, איך וויל זעהן, אויב זי וועט דיך דערקענען.

זיי זיינען אַריין אין גאַסט־צימער, שרה האָט געהאַט צוגעגרייט דעם טיש. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ שעהנע זיידענע קלייד. זי האָט מיט גרויס אומגעדולד און נייגעריגקייט געוואַרט אויף דעם גאַסט וועגען וועמען

דער רמב"ם האָט איהר געזאָגט, אַז זי קען איהם גאַנץ גוט.

זי האָט געטראַכט און געטראַכט און ניט געקענט באַגריפען וועד דאָס איז. אין באַגדאַד האָבען זיי קיין פּיעלע פריינד ניט געמאַכט. דוד אלראַי איז געווען דער איינציגער מיט וועמען זיי זיינען געווען באַפריינדעט און ער איז דאָך שוין לאַנג טויט. טו וועד קען דאָס זיין דער פלוצלונגער גאַסט, וועלכען זי קען?

ווען זי האָט דערהערט טריט, האָט איהר האַרץ גענומען קלאַפּען.

דער רמב"ם איז מיט'ן גאַסט אַריינגעקומען און ער האָט אויסגערופען מיט אַ שמייכעל:

— איך וויל אייך פאַרשטעלען איינע פאַר'ן צווייטען, אָבער איך וויל אייערע נעמען ניט דערמאָנען. — איך וויל זעהן אויב איהר וועט זיך דער־קענען, נאָך אַזוי פיעל יאָהרען?

אל־ערב האָט זי באַטראַכט און גלייך אויסגערופען:

— „שרה"!

— דו ביזט אל ערב — האָט שרה אויסגערופען.

— איהר האָט זיך דערקענט — האָט דער רמב"ם צוגעגעבען.

— ווילקאָמען אין אונזער הויז! — האָט זיך שרה אָפּגערופען.

אל ערב איז געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט. איז דאָס מעגליך, אַז שרה, פון וועמען ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, איז פאַרהייראַט.. און נאָך צו וועמען? צו דעם רמב"ם, וועמען ער האָט געהאַלטען פאַר אַ פריינד, און וועמען ער האָט געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט.. יעצט פאַרשטעהט ער פאַרוואָס אלמאַעלי האָט איהם ניט געוואָלט זאָגען, אַז זיין שוועסטער איז פאַרהייראַט צום רמב"ם, ווייל שרה האָט זיך געפיהלט שולדיג געגען איהם. — נאָך דאַן, ווען ער האָט איהם און שרה'ן געהאָלפען אַנטלויפען פון קאָרדאָווא. ער האָט איהם זיין פערד געגעבען און זיי האָבען גאָר געהאַט אַנדערע פּלענער, זיי זייענן געווים געווען אין פאַרבינדונג מיט'ן רמב"ם.

— זעץ זיך, מיין גוטער פריינד! — האָט דער רמב"ם זיך אָפּגערופען צו אל ערב'ן — ווי איך זעה, ביזטו זעהר איבעראַשט צו זעהן שרה'ן...

אל ערב האָט עפּעס אומפאַרשטענדליכעס אַרויסגעמורמעלט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און געשוויגען.

שרה האָט איהם דערלאַנגט זיסע געבעקס און פרוכט, אָבער ער האָט ניט געגעסען.

דער רמב"ם איז מיט איהם אַריין אין אַ געשפּרעך, אָבער אל ערב האָט זעהר־ווינציג גערעדט. ער האָ פון צייט צו צייט געוואָרפען אַן אויג אויף שרה'ן און זעהענדיג ווי שעהן זי איז, האָט אין זיין האַרצען זיך צופלאַ־קערט אַ שטאַרקע שנאה צום רמב"ם.. ער האָט זיינע געפיהלען לאַנג ניט געקענט פאַרבאָרגען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און געזאָגט:

— איך מוז שוין געהן!

— אָבער דו האָסט דאָך מיט אונז גאַנץ ווינציג פאַרבראַכט — האָט דער רמב"ם איהם פּרובירט פאַרהאַלטען — דערצעהל אונז פון אַלעס וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט.

— איך איל זיך זעהר — האָט אל ערב געזאָגט און איז אַרויס פון הויז.

דער רמב"ם און זיין פרוי שרה, זיינען ערשטוינט געוואָרען פון אל־ערב'ס האַנדלונג.

— ער איז אַוועקגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער און מיט גרויס צאָרן — האָט שרה זיך אָפגערופען.

— איך פאַרשטעה! — האָט דער רמב"ם צוגעגעבען — ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט דיר געפינען אומפאַרהייראַט. — ער האָט געמיינט, אַז יעצט וועט איהם ניט שווער אָנקומען צו געווינען דיין האַרץ. אָבער ער איז געווען איבעראַשט אויסצוגעפינען, אַז דו ביזט פאַרהייראַט צו מיר — צו איהם איז דאָס געווען אַן ענטוישונג.

— איך קען דאָס ניט פאַרשטעהן — האָט שרה זיך אָפגערופען — ווי אַזוי האָט ער ביי זיך געקענט זיין אַזוי גענאַרט... האָט ער דען פאַרגעסען ווי איך האָב געהאַנדעלט, אין דער צייט ווען זיין פאָטער האָט געמאַכט אַ מאָלצייט און איינגעלאַדען מיין פאָטער, מיין ברודער און מיך, — האָב איך איהם דען דאַן ניט דייטליך געלאָזט וויסען, ווי ווייט איך בין פון איהם. — האָט ער דען קיין שכל ניט געהאַט צו פאַרשטעהן, אַז איך וואָלט בעסער געשטאָרבען, איידער צו ווערען זיין פרוי, און ווייס ער דען ניט, אַז דער הערשער אלמומען האָט מיר פאָרגעשלאָגען צו ווערען זיין פרוי און איך האָב בעסער אויסגעקליבען דעם טויט!

— יעס, עס איז מעגליך, אַז ער ווייס אַלעס, אָבער גאַנץ אָפט, ווען עס האַנדעלט זיך פון ליבע, געהט ניט דאָס האַרץ אין דער זעלבער ריכטונג וואו דער שכל געהט. — ער איז געווען אַזוי פאַרליבט אַז ער האָט ניט געוואָלט טראַכטען פון קיין אַנדער זאַך, בלויז ווי אַזוי צו דערגרייכען זיין ציעל... — איך האָף, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי, וועט ער זיך אויסניכטערען און וועט זיך אַרומזעהן, אַז ער האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט, און וועט זיך קומען ענטשולדיגען. — עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון דער מחלה פון ליבע קען מען זיך ניט אַזוי לייכט אויסהיילען.

— איך געדענק, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין פעז, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער ציעל פון זיין קומען איז געווען דיר אויפצוזוכען — פונדעסטוועגען, ווען ער האָט געזעהן, אַז דו ביזט דאָרט ניטאָ, האָט איהם ניט לאַנג גענומען צו פאַרגעסען און ער האָט געהייראַט מיט דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער.

— נאָך אַ זאַך פאַרשטעה איך ניט — האָט שרה זיך אָפגערופען. — ער האָט דיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך געזעהן פריהער, און ער האָט ניט געוואוסט ווער איך בין.

— געוויס האָט ער אַ טעות געמאַכט — ער האָט מסתמא געזעהן רות'ן און ער האָט געמיינט אַז זי איז דאָס מיין פרוי.

אַ ווייל'ע שפּעטער האָט דער רמב"ם דערצעהלט יוסף אבן עקנין וואָס עס האָט פּאַסירט.

— עס איז מיר שווער צו פאַרשטעהן, אַז ער זאָל אַזוי האַנדלען — האָט יוסף זיך אָפגערופען — ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטען איינ־

דרוק. — איך האָף, אַז ער וועט זיך אַרומזעהן און ער וועט זיך קומען ענטשולדיגען.

אין אָוועגד איז אַלמאַעלי און שפרה געקומען באַזוכען דעם רמב"ם. זיי זיינען געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי אל ערב האָט אויפגענומען די נייעס, אַז שרה איז דעם רמב"ם'ס פרוי.

— ווי איך פאַרשטעה — האָט אל ערב געמאַכט די רייזע נאָך מצרים מיט דעם ציעל זיך צו טרעפען מיט דיר, מיין שוועסטער — האָט אַל־מאַעלי זיך אָפגערופען— און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער זאָל ענטוישט ווערען, — אָבער זיין ענטטוישונג וועט לאַנג ניט אָנהאַלטען.

— איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך אָפשטעלען אין אונזער הויז און איך וועל האָבען אַ מעגליכקייט אַרויסצוצייגען איהם מיין פריינדשאַפט, ווייל איך ווייס ווי אָפצושאַצען אַ טובה, פון אַ פריינד — בפרט נאָך אַזאַ טובה, וואו מיין לעבען איז געווען אין געפאַהר — האָט דער רמב"ם געזאָגט.

— ער שיינט צו זיין זעהר אַ געבילדעטער און געלערנטער מאַן — האָט יוסף אבן עקנין געזאָגט — ניט נאָר איז ער גוט באַהאַוועגט אין די ווערק פון אַראַבישע גרויסע לייט, נאָר איהם זיינען ניט פרעמד די ווערק פון די אידישע דיכטער. — איך האָב זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט וועגען דעם דיכטער יהודה הלוי, און ווי ערשטוינט בין איך געווען, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו זאָגען אויסווייניג איינע פון יהודה הלוי'ס לידער.

— מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען, אַז ער איז איינער פון די גרעסטע אַראַבישע דיכטער! — און דערפאַר איז טאַקע מיין פאַרדרוס שטאַרקער וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען די שוואַכקייט פון אַן איינפאַכען מענשען. — עס וואָלט געווען אַנדערש ווען זי וואָלט געווען פאַררעכענט פאַר זיין כלה און ער האָט געטראָפען, אַז זי איז פאַרהייראַט צו אַ צווייטען. ער אָבער האָט דאָך געוואוסט אַז שרה איז גאַנץ ווייט פון איהם — זי האָט איהם דייטליך געזאָגט. ער האָט זיך בלויז געזוכט אַליין איינצורעדען, און יעצט ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז פון זיין איינרעדעניש איז גאָרניט געוואָרען — האָט ער זיך ניט געקענט באַהערשען און אַרויסגעוויזען זיין אייפער־זוכט און צאָרן.

— ווי איך פאַרשטעה מיינט ער אַז מיר האָבען איהם געזוכט אָפצו־נאַרען — האָט אַלמאַעלי געזאָגט — ווען שרה איז געווען אַרעסטירט און אַלמומין האָט איהר געגעבען די ברירה: אָדער צו ווערען זיין פרוי, אָדער צו שטאַרבען, האָב איך זי געוואָלט ראַטעווען און איך האָב געזוכט זיין הילף — האָט ער עס גענומען פאַר אַ צייכען, אַז ווען עס וועט מיר געלינגען זי צו ראַטעווען, וועט ער קענען האָבען אַ תביעה אויף איהר — און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך מיט דעם געדאַנק שטענדיג אַרומגעטראָגען, און יעצט, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז שרה איז פאַרהייראַט, פיהלט ער זיך זעהר דערשלאָגען — אָבער איך וועל זיך מיט איהם זעהן און אַלעס וועט אויסגעגליכען ווערען.

---

אַן אויפגערעגטער, פול מיט צאָרן האָט זיך אל ערב אומגעקעהרט צו דעם דאָקטאָר אבולאַפיא. מיט יעדער רגע איז זיין שנאה גרעסער געוואָרען

צו זיין אַמאָליגען פריינד, דעם רמב״ם און צו אַלמאַעלי׳ן.

דאָקטאָר אבולאַפּיא האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף אַל ערב׳ס צוריקקעהר. ער איז געווען נייגעריג צו זעהן ווי אַזוי ער פיהלט צום רמב״ם נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפונען, אַז שרה איז צו איהם פאַרהייראַט.

ווען ער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט ער באַמערקט ווי זיין פּנים דריקט אויס צאָרן און ענטטוישונג. ער האָט זיך אָבער ניט וויסענ־דיג געמאַכט און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— נו, מיין פריינד! — ווי האָסטו געטראָפען דיינע אַלטע באַקאַנטע און פריינד? — זיינען זיי געווען צופרידען דיך אויפצונעמען?

— איך בין זיך מודה, אַז איך בין שטאַרק ענטטוישט אין מיינע אַלטע פריינד!

— דו מיינסט אין דעם סעקרעטאַר פון וויזיר?

— אין ביידען! — אָבער מיין הויפּט צאָרן איז געציעלט געגען רמב״ם.

— געגען רמב״ם? — האָט אבולאַפּיא אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען גענומען שטראַהלען.

— יע, געגען רמב״ם! — איך האָב איהם געהאַלטען פאַר אַ גוטען פריינד — איך האָב איהם, זייענדיג אין פעץ, פון טויט גערעטעט און ער האָט מיך גענאַרט — ער האָט חתונה געהאַט מיט דער, אין וועלכער איך בין געווען שטאַרק פאַרליעבט — כאָטש ער האָט געוואוסט דערפון, אַז איך האָב זי ליעב, ווייל ווען איך האָב זיך מיט איהם געזעהן אין פעץ האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך האָב פאַרלאָזען קאָרדאָווא אויפצוזוכען שרה׳ן.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אַל ערב מיין פריינד, — מיר וואונדערט זיך אויף דיר, ווי אַזוי דו האָסט גאָר געקענט האָבען אידישע פריינד. — איך ווייס אַז פון אַלע מיינע באַקאַנטע אידען איז קיינער קיין רעכטער ניטאָ — איבערהויפּט דער רמב״ם! ער האָט געקראָגען סאַלאַדינ׳ס צוטרוי און ער מיינט אַז צו איהם איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ!

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז דער רמב״ם זאָל זיין אַזוי אומדאַנקבאַר — האָט אַל ערב געדערט מיט פאַרביטערטקייט — איך וועל איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין!

— עס איז ניט די איינציגע עולה וואָס דער רמב״ם איז באַגאַנגען געגען אַ מאַכמעדאַנער — האָט דאָקטאָר אבולאַפּיא געזאָגט — ער איז געקומען צו אונז אין לאַנד וואָהנען און אים ווילט זיך גאָר זאָגען דעות — ער האָט אַזוי געמאַכט, אַז די קראַנקע האָבען מעהר קיין צוטרויען ניט צו אַ מאַכמעדאַנישען דאָקטאָר. — ער איז אַרומגעהילט אין סודות און לאָזט צו זיך קיינעם פון אונז ניט צו. איהם האָט זיך דורך אַ צופאַל אייגענגעבען די אָפּעראַציע פון גענעראַל, מיינט ער אַז גאַנץ מצרים געהערט צו איהם.

— ער האָט פאַרגעסען אַז פון שפּאַניען איז ער אַרויסגעטריבען גע־וואָרען, אין מאַראָקאָ האָט מען איהם געוואָלט טויטען. יעצט וויל ער אַז מיר אַלע זאָלען טהאָן וואָס ער הייסט. — אויב מיר זאָלען איהם לאָזען אַזוי אָנגעהן, וועט ער שוין זעהן אַז מצרים, אונזער לאַנד זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ אידיש לאַנד.

— מיר וואונדערט זיך וואָס דער קאַליף זעהט ניט איין די געפאַהר

פאַר די מאַכמעדאַנער? — האָט אל ערב זיך אָפּגערופען.

— אין דעם איז שולדיג דער גרויס־וויזיר אלפאדעל — האָט אבולאפיא זיך אָפּגערופען. — ער האָט באַשטימט אַ אידישען סעקרעטאַר און ער האָט איהם בעאיינפלוסט ער זאָל מקרב זיין דעם רמב"ם און ער האָט אויך דעם קאליף געמאַכט גלויבען, אַז דער רמב"ם איז אַ גרויסער פּערזאָן.

— איך קען יעצט זעהן פּאַרוואָס דו האָסט ניט איבעריגס ליעב די אידען און זייערע פיהרער! — האָט אל־ערב זיך אָפּגערופען צו אבולאפיא — זיי זיינען אומדאַנקבאַר און מיינען, אַז זיי שטעהען העכער פון אונז מאַכמעדאַנער.

— איך זעה אין רמב"ם אַ גרויס געפאַהר פאַר די מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג פון מצרים! — האָט אבולאפיא געזאָגט — ניט לאַנג צוריק האָט דער וויזיר אלפאדעל איהם באַשטימט פאַר דעם נגיד און פיהרער איבער אַלע אידען פון מצרים, און דאָס מיינט אַז יעצט וועלען די אידען זיין נאָך מעהר פאַראייניגט און זיי וועלען דראָהען אונזערע ברידער.

— מיין עצה וואָלט געווען אַז מען זאָל דעם קאליף באַווייזען וואָס פאַר אַ גרויסע סכנה עס דראָהט אונזערע ברידער, אויב די אידען וועט ערלויבט ווערען זיך צו פאַרשטאַרקען. עס וועט ניט שווער זיין איבערצו־צייגען דעם קאליף, אַז דער רמב"ם זוכט צו פאַרכאַפּען די הערשאַפט. ער וועט עס געוויס טהאָן. ער וועט נאָך מעגליך זוכען די הילף פון די קריסטען און מיט פאַראייניגטע כחות קעמפען געגען אונז, די מאַכמעדאַנער — האָט אל ערב געזאָגט.

— איך זעה, ווי גוט דו באַגרייפסט די געפעהרליכע לאַגע פון אונזערע ברידער. מיט אַזעלכע ביטרע פיהרער ווי דער רמב"ם קענען נאָך די אידען מאַכען אַ סוף צו אַלע אונזערע נצחונות, וואָס אונזערע העלדען האָבען ערוואָרבען דורך שווערד און בלוט. ניט איינמאָל האָבען מיר דעם קאליף געגעבען אָנצוהערעניש וועגען דעם, אָבער ער האָט זיך פון דעם אויסגע־לאַכט: דאָס איז ווייל דער רמב"ם ווייס ווי צו וואַרפען זיין צויבער אויף איהם, סאַלאַדין און אלפאדעל זיינען אין גאַנצען אונטער זיין איינפלוס, און אונזערע רייד וועלען אויף זיי קיין ווירקונג ניט האָבען. בלויז איין איינציגער מאַן קען ברייגנען אַ ישועה פאַר אונזערע מאַכמעדאַנער ברידער!

— און ווער איז דער מאַן? — האָט אל־ערב געפרעגט.

— דאָס ביזטו אליין!

— איך?!

— יע, דו!

— דו ווייסט דאָך, אַז אין אונזער לאַנד איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז אימי־צער פון אַן אנדער רעליגיע האָט ווען עס איז אָנגענומען דעם גלויבען פון מאַכמעד'ן, און שפּעטער האָט ער חרטה געקראָגען און זיך צוריקגעקעהרט צו זיין אייגענער רעליגיע, איז דאָס פאַררעכענט פאַר אַ גאָט'ס לעסטערונג און די שטראָף פאַר אַזאַ פאַרברעכען איז טויט! — האָט אבולאפיא געזאָגט און אַ שמייכעל האָט זיך צושפּיעלט אויף זיינע ליפּען.

— יע, איך ווייס פון דעם, — האָט אל ערב געזאָגט.

— און לויט ווי דו האָסט מיר דערצעהלט האָט מען אין פעץ אָנגע־

נומען דעם רמב״ם פאַר אַ מאַכמעדאַנער, וואָס באַווייזט אַז ער האָט אין יענער צייט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ מאַכמעדאַנער און נאָכהער האָט ער חרטה געקראָגען, און ער איז פאַר׳משפּט געוואָרען דאָרטען צו שטאַרבען, נאָר איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען. אויב אַזוי פאַרדינט דער רמב״ם יעצט דעם טויט. און דו ביזט דער איינציגער וועלכער קען עס דורכפיהרען. אַלעס וואָס דו דאַרפסט טהאָן איז צו זיין אַן עדות געגען רמב״ם. דו וועסט דאַרפען ערשיינען פאַר׳ן קאַליף נאָכדעם ווי איך און מיינע פריינד וועלען אַריינברייגען די קלאַגע געגען איהם. דו וועסט דאַרפען דערצעהלען אַלעס וואָס האָט פּאַסירט אין פעז און דאַן וועט דער קאַליף און די שופטים קיין אַנדער ברירה ניט האָבען ווי איהם צו פאַר׳משפּט׳ן צום טויט.

— איך וועל זיין צופרידען דאָס צו טהאָן! — האָט אַל ערב אויסגערופען — איך וועל דורכדעם נקמה נעהמען פון מיין שונא, וועלכער האָט מיר פאַרראַטהען.

— זאָלען אַללאַה׳ס ברכות רוהען אויף דיין קאָפּ! — האָט אבולאפיא געדריקט זיין האַנט — דורך דיין עדות זאָגען געגען רמב״ם וועסטו טהאָן אַ גרויסע טובה צו אַלע אונזערע ברידער. איך וועל שיקען רופען מיינע פריינד, די אַנדערע דאָקטוירים און מיר וועלען זיך באַראַהטען ווי אַזוי אַריינצוברייגען די קלאַגע געגען אונזער אַלגעמיינעם שונא!

דעם זעלבען אָווענד האָבען זיך אין אבולפאיא׳ס הויז צונויפגעזאַמעלט די איבעריגע דאָקטוירים, ויינע פריינד און ער האָט זיי מיט גרויס פרייד ערקלערט אַז אַל־ערב איז וויליג אַרויסצוטרעטען אַלס עדות געגען רמב״ם און איהם באַשולדיגען אַז ער האָט אַמאָל אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען און שפּעטער חרטה געקראָגען. אַזוי שנעל ווי אַל־ערב וועט די באַשולדיגונג באַשטעטיגען, וועט דער קאַליף זיין געצוואונגען אַרויסצוגעבען אַ טויט אורטייל שטראָף אויף דעם רמב״ם און דאָס וועט זיין דער סוף פון אונזער שונא.

— איך האָב אָבער מורא, אַז איין איינציגער עדות וועט ניט זיין גענוג איבערצוציינגען דעם קאַליף און די שופטים אַז דער רמב״ם איז באַגאַנגען דעם פאַרברעכען — האָט איינער פון די דאָקטורים זיך אָפּגערופען.

— מיר דאַרפען אָבער ניט פאַרגעסען, אַז אונזער פריינד אַל־ערב איז ניט קיין איינפאַכער עדות, איז אַ באַריהמטער דיכטער און אַ געלערנטער מאַן און דער קאַליף וועט איהם מוזען גלויבען!

— דאָס וואָלט געווען גוט ווען דער באַשולדיגטער וואָלט ביים קאַליף ניט געווען אַזוי באַליעבט און געשעצט. אָבער פאַרוואָס זאָלען מיר זיין גענאַרט. מיר אַלע ווייסען ווי שטאַרק דער קאַליף האַלט פון איהם, בפרט נאָכדעם ווי ער האָט ערפאָלגרייך דורכגעפיהרט די אָפּעראַציע איבער׳ן גענעראַל. און אויב אַזוי וועט עס זיין אַ פראַגע וועמענס רייד דער קאַליף זאָל גלויבען. פאַרשטעהט זיך, אַז ער וועט גיכער גלויבען דעם רמב״ם. ווען אָבער עס זאָלען זיין צוויי אָדער מעהרערע עדות, דאַן וועט מען מוזען גלויבען די עדות און דער רמב״ם וועט פאַר׳משפּט ווערען צום טויט.

— איך גלויב אַז דו האָסט רעכט! — האָט אַל־ערב געזאָגט — אום מען זאָל קענען פאַר׳משפּט׳ן איינעם צום טויט וועט מען מוזען האָבען צוויי

עדות, און איך האָף, אז איך וועל קענען צושטעלען נאָך אַן עדות. איך האָב אַ פריינד אין פעץ, זיין נאָמען איז סאיד, ער פלעגט זיין אַן אָפטער באזוכער אין רמב״ם׳ס הויז, און איז אפילו געוועזן זיין פריינד, אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אז דער רמב״ם ווערט באשולדיגט אין דינען צום אידישען גאָט, האָט ער זיך פון איהם אָפּגעקעהרט און איז זאָגאר געוואָרען זיין שונא. איהם, סאיד׳ן, וועל איך קענען צושטעלען אַלס צווייטען עדות צו דעם רמב״ם׳ס פאַרברעכען.

— ווי אזוי וועסטו קענען איהם צושטעלען? — האָט אבולאפיא געפרעגט.

— איך וועל איהם שיקען אַ בריף דורך אַ שליח און איהם ערקלערען די גאַנצע לאַגע און פון איהם פאַרלאַנגען אין נאָמען פון אונזערע מאַכמעדאַנישע ברידער ער זאָל קומען עדות זאָגען געגען רמב״ם. איך בין זיכער אַז ער וועט מיין פאַרלאַנג ערפילען און אהער קומען.

— אָבער עס וועט דויערען איינינע מאָנאַטען! — האָט אבולאפיא זיך אָפּגערופען.

— עס וועט זיך לוינען צו ווארטען עטליכע מאָנאַטען און זיין זיכער מיט אַן ערפאָלג, איידער זיך צו איילען און האָבען אַ דורכפאַל — האָט אַל־ערב געזאָגט.

— יע, אזוי זאָלסטו טהאָן! — האָט אַ דאָקטאָר זיך אָפּגערופען — דו שרייב אָן דעם בריף צו דיין פריינד סאיד׳ן און מיר וועלען אַלעס באַשטעטיגען און זיך אונטער׳חתמ׳ענען. מיר וועלען שוין אויך קריגען אַ מאַן וועלכער וועט אָפּרייזען נאָך פעץ און איבערשיקען סאיד׳ן דיין בריעף.

אַל־ערב האָט אָנגעשריבען פאָלגענדען בריעף צו סאיד׳ן:

„מיין גוטער פריינד, סאיד!

„איך געפין זיך יעצט אין קאירא פון מצרים, דאָרט וואו דער גערעכטער סאַלאַדין, דער געזאַלבטער פון אַללאה הערשט. אין קאירא געפינט זיך אונזער אַמאָליגער באַקאַנטער, דער רמב״ם, וועלכער האָט דורך שווינדעל דערגרייכט צו אַ הויכער שטופע און דראָהט די פרידען און רוה פון אַלע מאַכמעדאַנער. אין מצרים איז פאַראַן אַ געזעץ אַז אויב איינער איז געווען אַ מאַכמעדאַנער און דערנאָך פאַרלאָזען דעם גלויבען און אָנגענומען אַ צווייטען גלויבען, דאַרף באַשטראָפט ווערען מיט טויט שטראָף. דו ווייסט דאָך אזוי גו ווי איך, אַז דער רמב״ם האָ זיך אויפגעפיהרט ווי אַ מאַכמעדאַנער אין פעץ און דערנאָך איז ער צוריק געוואָרען אַ איד. עס איז דיין פליכט צו זיין אַן עדות געגען איהם, כדי צו העלפען אונזערע ברידער די מאַכמעדאַנער, אָבער אזוי ווי דער געזעץ פאָדערט צוויי עדות, דעריבער פאַרלאַנג איך פון דיר אין נאָמען פון אונזערע ברידער אין מצרים צו קומען אהער אין קאירא און צוזאַמען מיט מיר עדות זאָגען געגען רמב״ם, און דורכדעם העלפען די מאַכמעדאַנער פטור צו ווערען פון אַ געפעהרליכען שונא. איך האָף אַז דו וועסט טהאָן דיין פליכט און קומען אזוי שנעל ווי מעגליך נאָך קאירא.

דיין פריינד אַל־ערב.״

די דאָקטורים האָבען אויך זיך גע׳חתמ׳עט, און פאַרזיגעלט דעם בריעף

און איהם אװעקגעשיקט דורך א שליח.

עס זײנען פּאַריבער אײניגע װאָכען און אל־ערב האָט זיך ניט באַװיזען אין רמב״ם׳ס הויז, דאַן האָבען אַלע פאַרשטאַנען אַז ער איז צאָרענדיג און אויפגעבראַכט געגען זיי.

כאָטש אבולאפיא און אל־ערב האָבען באַשלאָסען דערװייל צו האַלטען זייערע פּלענער אין געהיים, האָט זיך אָבער דער װיזיר אַלפאַדעל אָנגעשטויסען אַז די דאָקטוירים קלייבען זיך צו מאַכען א פאַרשװערונג געגען רמב״ם. ער האָט שוין פון לאַנג געװאוסט, אַז זיי זוכען איהם שלעכטעס צו טהאָן. און יעצט האָבען זיך צו איהם דערטראָגען קלאַנגען, אַז די דאָקטוירים זוכען צו מאַכען א בלבול אויף איהם. ער האָט שטילערהייד גענומען אויספאָרשען, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסגעפינען אין װאָס דער בלבול באַשטעהט.

דערװייל פלעגט דער רמב״ם קומען באַזוכען דעם קאליפ׳ס פּאַלאַץ יעדען טאָג. דאָרטען פלעגט ער גאַנץ אָפט טרעפען דעם גענעראַל װעמען ער האָט אויסגעקורירט. דער גענעראַל איז איהם געװען אַזוי דאַנקבאַר, אַז יעדען מאָל װאָס ער פּלעגט איהם דערזעהן, פלעגט ער זיך פאַר איהם פאַרנייגען און מיט טרעהרען אין די אויגען אויסרופען:

— זיי געבענשט צו אַללאה, דו געטליכער מאַן! דו האָסט מיין לעבען געראַטעװעט.

דעם רמב״ם׳ס נאָמען איז באַריהמט געװאָרען אין פיעלע לענדער און פירסטען און הויכע באַאַמטע, װעלכע זיינען געװען קראַנק, פלעגען קומען נאָך קאירא דער רמב״ם זאָל זיי היילען. זיי פלעגען ברייננגען פיעלע מתנות, אָבער דער רמב״ם האָט זיי ניט גענומען פאַר זיך, ער פלעגט זיי איבערגעבען צו דעם קאַליף.

עס זיינען פּאַריבער נאָך אייניגע מאָנאַטען, און א גרויס גליק האָט דעם רמב״ם געטראָפען: זיין פרוי, שרה, האָט איהם געבוירען א זוהן. ניט נאָר איז די פרייד געװען גרויס צװישען דעם רמב״ם׳ס אייגענע און נאָהענטסטע, נאָר אַלע אידען פון קאירא האָבען זיך שטאַרק געפרעהט.

„א זוהן איז געבוירען געװאָרען צום רמב״ם, מזל טוב״! — האָבען זיך די אידען איינע די אַנדערע באַגריסט.

דער רמב״ם איז יענע גאַנצע װאָך פאַרבליבען אין הויז און דער קאַליף אַליין האָט געשיקט באַגריסונגען און גליקװאונשען צו זיין באַליעבטען דאָקטאָר.

זעהר א גרויסאַרטיגען ברית האָט דער רמב״ם געפייערט און ער האָט איינגעלאַדען אַלע גרויסע אידישע געלעהרטע, זיינע פריינד.

זיין זוהן האָט דער רמב״ם א נאָמען געגעבען אברהם.

אין זיין זוהן האָט דער רמב״ם געפונען א טרייסט פאַר דעם גרויסען פאַרלוסט װאָס ער האָט געהאַט װען זיין אינגערער ברודער דוד איז דערטרונקען געװאָרען אין אינדישען ים.

עס איז געװען פאַר דעם ערשטען מאָל, זינט יענע אומגליקען װאָס זיינען באַפאַלען דעם רמב״ם זינט ער איז געקומען נאָך מצרים, אַז דער רמב״ם און זיין משפחה האָבען זיך משמח געװען מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

אויך רות וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו טרויערן נאָך איהר מאַן, דוד, האָט זיך שטארק באַטייליגט אין דער שמחה. זי איז די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראָטען פון שרה'ן. זי האָט איהר און דעם קינד צוגעזעהן. זי האָט געהאָלפען מאַכען די שמחה.

— איך בין גליקליך צו זעהן אַ שמייכעל אויף דיין פּנים! — האָט זיך שרה אָפּגערופען צו רות'ן, ווען זי האָט איהר צוגעטראָגען דאָס קינד.

— איך בין גליקליך אין דיין גליק! — האָט רות געענטפערט — זאָל גאָט געבען אַז דיין זוהן זאָל אויסוואַקסען געזונט און שטארק און ער זאָל געהן אין די פוסטריט פון זיין גרויסען פאָטער. און איהר ביידע זאָלט פון איהם נחת האָבען.

— און דו זאָלסט נחת האָבען פון דיין ליעבליכע טאָכטער נעמי! — האָט שרה איהר געענטפערט.

טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין רות'ס אויגען. זי האָט גענומען טראַכטען פון דעם וואָס איהר טאָכטער איז אַ יתומה. זי ווייסט אפילו ניט ווי איהר פאָטער האָט אויסגעזעהן.

— איך בעט דיך, רות! — האָט שרה זיך צו איהר גע'ענדעט — ווי לאַנג וועסטו נאָך טרויערן. מיר זעהען דאָך אַלע, אַז עס איז אַזוי באַשערט געווען פון גאָט. וועסטו דען מיט דיין טרויערן איהם קענען צוריק לעבעדיג מאַכען?

— ווען ער וואָלט אַמגוויינליכסטען געשטאָרבען ווי אַלע מענשען וואָלט איך געקענט אַוועקגעהן צו זיין קבר און וויינען און אויסגיסען מיין ביטער הארץ פאַר איהם, דאַן וואָלט איך זיך געפיהלט גרינגער. פאַרוואָס איז איהם געקומען אַזא גרויזאַמען טויט! ער איז דאָך געווען אַזא צדיק. אַזוי גוט־הערציג און נאָבעל. ער האָט מיך ליעב געהאַט. איך וויים, אַז ער האָט די רייזע געמאַכט צוליעב מיר, ווייל ער האָט געזעהן ווי שטארק באַזאָרגט איך בין וועגען מיין פאָטער. און איהם איז געלונגען אויפצוזוכען מיין פאָטער, אָבער זיין אייגענעם לעבען האָט ער פאַרלאָרען.

— דאָס וואָס איך זאָג, מיין טייערע רות! — האָט שרה אַנגענומען איהר האַנט — גאָט פיהרט די וועלט און עס איז ניט פאַר מענשליכען פאַרשטאַנד צו באַגרייפען אַלעס וואָס ער טהוט. עס איז אונזער פליכט צו באַדאַנקען גאָט פאַר די שלעכטעס אַזוי ווי מיר באַדאַנקען איהם פאַר די גוטעס. איך וויים אַז דוד איז יעצט אין גן עדן און ער איז אַ מליץ יושר פאַר דיר און פאַר דיין טאָכטער. ער וויל אַז דו זאָלסט זיין גליקליך און אויפהערען צו טרויערן. דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען אַז דו ביזט נאָך יונג און עס איז אַ זינד צו פאַרברייננגען דיין גאַנצען לעבען אין טרויער. דו דאַרפסט טראַכטען פון גליק. אַזוי פאַרלאַנגט אויך דיין פאַרשטאָרבענער מאַן דוד.

— ענטשולדיגט מיר שרה, וואָס איך האָב אריינגעבראַכט אַביסעל אומעט אין דער צייט פון אונזער גרויסער שמחה! — האָט רות אויסגע־רופען און גענומען שמייכלען צו דעם קינד אברהם, וועלכער איז געלעגען אין זיין מוטער'ס בוזים. — אָה, ווי שעהן און ליכטיג זיין פּנים איז, זאָל ער ברייננגען ליכט און גליק צו אַלע אידען אַזוי ווי זיין ווירדיגער פאָטער.

— רות! — האָט שרה זיך צו איהר אָפּגערופען — עס איז שוין לאַנג אַז איך קלייב זיך צו ריידען מיט דיר. און יעצט אַז גאָט האָט מיר געהאָל־פען און מיר געגעבען דאָס גרעסטע גליק, איך האָב געבוירען פאַר מיין מאַן אַ זוהן, וועלכער האָט צו אונז אַלעמען אַריינגעבראַכט פרייד. מיין מאַן און איך האָבען שוין ניט איינמאָל צווישען זיך גערעדט וועגען דעם.

רות האָט אָנגעשטעלט אויגען און אויערען. זי האָט מיט גרויס נייגע־ריגקייט געקוקט אויף שרה'ן. זי האָט געפיהלט אַז שרה האָט איהר צו זאָגען זעהר וויכטיגעס. איהר האַרץ האָט געקלאַפּט.

— געדענקסטו, אויף מיין חתונה, ווען דו האָסט באַזאָרגט דעם טיש פון די אָרימע לייט... צווישען די אָרימע לייט איז געווען אַ יונגער מאַן, מיט ליכטיגע אויגען, מיט אַ שעהנעם פּנים, אָבער איין שרעקליכען חסרון האָט ער געהאַט: ער איז געווען טויב און שטום.

— יע, טויב און שטום איז ער געווען! — האָט זיך רות צולאַכט — איך געדענק ווי איך האָב מיט איהם דאַן אויף שטום לשון גערעדט. איך בין געווען אַזוי איבערצייגט דאַן, אַז ער איז געשטראָפט מיט אַזאַ שרעק־ליכען „מום", אַז מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון רחמנות צו איהם.

— יע, איך געדענק אַז דו האָסט איהם גוט געזעהן! — האָט שרה מיט אַ שמייכעל געזאָגט — און דאַן ווען מיר האָבען ניט געוואוסט ווער ער איז, און פון וואַנען ער שטאַמט, איז ער אין אונזערע אַלעמענס הערצער איינגעבאַקען געוואָרען. עפּעס האָבען מיר אַלע געפיהלט אַזאַ נאָהענטקייט און פריינדליכקייט צו איהם.

— און מיין נעמי, ווי גליקליך זי איז געווען, ווען ער פלעגט זיך מיט איהם שפּיעלען. איך קען זיך יעצט נאָך ניט איינהאַלטען פון געלעכטער, ווען איך דערמאָן זיך ווי זי, די קליינע נעמי, פלעגט מאַכען באַוועגונגען מיט איהרע פינגערלאַך, מיט איהר מויל און איהרע אויגען, ווען זי פלעגט זיך וועלען צונויפריידען מיט איהם.

— און געדענקסטו איהרע ערשטוינענדע בליקען וואָס זי האָט אויף איהם געוואָרפען, ווען זי האָט דערהערט ווי ער רעדט, מיט וואָס פאַר אַ פרייד זי האָט אויסגעשריען: „דער טויב שטומער רעדט"!

— איך אַליין בין געוואָרען אַזוי געריהרט פון דעם אַז פאַר אַ היבשע ווייל̇ע האָב איך ניט געוואוסט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. איך בין געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטע.

— עס איז פאַר אונז אַלעמען געווען די גרעסטע איבערראַשונג און מיר קענען זיך פאָרשטעלען ווי דער רמב"ם איז איבערראַשט געוואָרען, ווען ער האָט געהערט די רייד פון זיין טויב שטומען משרת, ווען ער האָט גע־האַלטען אין מיטען דורכפיהרען די אָפּעראַציע — האָט שרה געזאָגט.

— ווען איך דערמאָהן זיך ווער איך יעצט רויט פון בושה! — האָט רות לאַכענדיג געזאָגט — איך געדענק אַז איך פלעג ריידען צו נעמי'ן אין זיין אַנוועזענהייט, מיינענדיג אַז ער הערט ניט. איך האָב איהר געזאָגט וואָס פאַר אַ טייערער און ליבליכער מאַן ער איז, און אַז איך בין מתפלל צו גאָט ער זאָל איהם אויסהיילען. יע, גאַניץ אָפט פלעג איך ריידען אין זיין אַנוועזענהייט וועגען איהם זאַכען וואָס איך וואָלט ניט גערעדט, ווען איך

ווייס אז ער פארשטעהט און הערט זיך איין.

— איך בין זיכער, אז קיין שלעכטעס האסטו וועגען איהם ניט גע־רעדט. און ווי איך פארשטעה, פלעגט ער שטארק הנאה האבען פון דיינע רייד. רות, מיר דארפען זיך אלע שעצען גליקליך וואס גאט האט צו אונז צוגעשיקט דעם וואונדערבארען יונגען מאן יוסף אבן עקנין. דער רמב"ם האט איהם אזוי ליעב ווי ער וואלט געווען זיין לייבליכער ברודער, און אין איהם האט ער טאקע געפונען א טרייסט פאר דעם טויט פון דוד'ן. ניט לאנג צוריק האט דער רמב"ם מיט מיר גערעדט. ער האט מיר געזאגט אז יוסף אבן עקנין איז זעהר גליקליך ווען ער געפינט זיך אין דיין געזעל־שאפט... איך וויל מיט דיר זיין גאנץ אפען: יוסף האט דיך ליעב! ער האט דיך ליעב מיט זיין לייב און לעבען.

טרעהרען האבען א שפאר געטהאן פון רות'ס אויגען. זי האט זיך ניט געקענט באהערשען. זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

שרה האט איהר געגלעט איבער איהר קאפ און איהר גענומען בארוהיגען.

— וויין זיך אויס, מיין טייערע רות, דו וועסט זיך נאכהער פיהלען א סך גרינגער.

רות האט זיך בארוהיגט. זי האט אפגעווישט איהרע טרעהערען.

— דארף איך דיר דען דערצעהלען ווער יוסף אבן עקנין איז, וואס פאר א ברילינטענע נשמה ער באזיצט. עס איז פאר אונז גענוג אז מיר ווייסען, ווי שטארק דער רמב"ם האלט פון איהם. מיר ווייסען דאך אז צו איהם קומען גרויסע געלערענטע מענשען פון אלע פיער עקען פון דער וועלט און פון זיי אלעמען איז ביי איהם יוסף אבן עקנין העכער. צו איהם איז ער צוגעבונדען ניט ווי א רבי צו זיין תלמיד, נאר ווי א פאטער צו זיין זוהן. דער רמב"ם וואלט געוואלט איהם זעהן זעהר גליקליך, און דו ווייסט דאך ווי מיר אלע וואלטען געוואלט דיך זעהן גליקליך. דו האסט גענוג זיך אנגעליטען אין די עטליכע יאהר פון דיין יונגען לעבען. יעצט איז געקומען פאר דיר די צייט אז דו זאלסט אויך געניסען פון לעבען. און נעמי זאל האבען א פאטער. זעהן מיר דען ניט ווי נעמי איז צוגעבונדען צו איהם, ווי זי פרעהט זיך ווען ער קומט אריין אין צימער. ווי זי לויפט איהם אנט־קעגען. און ווען ער הויבט זי אויף, רינגעלט זי ארום זיין האלז מיט איהרע קליינע צארטע הענטלעך און באדעקט זיין פנים מיט קושען.

רות'ס אויגען האבען געשטראלט, איהרע טרעהרען וואס זיינען נאך געשטאנען אין איהרע אויגען האבען ווי פערל אויסגעזעהן.

— אה, שרה, ווי קען איך טראכטען פון דעם! — האט רות אויס־געשריען און זי געקושט.

— די צייט איז אבער געקומען אז דו זאלסט יע נעהמען טראכטען פון דעם! — האט שרה געזאגט — דער רמב"ם האט מיר געזאגט, אז דאס איז געווים אויך דער וואונש פון דוד'ן, זכרנו לברכה. דו ביזט יונג און שעהן. דו בליהסט ווי א דופטענדע בלום און דו וועסט ברייננגען גליק ניט נאר פאר זיך, נאר אויך צו יוסף אבן עקנין, וועמען מיר אלע שעצען און ליעבען אזוי שטארק. איך האב שוין אפילו גערעדט מיט דיין פאטער, און

כאָטש ער האָט געשוויגען, ווייס איך וויפיעל גליק דאָס וועט איהם פאַר־שאַפען. היינט אין אָוונד וועט צו אונז קומען שפרה און זי וועט מיט דיר אויך ריידען, און איך בעט דיך, רות, טהו אָפּ דעם טרויער פון דיין פנים, ווייל ניט אויף אייביג דאַרף מען טרויערען. די צייט פון גליק איז פאַר דיר געקומען.

— איהר זייט אַלע צו מיר אַזוי גוט! — האָט רות אַרומגענומען שרה'ן און זי באַדעקט מיט קושען— ווען ניט אייער אַלעמענס גנעדיגקייט און פריינדליכקייט וואָס איהר האָט מיר אַרויסגעוויזען די ,גאַנצע צייט וואָלט איך געוויס מיינע ליידען ניט געקענט אַריבערטראָגען. פיעלע מאָל האָב איך גאָט געבעטען ער זאָל מיך פון מיינע ליידען באַפרייען און מיך צונעהמען צו זיך, וואו איך וועל זיך קענען באַגעגענען מיט דוד'ן, מיט מיין ליעבען געטרייען מאַן. אָבער זייענדיג צוזאַמען מיט אייך, איז מיר געווען גרינגער אַריבערצוטראָגען מיינע ליידען. מיין ליעבע טאָכטער האָט מיר געגעבען כח און מוטה... און ווען דער ווירדיגער יוסף אבן עקנין איז אָנגעקומען, האָב איך אויף איהם געקוקט מיט אכטונג און עהרענפורכט. איך האָב גלייך אין איהם דערקענט אז ער איז אַ מענש מיט אַן ערהויבענע נשמה, און איך בין זיך מודה, מיין טייערע שרה, אַז איך בין ניט ווירדיג אפילו צו טראַכטען פון איהם!

— רות, דו טאָרסט אַזוי ניט ריידען! — האָט שרה איהר פאַרגע־וואָרפען. — ניט נאָר ווייסען מיר אַלע ווי דיך צו שעצען, נאָר אויך יוסף אבן עקנין, כאָטש ער האָט זיך געמאַכט טויב און שטום, זיינען מיר אָבער ניט בלינד געווען. מיר האָבען אַלע געקענט זעהן זיינע וואַרימע צערטליכע בליקען וואָס זיינען געווען געווענדעט אין דיין ריכטונג. און איך ווייס ווי גליקליך עס וואָלט איהם געמאַכט, ווען ער ווייס אַז אין דיין האַרצען גע־פינט זיך אַ שטיקעל פלאַץ פאַר איהם. מיר אַלע וואָלטען אייך ביידען גע־וואָלט זעהן גליקליך.

אַ רויטקייט האָט באַדעקט רות'ס פנים. זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען און זי האָט געשוויגען.

## קאַפּיטעל פופצעהן

אין דער צייט ווען אין מצרים און אין די אַנדערע לענדער וואָס זיינען געווען אונטער סאַלאַדינ'ס הערשאַפט, האָבען די אידען געלעבט רוהיג און צופרידען, איז אויף די אידען פון תימן געקומען אַ גרויסער אומ־גליק. שוואַרצע וואָלקענס האָבען באַדעקט זייער ליכטיגען הימעל.

דאָס לאַנד תימן וואָס געפינט זיך אין דרום אַראַביע און גרעניצט זיך אין מערב פון דעם ים סוף, איז געווען זעהר אַ וויכטיג לאַנד, וואו דער מסחר האָט געבליהט. אין תימן האָבען זיך געפונען פיעלע אידען וועלכע האָבען זיך געלעבט גאַנץ רוהיג. כאָטש סאַלאַדין איז דאָרט געווען אַנער־קענט פאַר דעם הערשער, איז ער אָבער דאָרט ניט געווען באַפעסטיגט און די מאַכט איז אַריינגעפאַלען צו איינעם פון די דאָרטיגע הערשער מיט'ן נאָמען מאַהדי, וועלכער איז געווען זעהר אַ שטאַרקער פאַנאַטיקער ווי אַל־מומין דער הערשער פון דרום שפּאַניען און מאַראָקאָ.